NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12860

DOS VILDE KLEYNVARG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

דאָס ווילדע קליינוואַרג

אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג

פון דער ביבליאטעק
פון
דוד און פאלין שיין ע״ה
א מתנה
פון זייערע קינדער

דאָס ווילדע קלײַנוואַרג

דערציילונגענ וועגנ כײַעס

געזאמלט פונ ה. חאטאביץ

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאנאלע מינדערהייטנ אינ אוסר״ר
קיעוו 1936 כארקאוו

13/629

פאַראַנטװ. רעדאַקטאָר — ל. מ י ש ק אָ ח ס ק י.
טעכנישער רעדאַקטאָר — מ. ז א ר ע צ ק י. קאָרעקט־
סאָר — א. ש מ ו ל מ א נ. אָפּגעגעבנ אינ זאַצ —
10/VIII — 1935. אונטערגעשריבנ צומ דרוק —
20/XII — 1935. באַפולמעכט. פונ הויפּטליט 1958.
פאַרלאַג-נומ. Є-68. 9-טע רעפּובליקאַנ. אופּקאָ״ט,
קיעװ,״ רויטער פלאַצ 2a. באַשט. 752. טיראַזש
2500 עקז. 11 3/4 דרוק־בויגנ. אינ 1 פּאַפּיר־בויגנ
80 000 דרוק־צייכנס. פּאַפּיר 105 × 72 — 1/16 —
46 קילאָגראַמ.

צעריסנ-אויערל

I

דאָס זאַפטיקע גראָז האָט זיכ אײַנגעבויגנ און צוגעדעקט די געמיטלעכע נעסט, אינ וועלכער די מוטער האָט אײַנגעמאָסטעט דאָס צעריסנ־אויערל. זי האָט אים לײַכט אײַנגעדעקט מיט א גרינ איבערבעטל און, ווי שטענדיק, אים אָנגעזאָגט צו „ליגנ שטיל און ניט ריידנ קיינ וואָרט, מעג זיכ אפילע טרעפנ ווער ווייסט וואָס!“ נאָר דער קראָליק, כאָטש די מוטער האָט אים אויסגעבעטנ זייער א ווילנ געלעגער, האָט אפילע ניט געטראַכט פונ קיינ שלאָפנ, און מיט זײַנע גלאַנציקע אייגעלעכ האָט ער שאַרפ זיכ אײַנגעקוקט אינעמ קליינעמ שטיקעלע גרינער וועלט, וואָס איז געלעגנ אויסגעשפּרייט פונקט איבער אים.

דאָס פייגעלע סויקע און דער רויטער וועוויריק, צוויי באַוווּסטע גאַנאָווימ, האָבנ זיכ געזידלט און געגוואַלדעוועט. איינער האָט דעמ אַנדערנ אָנגערופנ גאַנעוו, און אַפּ א ווײַלע איז דער קוסט, אונטער וועלכנ ס'איז געשטאַנענ דעמ צעריסנ־אויערלס שטיבעלע, פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א שלאַכט־פּלאַצ פאַר די דאָזיקע צוויי קריגערישע באַשעפענישנ. דערנאָכ האָט די מאַלינאָווקע אונטערנ סאַמע קראָליקס נעזל געכאַפּט א בלוי באַבעלע, און א זשוקל מיט שוואַרצע און רויטע פינטעלעכ האָט רויק באַוועגט זײַנע קנופּיקע וואָנצעלעכ, געמאַכט א לאַנגנ שפּאַציר איבער איינ גראָז־בלעטעלע אַרופּ, און דערנאָכ זיכ אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ איבער אַנ אַנדער בלעטעלע. ווײַטער איז דער וועג זײַנער געגאַנגענ פונקט איבערנ מאָרדעלע פונעמ צעריסנ־אויערל. נאָר צעריסנ־אויערל האָט דערבײַ ניט נאָר זיכ קיינ ריר ניט געגעבנ, ער האָט אפילע קיינ פינטל ניט געטאָנ.

שפּעטער אביסל האָט ער דערהערט עפּעס א מאָדנע זשום אינ די בלעטער פונעמ נאָענטנ וועלדל. דאָס איז געווענ א וווּנדערלעכ, אומופּ־

הערלעכ שאָרכענ. דער שאָרכ איז אַלע מאָל צוגעקומענ אזויווי נעענטער אונ נעענטער, נאָר קײנ קלאַנג פונ קײנ טריט האָט מענ ניט געהערט. דאָס צעריסנ־אויערל האָט אָפּגעלעבט דאָס גאנצע לעבנ זײַנס אפנ זומפּ (ער איז אַלט געווענ ערשט א וואָכנ דרײַ), נאָר אזא מינ זאכ איז אימ קײנמאָל ניט אויסגעקומענ צו הערנ. קלאָר, אז ער איז שטארק נײַגיריק געוואָרנ. די מוטער האָט אימ טאקע אָנגעזאָגט, ער זאָל ליגנ וואָס שטילער, אָבער אזוי האָט מענ געדארפט טאָנ בלויז אינ פאַל פונ א געפאר. אינעמ מאָדנעמ שאָרכ, וואָס איז ניט באגלײט געווענ מיט קײנ קלאַנג פונ טריט, איז, דאכט זיכ, ניט געווענ קײנ שומ דראָענדיקס, פאר וועלכנ מע זאָל דארפנ מוירע האָבנ.

דער שאָרכ איז צוגעקומענ גאָר נאָענט צו אימ, דערנאָכ האָט ער זיכ אָפּגעקערעוועט אפ רעכטס, דערנאָכ צוריק אונ האָט אזויווי אָנגעהויבנ צו דערווײַטערנ זיכ. דער קלײנער קראָליק האָט שוינ געוווסט, וואָס ער באדארפ צו טונ. ער האָט פאמעלעכ אופגעהויבנ זײַנ קײַלעכיק קערפּערל אפ די קורצינקע פוכיקע לאפּקעלעכ, ארויסגעשטעקט פונ נעסט זײַנ קלײנינק קײַלעכיק קעפּל אונ געכאפּט א קוק אינ וואלד ארײַנ. בא דער ערשטער באוועגונג, וואָס ער האָט געמאכט, האָט דאָס שאָרכנ גלײַכ זיכ אָפּגעשטעלט. ער האָט גאָרניט ניט דערזענ, אונ דערי־

בער א שפּאַנ געטאָנ פאָרויס. אונ דאָ האָט ער זיכ באַלד געטראָפנ אויג־אפ־אויג מיט א ריזיקנ שוואַרצנ שלאַנג.

— מאַמע!..— האָט אינ טויט־שרעק א געשריי געטאָנ דער אָרעמער קלײנער קראָליק, ווענ די בײזע באַשעפעניש האָט זיכ א וואָרפ געגעבנ אפ אימ...

ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטנ פונ זײַנע פּיצלעכ פיסלעכ אונ געוואָלט אַנטלויפנ. נאָר דער שלאַנג האָט מיט דער געשווינדקײַט פונ א בליצ אימ אָנגעכאַפּט פאַרנ אויער אונ רינגענווײַז זיכ ארומגעוויקלט ארומ דעמ קערפּערל פונעמ קלײנעמ הילפלאָזנ כײַעלע, וואָס ער האָט געכאַפּט אפ ווארעמעס.

— מאַמע!.. מאַמע!..— האָט געפּישטשעט דער אָרעמער קלײנער קראָליק, אינ דער צײַט ווענ דער שלאַנג האָט אימ פּאַמעלעכ גענומענ שטיקנ מיט זײַנע רינגענ.

פאַרשטײט זיכ, אז דער געשריי פונעמ קלײנעמ באַשעפענישל האָט געדאַרפט גאָר אינגיכנ אנשטילט ווערנ שוינ אפ שטענדיק. נאָר דאָ איז פונ דער וואַלד־טיפעניש פּײַל־אויסנ־בויגנ אָנגעלאָפנ זײַנ מוטער. איצט איז דאָס שוינ ניט געווענ די פריִערדיקע שטילע, אומבאַהאָלפענע מאָלי „פוכיקער ווײדל”, וואָס איז גרײט געווענ צו אנטלויפנ אפילע פונעמ אײגענעמ שאָטנ. די מוטער־ליבע האָט איר צוגעגעבנ קראַפט. דער געשריי פונ איר קלײנ קינד האָט אינ איר ארײַנגעהויכט מוטיקײַט, אונ... האָפּ! — זי איז אריבערגעשפּרונגענ איבער דער שרעקלעכער רעפּטיליע אונ אזוי פלינק אָנגעכאַפּט דעמ שלאַנג מיט די שאַרפע נעגל פונ די הינטערשטע לאַפּעס, אז דער שלאַנג האָט פונ דעמ קלאַפּ אופגעציטערט אונ אָנגעהויבנ בײזנ שיפּענ.

— מאַמע!..— האָט שוואַכ א פּישטשע געטאָנ דער קלײנער קראָליק.

די מוטער זײַנע האָט ווידער א שפּרונג געטאָנ אונ נאָכ שטאַרקער אונ האַסטיקער א זעצ געגעבנ מיט די נעגל די מיִעסע בריִע, אונ דער שלאַנג האָט, ענדלעכ, געמוזט ארויסלאָזנ פונ פּיסק דעמ אויער פונ זײַנ קאָרבנ, פּרוּוונדיק זיכ א ביס צו טונ די גרויסע קראָליכע. נאָר דעמ שלאַנג איז געבליבנ בלויז בא עטלעכע פּיצלעכ וואָל פונ מאָליס פוטער, אונ די ליסקעדיקע שוואַרצע הויט פונ זײַנע רינגענ איז אָנגעדראָלנ געוואָרנ מיט לאַנגע בלוטיקע פּאַסנ פונ די האַסטיקע קלעפּ, וואָס מאָלי האָט אימ דערלאַנגט מיט די נעגל.

דער שלאַנג האָט געמוזט נאָכלאָזנ אביסל די רינגענ, וואָס האָבנ צונויפגעדריקט דעמ קלײנעמ קראָליק. צעריסנ־אויערל איז ארויסגעקראָכנ אפ דער פרײַ אונ זיכ אוועקגעלאָזט אונטער די קוסטנ א פאַר־

סאפעטער, א דערשראָקענער. ארויס איז ער א גאנצער, נאָר דער לינ־
קער אויער זײַנער איז געווענ שטארק צעריסנ פונ די ציינ פונעמ
שרעקלעכנ שלאנג.

איצט האָט מאָלי דערגרייכט איר ציל. ס'איז איר אפילע אפנ זינענ
ניט געקומענ צו שלאָגנ זיכ מיטנ שלאנג צוליב רומ אָדער צוליב נע־
קאָמע. זי האָט שנעל אוועקגעיאָגט אינ וואלד ארײַנ, אונ דאָס קראָליקל
איז נאָכגעלאָפנ, שפירנדיק נאָכ איר שניי־ווײַסנ גלאנצנדיקנ ווידל, וואָס
האָט דעמ געדינט פאר א וועגווײַזער, ביז זי האָט עס, ענדלעכ, ניט
געבראכט צו פירנ אינ א באוואָרנט אָרט אפנ זומפ.

II

אָליפאנטס אלטער זומפ — אזוי האָט זיכ גערופנ די אויסגעהאקטע
לאָנקע אינ וואלד, א פארוואָקסענע מיט שטעכלקעס אונ וואלד־געוויקסנ,
מיט א בלאָטיקער סאזשלקע אונ א טײַכל אינדערמיט. ערגעצוו האָבנ
נאָכ דאָרטנ געשטעקט קרומעוויאזע קאָרטשעס פונעמ אלטנ וואלד.
אפ דער ערד צווישנ האָלצ־ברוכ האָבנ זיכ געוואלגערט אלטע קלעצער.
דער פלאצ ארומ דער סאזשלקע איז געווענ פארוואָקסנ מיט ווערבע
אונ אָסאָקע. די פערד איז די דאָזיקע שפײַז ניט געפעלנ, אונ זיי פלעגנ
זי אויסמײַדנ, אָבער קי האָבנ ליב אָסאָקע. די מער טרוקענע ערטער
זײַנענ־געווענ פארוואָקסנ מיט דאָרנרויז אונ מיט דריבנעמ יונגוואלד.
אפנ ראנד, הארט בא די פעלדער, זײַנענ געוואָקסנ פעסטע יונגע סאָס־
נעס מיט אסאכ סמאָלע־זאפט. די לעבעדיקע נאָדלענ אפ די צווײַגנ אונ
די טויטע נאָדלענ, אפ דער ערד אראָפגעפאלענע, האָבנ אָנגעפילט די
לופט מיט ווונדערבארנ שמעקנדיקנ גערוכ, וואָס האָט ארויסגערופנ
אנציקונג בא יעדנ דורכגייער.

ארומ דעמ דאָזיקנ אָרט האָבנ פעלדער זיכ געצויגנ אינ דער ווײַט.
אפ די פעלדער איז ניט זעלטנ געווענ צו טרעפנ שפורנ פונעמ פאלשנ,
פרעכנ פוקס, וואָס האָט געוווינט דאָ ניט ווײַט.

מאָלי אונ צעריסנ־אויערל זײַנענ געווענ די הויפט־אײַנוווינער פונ
אָט דעמ זומפ. זייערע נאָענטסטע שכיינימ האָבנ געוווינט גאנצ ווײַט
פונדאנענ, אונ די נאָענטסטע קרויווימ זייערע זײַנענ אויסגעשטאָרבנ.
נאָר דאָ איז געווענ מאָליס הויז, דאָ האָט זי געוווינט מיט איר קינ־
דעלע, אונ צעריסנ־אויערל האָט זיכ דאָ אויסגעלערנט אסאכ זאכנ, וואָס
מע דארפ זיי וויסנ, כדי צו קענענ מאכנ זיכ א לעבנ.

מאָלי איז געווענ אנ איבערגעגעבענע מוטער אונ האָט זיכ שטארק
אָפגעגעבנ מיט דער דערציונג פונ איר קינד. דאָס ערשטע, וואָס צע־

ריסנ־אויערל האָט זיכ אויסגעלערנט — דאָס איז דעמ געזעצ, אז „מע דארפ זיצנ שטיל אונ ניט ריידנ קיינ וואָרט”. די קלוגשאפט פונעמ דאָזיקנ געזעצ האָט ער באגרײַפט ערשט נאָכ דער געשיכטע מיטנ שלאנג. ער האָט גוט פארגעדענקט אָט די לעקציע, אונ ווײַטער שוינ אלעמאָל געפאָלגט די מוטער.

די צווייטע לעקציע, וואָס די מוטער האָט אימ געגעבנ, איז באשטאנענ אינ דעמ, אז מע דארפ קענענ „פארשטאָרבנ ווערנ”. די דאָזיקע לערע האָט ארויסגעדרונגענ פונעמ ערשטנ געזעצ, אונ צעריסנ־אויערל האָט זיכ עס אויסגעלערנט באלד נאָר, ווי ער האָט אָנגעהויבנ לויפנ.

„פארשטאָרבנ ווערנ” — דאָס האָט געהייסנ ניט באוועגנ זיכ, ווערנ פארשטיינערט. אז א וויל־דערצויגענער קראָליק מיט א פוכיקנ ווײַסנ ווײדל באמערקט אינ דער נאָענט א סוינע, דארפ ער זיכ די מינוט אנידערשטעלנ, ווײַל אלע וואלד־אײַנוווינער האָבנ דאָכ דעמ זעלבנ קאָליר, וואָס די ניט־לעבעדיקע זאכנ ארומ אינ וואלד, אונ זיי ציענ צו זיכ צו די אופמערקזאמקײַט בלויז דאנ, ווענ זיי באוועגנ זיכ. אויב עס טרעפט זיכ, אז צוויי סאָנימ קומענ זיכ צופעליק צונויפ אינ איינ אָרט, איז דער ערשטער, וואָס באמערקט פריער דעמ סוינע, קענ בלײַבנ אומבאמערקט, אויב ער וועט גלײַכ „פארשטאָרבנ ווערנ”, ד. ה. ער וועט בלײַבנ שטיינ אונ זיכ קיינ ריר ניט טונ. דעמלט וועלנ אלע פאָרצוגנ זײַנ אפ זײַנ זײַט, אונ ער וועט קענענ צוטרעפנ די מינוט אפ אָנצופאלנ אָדער אפ צו אנטלויפנ. די וויכטיקײַט דערפונ קאָנענ באגרײַפנ נאָר די, וואָס וווינענ אינ די וועלדער. יעדער ווילדער באלכײַ אונ יעדער יעגער דארפנ דערלערנענ די דאָזיקע קונסט, אונ זיי וויסנ זי טאקע אלע זייער גוט. קיינער אָבער האָט ניט געקענט קאָנקורירנ אינ אָט דעמ געביט מיט מאָלי „פוכיקנ־ווײדל”! זי פלעג לערנענ דאָס צעריסנ־אויערל מיטנ אייגענעמ בײַשפיל. ביזוואנענ ס׳האָט אינ דער געדיכטעניש פונ וואלד געפינקלט פארנ קליינעמ קראָליק דער מוטערס פוכיקער ווײדל, ווי א ווײַס קישעלע, וואָס מע טראָגט מיט זיכ אפ צו זעצנ זיכ, ביז דאנ פלעג ער לויפנ נאָכ איר אָנ אנ אָטעמ. פלעג זיכ אָבער די מוטער אָפשטעלנ אונ „פארשטאָרבנ ווערנ”, אזוי האָט צעריסנ־אויערל גלײַכ אויכ געטאָנ דאָס זעלבע.

נאָר די בעסטע לעקציע, וואָס דער קליינער קראָליק האָט באקומענ בא דער מוטער, דאָס איז געווענ דער סאָד פונעמ דאָרנרויז, וואָס זי האָט אימ אנטדעקט. איצט איז דאָס שוינ א פארעלטערטער סאָד. נאָר קעדיי איר זאָלט וויסנ, אינ וואָס דאָ גייט, מוז איכ אײַכ דערציילנ די

געשיכטע, פארוואָס דער דאָרנרויז האָט זיכ צעקריגט מיט די בײַעס.

אמאָליקע צײַטנ זײַנענ די רויזנ געוואקסנ אפ קוסטנ אָנ דערנער. מײַז אונ וועוועריקעס פלעגנ דעמלט קלעטערנ נאָכ רויזנ איבער די צווײַגנ, די קי פלעגנ זײ מיט די הערנער טרײסלענ, דער אָפאָסומ פלעג זײ מיט זײַנ לאנגנ ווײדל אָפקלאפנ, אונ דער הירש האָט זײ מיט די שארפע טלאָענ געבראָכנ. דעריבער האָט דער רויזנ־קוסט זיכ באוואָפנט מיט דערנער, אפ צו באשיצנ זײַנע רויזנ, אונ האָט דערקלערט איביקע קריג אלע באשעפענישנ, וואָס קלעטערנ אפ בײמער אָדער האָבנ הערנער, טלאָ, לאנגע ווײדלענ. אָבער מיט מאָלינ „פוכיקנ ווײדל" האָט דער דאָרנרויז געלעבט אינ שאָלעמ, ווײַל זי האָט ניט געקענט קלעטערנ, קײנ הערנער ניט געהאט, קײנ טלאָ ניט אונ קימאט אפילע קײנ ווײדל ניט.

אונ טאקע אזוי, מאָלי האָט קײנמאָל מיט גאָרניט ניט געטאָנ קײנ שאָדנ דעמ דאָרנרויז, דערפאר האָט דער דאָרנרויז, וואָס האָט געהאט אסאכ סאָנימ, גענומענ דעמ קלײנינקנ קראָליק אונטער זײַנ שוץ. ווענ דעמ אָרעמענ קלײנמוטיקנ קראָליק דראָט עפעס א געפאר, לאָזט ער זיכ באלד לויפנ צומ נאָענטנ דאָרנרויז־קוסט, וואָס שטעלט גלײַכ ארויס אפ צו באשיצנ אימ א מיליאָנ שארפע גיפטיקע קינזשאלנ.

אָט דאָס איז געווענ דער סאָד, וואָס צעריסנ־אויערל איז געוואָרע געוואָרנ פונ זײַנ מוטער: „דער דאָרנרויז איז דער בעסטער פרײַנט דײַנער".

אינעמ דאָזיקנ זומער איז מער פונ אלצ אוועקגעגאנגענ צײַט אפ דערלערנענ די געגנט, די שטעכלקעס אונ דעמ דאָרנרויז. צעריסנ־אויערל האָט אזוי גוט דערלערנט די געגנט, אז ער האָט געקענט ארומגײנ דעמ זומפ מיט צוויי פארשײדענע וועגנ אונ ניט דערווײַטערנ זיכ מער, ווי אפ פינפ שפרונג, פונ די פרײַנטלעכע קוסטנ דאָרנרויז.

דאָ ניט לאנג האָבנ דעמ קראָליקס סאָנימ מיט גרויס אומצופרידנקײַט באמערקט, אז דער מענטש האָט געבראכט אהערצו עפעס א נײַעמ מינ קוסט מיט שטעכלקעס אונ אימ אומעטומ פארזעצט אינ לאנגע רײענ. דאָס זײַנענ געווענ אזוינע שטײַפע קוסטנ, אז קײנ אײנ באשעפעניש האָט זײ ניט געקענט איבערברעכנ, אונ זײ זײַנענ געווענ אָנגעזעצט מיט אזוינע שארפע נאָדלענ, וואָס האָבנ די גרעבסטע פעל געקענט דורכשטעכנ. וואָס א יאָר האָט זיכ פארגרעסערט די צאָל פונ אָט די קוסטנ, אונ וואָס א יאָר איז אויכ געשטיגנ די געפאר פאר די ווילדע באלעכאימ. אײנ מאָלי „פוכיקער ווײדל" האָט דערפאר קײנ מורע

ניט געהאַט. ניט אומזיסט האָט זי זיך אופגעצויגן אונטערן שוץ פונעם דאָרנרויז־קוסט. הינט און פוקסן, קי און שאָף און אפילע דער מענטש אַליין האָבן געקענט געשעדיקט ווערן פון די דאָזיקע שטעכלקעס. אָבער מאָלי האָט געלעבט א גוטן טאָג אונטער זייער שוץ. און וואָס מער ס׳האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפרייט די דאָזיקע שטעכיקע צאַמען, אַלץ זיכערער איז געוואָרן פאַר מאָלין דאָס לעבן אין דער געגנט. די דאָזיקע נייַע שרעקלעכע שטעכלקעס־קוסטן האָבן זיך אָנגערופן — „פלויט פון שטעכלקע־דראָט״.

III.

מאָלי האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע קינדער, אויסער צעריסן־אויערל, דעריבער האָט זי אים איר גאַנצע מוטער־זאָרג אָפּגעגעבן. ער איז געחען אויסערגעוויינלעך פלינק און קרעפטיק און האָט זיך געפונען אין אויסשליסלעך גוטע באַדינגונגען, וואָס האָבן אים געזיכערט דערפאָלג אין לעבן.

דעם גאַנצן זומער האָט די מוטער אים געלערנט אַלע שפּיצלעך, וועלכע זיינען נייטיק אין לעבן. זי האָט אים געלערנט, וואָס מע דאַרף עסן און וואָס מע דאַרף טרינקען און צו וואָס מע טאָר זיך ניט צורירן. טאָג נאָך טאָג האָט זי געהאָרעוועט און אים געלערנט, און ביסלעכווייַז האָט זי אים איבערגעגעבן אַלע אירע קענטענישן.

ער פלעג זיצן לעבן דער מוטער אַפן קאָניושינע־פעלד, אָדער אין וואַלד, און ניט אַראָפּנעמען פון איר קיין אויג, איר נאָכטון, ווען זי פלעג א צי טון מיט דער נאָז, קעדיי דער רייעך־געפיל זאָל שטענדיק בלייַבן ריין, ניט פאַרטעמפּט. ער פלעג אַרויסשלעפּן פון איר מויל א שטיקל שפּייַז, אָדער אַרומלעקן איר די ליפּן, קעדיי צו דערוויסן זיך, צי עסט ער אויך דאָס זעלבע, וואָס זי. נאָכטוענדיק דער מוטער, האָט ער זיך אויסגעלערנט צעקעמען די אויערן מיט די לאַפּקעלעך, צוקלייַבן ריין דאָס פעלעכל און אַרויסקאַלופּען מיט די ציין די בודיקלעך פון די האָר. ער האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז פאַר א קראַליק טויגן צום טרינקען נאָר די דורכזיכטיקע טוי־טראָפּנס אַף די בלעטער פונעם דאָרנרויז. וואָרעם קוים האָט זיך דאָס וואַסער נאָר אָנגערירט צו דער ערד, איז עס שוין ניט קיין ריינס. אַזוי האָט ער ביסלעכווייַז אָנגעהויבן אַרייַנדרינגען אין דער וואַלד־וויסנשאַפט, דער סאַמע אוראַלטער וויסנשאַפט אַף דער וועלט.

ווען צעריסן־אויערל איז אַביסל אונטערגעוואַקסן און האָט שוין געקענט אַרויסגיין איינער אַליין, האָט די מוטער אים אויסגעלערנט די־

סיגנאַל־געזעצנ. די קראָליקעס טעלעגראַפירנ איינער דעמ צווייטנ, קלאַפנ־דיק איבער דער ערד מיט די הינטערשטע לאַפקעס. איבער דער ערד לאָזט זיכ הערנ דער קלאַנג גאַנצ ווײַט. א קלאַפ, וואָס מע קענ ניט דערהערנ אפ אנ אָפשטאַנד זעקס פוס פונ דער ערד, לאָזט זיכ גאַנצ דײַטלעכ הערנ ווײניקסטנ אפ הונדערט שפאַנ ווײַט, אויב מע לייגט צו דעמ אויער האַרט צו דער ערד. די קראָליקעס האָבנ זייער אנ איידעלנ געהער אונ קענענ דערהערנ אַזאַ קלאַפ פאַר העכער צוויי הונדערט שפאַנ, דאָס הייסט פונ אײנ עק אָליפאַנטס זומפ ביזנ צווייטנ. אײנ קלאַפ באַטײַט: „זײַ אופמערקזאַמ!״ אָדער „ווער פאַרשטאָרבנ!״. צוויי לאַנגזאַמע קלעפ באַטײַטנ: „קומ אהער!״. גיכע צוויי קלעפ באַטײַטנ: „א געפאַר!״, אונ זייער גיכע דרײַ קלעפ איינס נאָכנ אנדערנ באַטײַטנ: „ראַטעווע זיכ אונ אנטלויפ וואָסגיכער!״.

ווענ דער וועטער איז געווענ א גוטער, אונ די סויקעס האָבנ זיכ געקריגט צווישנ זיכ,—א זיכערער סימענ, אז ס'איז ניטאָ נאָענט קיינ געפערלעכער סוינע,—האָט צעריסנ־אויערל באַקומענ בא דער מוטער א נײַע לעקציע. מאָלי האָט צוגעקוועטשט די אויערנ—דאָס איז געווענ א סימענ, אז ער דאַרפ זיכ „צוקוועטשנ״ צו דער ערד. דערנאָכ איז זי אַוועקגעלאָפנ ווײַט אינ וואַלד אַרײַנ אונ אימ אַרויסגערופנ פונ דאָרט צו זיכ מיט א סיגנאַל—מיט א קלאַפ אינ דער ערד. צעריסנ־אויערל האָט זיכ אפנ סיגנאַל באַלד געלאָזט לויפנ אהינ, די מוטער אָבער האָט ער ניט געקענט געפינענ. דאַנ האָט ער אַליינ אָנגעהויבנ טופענ מיט די פיסלעכ. נאָר קיינ ענטפער האָט ער ניט באַקומענ. האָט ער פלײַסיק גענומענ זוכנ די מוטער אונ געפונענ א גערוכ פונ די שפורנ פונ אירע טריט. לויטנ דאָזיקנ וועגווײַזער, וואָס איז גוט באַקאַנט אַלע באַלעכאַימ, אונ נאָר פאַרנ מענטשנ איז עס א פאַרבאָרגענער סאָד, האָט ער געפונענ דאָס אָרט, ווו די מוטער האָט זיכ באַהאַלטנ. אַזוי אַרומ האָט ער באַקומענ די ערשטע ידיעס פונ אויסשפירונג, אונ די שפיל אינ באַהעלטעניש מיט דער מוטער האָט אימ צוגעגרייט צומ ערנסטנ געיעג, וואָס איז אימ פאַרגעשטאַנענ אינעמ גאַנצנ קומענדיקנ לעבנ.

איידער נאָכ ס'איז דורכגעגאַנגענ דער דאָזיקער ערשטער זומער פונ זײַנ לעבנ, האָט ער שוינ געוווּסט אַלע וויכטיקסטע שפיצלעכ, וואָס אָנ זיי קענ דער קראָליק ניט זײַנ באַוואָרנט מיטנ לעבנ, אונ אינ אײניקע פונ זיי האָט ער זיכ אפילע אַרויסגעוויזנ פאַר אנ עמעסנ געני.

ער האָט אויסגעצייכנט געקענט זיכ באַהאַלטנ הינטער א בוימ, זיכ א דריי טונ אונ ניט סטײַענ פונ אָרט, צוקוועטשנ זיכ צו דער ערד,

פאַרשטעלנ זיכ אלס א שפּאַלט, טרעפנ די ריכטונג פונ ווינט אונ פאַר־ פלאָנטערנ די שפּורנ זײַנע. ער האָט אויכ גוט געוווּסט שוינ, וויאַזוי ער דאַרפ זיכ באַנוצנ מיטנ שטעכיקנ דראָט. ער האָט גוט אויסגעשטו־ דירט די זאַמד, וואָס קענ פאַרניכטנ יעדנ גערוכ, זיכ באַקענט מיט די פּלויטנ אונ מיט די נאָרעס, האָט זיכ אויסגעלערנט די שווערע לערע— מאַכנ א טאָפּלדיקנ שפּור. אונ דאָכ האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסנ אינ דעם, אַז דער גרונט פונ אַלע קלוגשאַפטנ באַשטייט אינעם געזעצ: „ליגנ שטיל", אונ אַז דער שטעכיקער דאָרנרויז איז דער איינציקער, שטענדיק זיכערער באַשיצער זײַנער.

ער האָט דערקענט אַלע זײַנע פײַנט אונ דערוווּסט זיכ די מיטלענ, וויאַזוי זיי אויסצומײַדנ. ווײַל די שפּאַרבערס, סאָוועס, פוקסנ, יאָג־הינט אונ געווײנלעכע הינט, ווידרעס, מאַרדערס, קעצ, טכוירנ אונ אויכ מענטשנ,— אַלע האָבנ זיי דאָכ זייערע באַזונדערע גענג אונ פּירעכצנ, אונ פאַר יעדנ פונ זיי איז פאַראַנ א באַזונדער מיטל צו באַשיצנ זיכ. צעריסנ־אויערל האָט זיכ צו דעם אַלעמענ דערגרונטעוועט.

אפ צו דערוויסנ זיכ, אַז א פײַנט דערנענטערט זיכ, האָט ער פריער פונ אַלצ זיכ געדאַרפט פאַרלאָזנ אפ זיכ אַליינ אונ אפ דער מוטער, אונ דערנאָכ ערשט אפ דער סויקע. דאָס האָט אים מאָלי אויסגעלערנט.

— זאָלסט קיינמאָל ניט גרינג־שעצנ די אָנווײַזונגענ פונ דער סוי־ קע,— האָט אים די מוטער געזאָגט,— זי איז א זידלערקע, א רעכילעס־ ניצע אונ א גאַנעווטע, נאָר קיינ שום זאַכ לאָזט זי ניט דורכ פאַרבײַ. זי וואָלט אונדז, אוואַדע, געוואָלט שאַטנ טונ, נאָר זי קענ עס ניט אויס־ פירנ איבערנ דאָרנרויז. אונ אונדזערע סאָנים זײַנענ אויכ אירע סאָנים— דאַרפ מענ דעריבער זיכ שטענדיק צוקוקנ צו איר. אויב דער פּיקהאָלצ וואָרנט דיכ מיט זײַנ געשריי, אַז דער סוינע איז נאָענט, מעגסטו אים גלייבנ, ווײַל ער איז אַנ ערלעכער פאַרשוינ. נאָר אינ פאַרגלײַכ מיט דער סויקע איז ער אַנ אָפּגעריסענער נאַר. די סויקע זאָגט אָפטמאָל א ליגנ אונ קענ אָפּטונ עמעצנ א בייז שפּיצל. דאָכ דאַרפסטו איר גלייבנ, ווענ זי קומט אונ ברענגט שלעכטע נײַסנ.

די שפּיל מיטנ שטעכיקנ דראָט פאָדערט אַסאַכ קאַלטבלוטיקײַט אונ פלינקע פיס.

— דאָס איז אַנ אויסגעצייכנטע שפּיל,— האָט מאָלי געזאָגט,— צום אָנהייב פירסטו דעם הונט מיט א גלײַכער ליניע אונ גיסט זיכ אים קלוימערשט אונטער. דערנאָכ, האַלטנדיק זיכ פונ אים די גאַנצע צײַט אפ א שטרעקע פונ איינ שפּרונג, זאָלסטו אים אָפּפירנ לויט א קאָסע ריכטונג, מיט א לאַנגנ אָפּנייג, פונקט צומ שטעכיקנ פּלויט, וואָס גע־

פינט זיך אפ איין הייך מיט זיין ברוסט. איך האָב געזען אסאך הינט און פוקסן, וואָס האָבן זיך אזויארום גאנץ פיין צעקאליעטשעט, און איינער א גרויסער יאָג־הונט איז אפילע גלייך אפן אָרט אומגע־קומען. נאָר איך האָב ניט איינמאָל געזען, אז אויך קראָליקעס האָבן באצאָלט מיט זייער לעבן פאר אזא שפיל!

צעריסן־אויערל האָט זיך דערוווּסט פון אזא זאך, וואָס אייניקע קראָליקעס וועלן עס גאָר קיינמאָל זיך ניט דערוויסן; אז „פארגראָבן זיך אין דער נאָרע" איז גאָר ניט אזא גוטער און קלוגער איינפאל, ווי עס וואָלט זיך געקענט דוכטן. פאר א קראָליק מיט פארשטאנד איז דאָס אין א געוויסער מאָס א מיטל אפ צו זיכערן זיך פון געפאר, אָבער א נארישער קראָליק קען זיך דאָ פריער אָדער שפעטער ארייַנפאקן אין א געפערלעכער נעץ. א יונגער קראָליק וועט פריער פאר אלץ אלעמאָל באלד נעמען און אוועקלויפן און זיך פארגראָבן אין דער נאָרע, אן אלטער געניטער קראָליק, אָבער, וועט זוכן פריער אנדערע מיטלען אפ צו באשיצן זיך. באהאלטן זיך אין דער נאָרע איז גוט, ווען מע ראטעוועט זיך פון א מענטשן, פון א הונט, פון א פוקס און א רויב־פויגל. אָבער אין דער נאָרע קען מען פאקן דעם טויט אפן אָרט, אויב מע אנטלויפט פון א טכויר, א ווידרע, א וויזעלע אָדער א מארדער.

אפן זומפ זיינען געווען סאכאקל צוויי ערד־נאָרעס. איינע פון זיי געפינט זיך אפ א טרוקן, באשיצט בערגל אין דאָרעמדיקן ראנד פונעם זומפ. די קראָליקעס פלעגן ליב האָבן אין א גוטן וועטער מאכן זיך זונ־וואנעס אפן בערגל. זיי פלעגן זיך אויסלייגן אפ די דופטיקע איי־ביק־גרינע סאָסנע־נאָדלען, זיך אויסציִען און מאכן אזוינע לעכערלעכע קעצישע שטיק, פאמעלעכן זיך קייַקלען פון איין זייט אפ דער אנדערער, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך גוט אייַנבראָטן פון אלע זייטן. דערביי פלעגן זיי זיך קנייטשן, דריגען מיט די פיס און קוויטשען, אזויווי פון שטארקן ווייטעק, און אינדערעמעסן האָבן זיי גאָר געהאט דערפון דעם גרעסטן פארגעניגן.

פונקט אפן שפיץ בערגל איז געשטאנען א גרויסער קאָרטש פון א סאָסנע. זיינע אומגעלומפערטע וואָרצלען האָבן זיך געשלענגלט איבערן געלן זאמדיקן בארג־אראָפ, ווי דראקאָנען, און אונטערן שוץ פון זייערע קרומעוויאזע לאפעס האָט שוין גאנץ לאנג געהאט זיך אויסגעגראָבן א נאָרע דער אלטער בייזער סוריק. וואָס א טאָג איז ער געוואָרן אלץ פרעכער און צערייצטער, און איינמאָל האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און זיך גענומען שלאָגן מיט אן אָליפאנטער הונט, אנשטאָט צו אָפטרעטן און זיך באהאלטן אין דער נאָרע. דער געשלעג האָט זיך געענדיקט

זייער שלעכט פארנ סוריק, און אינ א שאָ ארום האָט שוינ מאָלי פארכאפט זײַנ ווינונג.

דערנאָכ האָט די דאָזיקע נאָרע קאַלטבלוטיק פארנומענ א יונגער זעלבסטצופרידענער טכויר. ער האָט אָבער געהאט קורצע יאָר, ווײַל זײַנ סייכל האָט אים פארטראָגנ, אז אפילע א מענטש מיט א ביקס דארפ פונ אים אנטלויפנ. פיר טעג, ניט מער, האָט ער געוועלטיקט אינ דער נאָרע, כאָטש ער האָט אויסגערעכנט צו דורכטרײַבנ מאָלינ און זיכ באַזעצנ דאָרט אפ אײביק.

די צווייטע נאָרע איז געווענ אינעמ געדיכטנ פאפאָרט, ניט ווײַט פונ דעמ קאָביושינע־פעלד. זי איז געווענ א קליינע און א נאסע און האָט געטויגט בלויז, ווי א לעצטע באהעלטעניש אינ פאל פונ א נויט. געמאכט האָט זי אויכ איינער א סוריק, וואָס איז געווענ פונדעסטוועגנ א גאנצ ווילער שאָכנ, אָבער ער האָט זיכ אויכ ארויסגעוויזנ פאר זייער א לײַכטזיניקנ פארשוינ, און דעריבער האָט מענ פונ זײַנ פעלעכל געמאכט א בײַטש, מיט וועלכער מע טרײַבט איצט אָנ אָליפאנטס פערד, אז זיי זאָלנ גיינ ווי געהעריק אינ שפאנ.

— עס איז עמעסע גערעכטיקײַט! — האָט דער אלטער פערמער געטײַנעט. — דאָס דאָזיקע פעלעכל איז אויסגעוואקסנ אפ געגאנוועטנ פיטער, וואָס וואָלט פארנוצט געוואָרנ פאר די פערד און וואָלט, אזויארום, פארוואנדלט געוואָרנ אינ ארבעט־קראפט.

אזוי זײַנענ די קראָליקעס צוביסלעכווײַז געוואָרנ די איינציקע באַלעבאטימ איבערביידע נאָרעס. זיי זײַנענ אָבער קיינמאָל ניט צוגעקומענ צו זיי גלאט אזוי זיכ, קעדיי ניט דורכצוטרעטנ קיינ שטעגל, וואָס וואָלט אויסגעגעבנ דעמ סוינע די לעצטע באהעלטעניש זייערע.

ס'איז געווענ דאָרטנ אויכ אנ אויסגעהוילטער נוסנבוימ, א גרינער נאָכ, כאָטש שוינ קימאט אינגאנצנ אנ אײַנגעוואלגערטער. ער איז געווענ אויסגעהוילט אפ דורכ און דורכ. א לאנגע צײַט האָט זיכ דאָרטנ אופגעהאלטנ דער אלטער יענאָט לאָנגאָר, וואָס פלעג כאפנ פרעש און זיכ שווערנ, אז קיינ שום אנדער שפײַז נעמט ער ניט אינ מויל ארײַנ. ס'איז אָבער געווענ צו גלייבנ, אז ווענ עס טרעפט זיכ אימ צו דער האנט א קראָליק, וואָלט ער זיכ מיט אימ געוויס ניט געסאמט. איינמאָל באנאכט איז ער אומגעקומענ בעשאס א רויבערישנ אָנפאל אפ דער אָליפאנטער הינער־שטאל. מאָלינ האָט עס ניט שטארק באנק געטאָנ, און זי האָט מיט א פארגרינגערט הארצ פארנומענ זײַנ געמיטלעכע נעסט.



IV

די העלע אווגוסט־זונ האָט פארגאָסנ דעמ זומפ מיט אירע שטראלנ. אלצ ארומ האָט זיכ ווי געבאָדנ אינ איר פלאמיקער שייַנ. אפ א לאנגנ ראָר־שטענגל איז געזעסנ בא דער סאזשלקע א קליינ זומפ־פייגעלע אונ געצוויטשערט. לעבנ פייגעלע האָבנ געגלאנצט אפ דער זונ קליינע קאליזשקעלעכ מיט שמוציקער וואסער. בלויע שטיקלעכ הימל האָבנ זיכ אָפגעשפיגלט אינ די קאליזשקעלעכ, אונ צוזאמענ מיט די געלע וואַסער־געוויקסנ האָבנ זיי אויסגעבילדעט א ווונדערבארע מאָזאַיִק מיט א קליינ פייגעלע אינ צענטער, וואָס שטעקט מיט די פיסלעכ ארופ. די ברעגנ זייַנענ געדיכט געוועזנ באוואָקסנ מיט גאָלד־גרינער זומפ־קרויט, וואָס האָט געוואָרפנ א געדיכטנ שאָטנ אפ די טונקל־ברוינע זומפ־הרודקעס.

די העלע פארבנ־שפיל האָט באמ זומפ־פייגעלע קיינ אנטציקונג ניט ארויסגערופנ, דערפאר אָבער האָט עס צוגעזענ אזינע זאכנ, וואָס מיר וואָלטנ זיי קיינמאָל ניט באמערקט. עפעס האָט זיכ דעמ געגנומענ דוכטנ, אז צוויי ברוינע הרודקעס, וואָס באהאלטנ זיכ אונטער די ברייטע בלעטער פונ דער זומפ־קרויט, זייַנענ אינדערעמעסנ גאָר ניט קיינ בלעטער, נאָר

לעבעדיקע קודלאטע באשפּעניִשן, וואָס הערן ניט אוף צו פירן מיט די נעזלעך ארוף און אראָפּ.

דאָס איז געווען מאָלי און צעריסן־אויערל. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אונטער דער קרויט ניט דערפאר, וואס ס'איז זיי שטאַרק געפעלן גע־וועג דער שווערער גערוך אירער, נאָר ווײַל די קלישטשן האָבן ניט גע־קענט פארטראָגן דעם דאָזיקן שווערן גערוך און זיי דאָ געלאָזט צורו.

בא די קראָליקעס איז ניטאָ קיין באשטימטע צײַט אף לעקציעס. זיי לערנען זיך קעסיידער.

מאָלי און צעריסן־אויערל זײַנען געקומען אהער זיך אָפּרוען אין דער שטיל. נאָר פּלוצלינג האָט א וואָרן־סיגנאַל פון דער שטענדיק וואכ־זאמער סויקע געצווּנגען מאָלין אופהייבן די נאָז ארוף און אָנשטעלן די אויערן. מיטן זומפּ איז גלײַך אף זיי געלאָפן א גרויסער שווארצער הונט.

— איצט, — זאָגט מאָלי, — דריק זיך צו צו דער ערד. און טו זיך ניט קיין ריר, ביז איך וועל ניט צונעמען פונדאנען דעם דאָזיקן נאר.

זי האָט אָן אן אָטעם זיך געלאָזט לויפן אנטקעגן דעם הונט און דרייסט אים איבערגעשניטן דעם וועג.

— האוו! האוו! — האָט דער הונט אָנגעהויבן בילן און זיך אוועקגעלאָזט נאָכן קראָליק.

נאָר מאָלי האָט אים די גאנצע צײַט געהאלטן אף אזא שטרעקע, אז ער זאָל זי ניט קענען אָנכאפּן, און אים פארפירט אהין, וווּ א מיליאָן שטעכלקעס האָבן אים צעבלוטיקט זײַנע איידעלע אויערן, — צום באַהאלטענעם פּלויט פון שטעכיקן דראָט. דער הונט האָט זיך צעדראפּעט און מיט א שרעקלעכער קוויטשערײַ גענומען לויפן אף צוריק. מאָלי האָט דערווײַל געמאכט א צווייען דיקן שפּור, א שלייף און א קווער־שפּור, אפן פאל, טאָמער וועט זיך דעם הונט ווידער פארגלוסטן קומען אהער צו לויפן, און דער־נאָך האָט זי זיך אומגעקערט צום צעריסן־אויערל. זי האָט דערזען, ווי צעריסן־אויערל שטייט אן אופגערעגטער אף די הינטערשטע לאפּקעס מיט אן אויסגעצויגענעם האלדז און שפּירט שטארק נײַגיריק נאָכן געיעג.

די מוטער איז אויסער זיך געווען פונ זײַנ ניט־פאָלגנ. זי האָט אים
מיט קאס א קלאפּ געטאָנ מיטנ הינטערשטנ פוס אונ ארײַנגעוואָרפנ גלײַכ
אינ בלאָטע ארײַנ.

איינמאָל האָבנ זײ זיכ געפּיטערט אפנ קאָנוישינע־פעלד, איז אָנגע־
פאלנ אפ זײ פונ דער הייכ א שפּארבער מיט א רויטנ ווײדל. מאָלי
האָט אים, אזויווי אפ צעפּיקעניש, א זעצ געטאָנ מיט די הינטערשטע פיס
אונ איז אוועק אינ די געדיכטע קוסטנ פונעמ דאָרנרויז, וווּהינ דער
שוואַרבער האָט, פארשטײט זיכ, ניט געקענט איר נאָכיאָגנ. מאָלי איז
געלאָפנ איבער דער סטעזשקע, וואָס פירט צו א קופּע צווײַגנ. די סטע־
זשקע איז געווענ פארוואָקסנ מיט קריכנדיקע געוויקסנ, אונ מאָלי האָט,
ניט אראָפּלאָזנדיק קײנ אויג פונעמ שפּארבער, זיכ אָפּגעשטעלט איבער־
צוהריזענ די שטענגלעכ, וואָס האָבנ פארצוימט איר דעמ וועג. צעריסנ־
אויערל, וואָס איז איר נאָכגעלאָפנ, איז אוועק אפ פריער אונ איבער־

געהריזעט נאָכ עטלעכע שטענגלעכ, וועלכע זײַנענ געוואָקסנ אפנ וועג.

— אָט אזוי, פֿײַנ! זאָלסט שטענדיק האלטנ פרײַ די דורכגאנגענ, וואָרעמ זיי וועלנ דיר זייער אָפט צונוצקומענ. זיי דארפנ זײַנ ניט קיינ ברייטע, נאָר שטענדיק דורכגערייניקטע. אלצ, וואָס איז ענלעכ אפ א קריכ־געוויקס, וועלכער פארשטעלט דעמ וועג איבער דער סטעזשקע, זאָלסטו איבערהריזענ, אונ אינ איינ שיינעמ טאָג וועסטו זיכ דערוויסנ, אז דו האָסט איבערגעהריזעט א שטריק־נעצל.

— וואָס איז אזוינס א שטריק־נעצל? — האָט געפרעגט צעריסנ־אויערל, קראצנדיק זיכ דעמ רעכטנ אויער מיטנ לינקנ הינטערשטנ פוס.

— א שטריק־נעצל איז ענלעכ אפ א קריכיקנ געוויקס, נאָר ס'איז ניט קיינ געוויקס אונ ס'איז ערגער פונ אלע שפארבערס אינ דער וועלט, — האָט מאָלי געענטפערט אונ געכאפט א קוק אפנ רויטנ ווײדל פונעמ שפארבער, וואָס איז שוינ געווענ אָפגעפליגנ גאנצ ווײַט. — ערגער איז עס דערפאר, ווײַל דאָס נעצל ליגט באהאלטנ אפ דער סטעזשקע אונווארט טאָג ווי נאכט אפ דער מינוט, אז ס'זאָל דיכ קענענ א פאק טונ.

— אָט באלד טאקע פאקט עס מיכ! — האָט צעריסנ־אויערל געמאָלדנ מיט פארשײַט־יוגנטלעכער זעלבסטזיכערקייט.

ער האָט זיכ אופגעהויבנ אפ די הינטערשטע לאפקעס אָנצורײַבנ אביסל דעמ קינ מיט די וואָנצעס אינ א גלאטנ שטאמ פונ א יונג ביימל. צעריסנ־אויערל האָט אפילע אליינ ניט באמערקט, וואָס ער טוט. נאָר די מוטער זײַנע האָט אלצ פארשטאנענ מיטנ קוק. דאָס איז געווענ פונקט אזא סימענ, ווי בא א יינגל, ווענ עס בײַט זיכ בא אימ די שטימ. פאר דער מוטער איז קלאָר געוואָרנ, אז צעריסנ־אויערל הערט שוינ אופ צו זײַנ א קינד, אונ וועט גאָר אינגיכנ ווערנ א דערוואָקסענער קראָליק.

V

פליסיק וואסער האָט אינ זיכ עפעס א צויבער. ווער ווייסט עס ניט אונ ווער האָט עס ניט אויסגעפרווט? א בויער פונ אײַזנבאנ־וועגנ וועט קיינ מוירע ניט האָבנ דורכצולייגנ אנ אָנשיט איבער א ברייטנ זומפ, אָדער אנ אָזערע, צי אפילע איבער א יאמ־אײַנגוס, נאָר ער באציט זיכ מיטנ גרעסטנ רעספעקט צו א דינינקנ שטראָמ פליסיקער וואסער, שטודירט זײַנ ריכטונג אונ סטארעט זיכ אימ נאָכגעבנ.

א רײַזנדער אינ דער וויסטעניש, וואָס גייט אויס פונ דאָרשט, וועט זיכ מוירע האָבנ צורירנ מיט די ליפנ צו א סאזשלקע מיט שטייענדיקנ

וואסער, וואָס איז פארוואָקסנ מיט אָסאָקע, ביז ער וועט ניט גע־פינענ אזא וואסער־באסיינ, וועלכער האָט אינ צענטער א־ריינ דינ שטראָ־מעלע, וואָס געפינט זיכ שטענדיק אינ באוועגונג — א סימענ, אז דאָס איז פליסיק, לעבעדיק וואסער. ערשט דעמלט וועט ער צופאלנ צום שטרעמעלע אונ שטילנ זײַנ דאָרשט.

פליסיק וואסער פארמאָגט א צויבערנדיקע קראפט. אונטער א נויט באנוצט זיכ די כײַע מיט אָט דער קראפט פונעם טײַכל. א ווילדע וואלד־באשעפעניש אנטלויפט אינ שרעק פונ איר טויט־סוינע, וואָס פאָלגט זי נאָכ אונ זוכט איר שפור. זי זעט, אז דער טויט איז נאָענט אונ פילט זיכ שוינ אינ דער מאכט פונעם סוינע. די קויכעס אירע לאָזנ זיכ אויס, אלע קונצנ אונ שפיצלעכ האָבנ ניט געבראכט צו גאָרניט. נאָר אָט איז זי געקומענ מיטנ שטעגל צו א וואסער, צו לעבעדיקנ, פליסיקנ וואסער! זי טוט זיכ א וואָרפ אהינ, יאָגט אוועק מיטנ קאלטנ שטראָם, שווימט אים איבער אונ לאָזט זיכ לויפנ מיט באנײַטע קרעפטנ אינ וואלד ארײַנ.

דאָס איז די צויבערנדיקע קראפט פונ פליסיקנ וואסער.

די יאָג־הינט קומענ צו לויפנ צום זעלבנ אָרט, ווו די פארפאָלגטע כײַע האָט א שפרונג געטאָנ אינ וואסער ארײַנ. זיי שטעלנ זיכ אָפּ אונ טראכטנ, וואָס ווײַטער צו טונ. נאָר זיי וועלנ גאָרניט צוטראכטנ. דער פרײלעכער שטראָם האָט צעשטערט זייער מאכט, אונ די ווילדע כײַע, וואָס האָט זיכ געראטעוועט מיטנ וואסער, פירט זיכ ווידער א פרײַ לעבנ.

דאָס איז געווענ דער צווייטער גרויסער סאָד, וואָס מאָלי האָט אנט־דעקט איר זונ.

— געדענק, — האָט זי אים געזאָגט, — אז דער צווייטער פרײַנט דײַנער נאָכנ דאָרנרויז — דאָס איז וואסער!

אינ אײנער א הייסער, שטיקנדיקער נאכט, אינ אווגוסט כוידעש, האָט מאָלי געפירט איר זונ דורכנ וועלדל. דאָס ווײַסע וואטע־קישעלע אירס אונטערנ ווײדל האָט זיכ געלויכטנ פאָרויס אונ געדינט פאר א לאמטערנ — וועגווײַזער דעם צעריסנ־אויערל. באלד ווי זי האָט זיכ אָפּגעשטעלט אונ זיכ צוגעזעצט צו דער ערד, איז דער לאמטערנ פאר־לאָשנ געוואָרנ. אזוי האָט זי געמאכט עטלעכע שפאצירנ, פונ צײַט צו צײַט זיכ אָפּגעשטעלט אונ זיכ צוגעהערט צו עפּעס, ביז זיי זײַנענ צו־געקומענ צום ברעג פונ דער סאזשלקע. די סאָוועס האָבנ אָפּ די ביי־מער איבער זיי געזונגענ: „שלאָפ, שלאָפּ!“. אָפּ א קלאָץ, וואָס איז געלעגנ אײַנגעזונקענ טיפ אינ וואסער, איז אנ אָנגעבלאָזענער פראָש

געזעסנ ביזנ האלדז אײַנגעטונקענ אינעם קאלטנ ביטל, געזונגענ א ליד אונ נאָכגעמאכט א סאָלאָווײ.

— קומ נאָכ מיר, — האָט מאָלי געזאָגט צו איר זונ אפ דער קראָלישער שפראכ. אונ... פיטש! — זי האָט גלײַכ א שפרונג געטאָנ אינ וואסער אונ איז אוועקגעשווומענ צו דער פארטרונקענער קלאָצ אינ דער מיט פונ דער סאזשלקע.

צעריסנ־אויערל האָט א ציטער געטאָנ, דאָכ איז ער ארײַנגעשפרונגענ אינ וואסער. ער האָט געפירכקעט: „אופ! אופ!", געאָטעמט שווער אונ אלע מאָל געדרײט מיט דער נאָז. מיט די זעלבע באוועגונגענ, וואָס אפ דער ערד, האָט ער זיכ גערוקט פאָרויס איבערנ וואסער אונ האָט דערזענ, אז ער קענ גאָר שווימענ. ער איז געשווומענ נאָכ דער מוטער, ביז ער איז צוגעקומענ צו דער פארטרונקענער קלאָצ. ער האָט זיכ ארופגעדראפעט אפ דער טרוקענער זײַט אונ זיכ אוועקגעזעצט לעבנ דער נאסער מאָלינ, אנ ארומגערינגלטער מיט א פאָרהאנג פונ טשערעט אונ וואסער, וואָס קאָנענ האלטנ סאָד.

פונ דעמלט אָנ, ווענ דער אלטער ספרינגפילדער פוקס פלעג אינ די הײסע פינצטערע נעכט קומענ אפנ זומפ נאָכ רויב, פלעג צעריסנ־אויערל זיכ אײַנהערנ, ווו קוואקעט עס ערגעצ דער פראָש. לויטנ קאָל פונעם פראָש האָט ער באשטימט, וווּהינ מע דארפ לויפנ, טאָמער טרעפט זיכ א געפאר. פונ יענער צײַט אָנ פלעג זיכ אים אויסדוכטנ, אז דער פראָש זינגט: „קומ אהער! קומ אריבער צו אונדז; אויב דו ביסט אינ געפאר!"

דאָס איז געווענ די לעצטע לעקציע, וואָס צעריסנ־אויערל האָט באקומענ בא זײַנ מוטער. אײגנטלעכ, איז דאָס שוינ געווענ א לעקציע אויסער דער פראָגראם, ווײַל אסאכ קלײנע קראָליקעס ווײסנ גאָר קײנמאָל ניט פונ דעם.

VI

קײנ שום ווילדער באלכײַ שטארבט ניט פונ אלטקײַט. פריער אָדער שפעטער קומט אָנ דער טראגישער סאָפ פונ זײַנ לעבנ. די פראגע באשטײט נאָר אינ דעם, ווי לאנג קאָנ ער אויסמײַדנ זײַנע פײַנט. נאָר צעריסנ־אויערלס לעבנ דינט פאר א באווײַז, אז אויב א קראָליק לעבט דורכ בעשאָלעמ זײַנ פריִע יוגנט אונ טרעט ארײַנ אינ די מיטליאָרנ, קענ ער אויכ גרינג אָפלעבנ אָט די יאָרנ אונ אומקומענ ערשט אינעם לעצטנ דריטל פונ זײַנ לעבנ, אינ פעריאָד, וואָס מיר רופנ אָנ עלטער.

די קראָליקעס זײַנען פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט מיט שׂונאים. זײער טאָגטעגלעך לעבן שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ רײ גליקלעכע צופֿאַלן פֿון אויסמײַדן אומפֿאַרמײַדלעכע געפֿאַרן. הינט, פֿוקסן, קעץ, טכוירן, יע־נאָטן, מאַרדערס, ווידרעס, שלענג, שפּאַרבערס, סאָוועס, מענטשן און אַפֿילו אינזעקטן — אַלע ווילן דערהאַרגענען קראָליקעס. הונדערטער לײ־פּאַסירונגען טרעפֿן זיך מיט די קראָליקעס, און אײנמאָל אין טאָג, ווי־ניקסטנס, קומט זײ אויס לויפֿן אָן אָטעם, פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף די פֿלינקע פֿיס און דערפֿינדערישקײט פֿונעם סײכל.

ניט אײנמאָל האָט דער פֿאַרהאַסטער ספּרינגפֿילדער פֿוקס זײ גע־צווּנגען אויסצובאַהאַלטן זיך אין אײנעם צוואַלגערטן כּאָזער־שטעלכל לעבן טײַך, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. און אַז זײ האָבן זיך פֿאַרקליבן אַהין, האָבן זײ שוין געקענט רויִק צוקוקן, ווי דער פֿוקס פּרוּווט זיך איבעררײַסן דעם דראָט און פֿאַרווּנדעט זיך די לאַפּעס.

אַ מאָל צווײ האָט זיך דעם צעריסן־אויערל אײַנגעגעבן אונטער־שטעלן דעם נאָכיאָגנדיקן הונט אַ טכוירל אָנשטאָט זיך, אויך אַ געפֿער־לעכן סרינע זײַנעם, ניט ווײניקער סרינע פֿונעם הונט.

אײנמאָל האָט זיך צעריסן־אויערל אַרײַנגעפּאַקט לעבעדיקערהײט אין געפֿענקעניש צו אײנעם אַ יעגער, ווען עס האָבן געהאָלפֿן אין געיעג אַ הונט און אַ טכויר, נאָר אויף צווײטן טאָג האָט אים געראָטן צו אַנטלויפֿן. ניט זעלטן האָט די קאַץ אים פֿאַרטריבן אין וואַסער אַרײַן. פֿיל מאָל איז אים אויסגעקומען זיך ראַטעווען פֿון שפּאַרבערס און סאָוועס. פֿאַר יעדן מין געפֿאַר האָט ער געהאַט אַ באַזונדער מיטל צו באַשיצן זיך. די מוטער האָט אים אויסגעלערנט אַלע קונצן און שפּיצ־לעך, נאָר אַז ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער זײ פֿאַרפֿולקומט און צוגעטראַכט נײַע. און וואָס עלטער און קליגער ער איז געוואָרן, אַלץ ווײניקער האָט ער זיך פֿאַרלאָזט אויף זײַנע פֿיס, און אַלץ מער האָט ער זיך פֿאַרטרויט דעם סײכל.

ער האָט געהאַט אַ שאָכן אַ יונגן יאָג־הונט. רענדזשער האָט ער געהײסן. רענדזשערס באַלעבאָס פֿלעג אים אַמאָל הײסן כאַפּן אַ קראָליק, און דער הונט פֿלעג זיך מערסטנטײלס יאָגן נאָכן צעריסן־אויערל טאַקע. אָבער פֿאַרן קראָליק איז דאָס געווען גאָר אַ שפּיל, ניט ווײניקער, ווי פֿאַר די יעגער אַלײן, ווײַל די געפֿאַר פֿלעג אים אָפּרעגן, און ער האָט אַפֿילו געהאַט דערפֿון פֿאַרגעניגן.

— זע נאָר, מאַמע, — פֿלעג ער זאָגן, — אָט גײט ווידער דער הונט. איך וועל זיך שוין הײַנט אָנלויפֿן אַביסל.

— דו ביסט שוין צופיל דרייסט, מײַן זון צעריסן־אויערל! — האָט זי אים געענטפערט. — צו אָפט לויפסטו אום.

— וואָס רעדסטו, מאמע? וואָס קען דען זײַן בעסער און פריילעכער, ווי זיך לוסטיק מאכן איבער דעם דאָזיקן נאַר! און, אויסערדעם, געניט איך זיך אין דער לערע פון לויפן. אויב ס'וועט מיט מיר האלטן שלעכט, וועל איך אָנהייבן טופען צו דיר, וועסטו אנטלויפן און אים אָפווענדן פון מיר, אז איך זאָל קענען אנטלויפן.

און אָט פלעג צעריסן־אויערל זיך לאָזן לויפן. רענדזשער דערשמעקט זײַן שפור און נעמט אים ארומיאָגן, ביז דער קראָליק ווערט שטארק מיד. דאן קלאַפט ער אויס א טעלעגראמע צו דער מוטער און בעט זי קומען צו הילף. און זי קומט צו לויפן און ווענדעט אָפ דעם הונט, אָדער צעריסן־אויערל אליין דרייט זיך אויס פונעם הונט דורך עפעס א שפיצל. איינעם אזא קונץ וועלן מיר דאָ באשרײַבן, וועט פאר אײַך קלאָר זײַן, ווי גרינטלעך צעריסן־אויערל האָט אויסגעשטודירט די וויסנשאפט פונעם וואלד־לעבן.

ער האָט געוווּסט, אז זײַן גערוך האלט זיך סאמע בא דער ערד, און וואָס מער ער איז צעהיצט, אלץ שטארקער איז דער גערוך. הייסט עס, אז ווען ער זאָל זיך קענען דערווײַטערן פון דער ערד און אָפזײַן רויק אקעגן א האלבער שאָ, קעדיי ער זאָל זיך אליין אָפקילן און לאָזן אויסלופטערן זיך דעם גערוך פון זײַן שפור, וואָלט ער געווען אויסער געפאר. איז ער אזוי איינמאָל, מיד ווערנדיק פון דער ארומיאָגעניש מיטן הונט, אוועקגעלאָפן צום ברעג טײַכל, ווו ס'זײַנען געשטאנען געדיכטע דאָרנרויז־קוסטן, און האָט דאָרט געמאכט אזויפיל געפלאָנטערטע שפורן, אזויפיל שלייפן, אז דער הונט איז צעטומלט געוואָרן און זיך, אזויארום, פארהאלטן אף א לענגערער צײַט. דאן איז דער קראָליק אוועק גלײַך אין וואלד ארײַן און גענומען שפרינגען פון איין שטאם אפן צווייטן, האלטנדיק זיך קעגן ווינט. ער האָט זיך אָפגעשטעלט בא איין בוים און איז אוועקגעלאָפן צוריק מיטן אייגענעם שפור, דערנאָך זיך א וואָרף געטאָן אין א זײַט און צוגעלאָפן צו אן אנדער בוים. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אפן פריערדיקן אָרט, האָט צוגעוואַרט, ביז דער הונט וועט איבערגיין ווײַטער, נאָכן ערשטן שפור זײַנעם. דעמאָלט האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צוריק אפן אלטן שפור און האָט דאָרט געמאכט א גרויסן שפרונג אין דער זײַט, קעדיי צו „פארפלאָנטערן דעם גערוך". דערנאָך איז ער ארויפגעשפרונגען אף א הויכן קאָרטש, האָט זיך ארויפגעדראפעט אפן שפיץ און זיך דאָרט אײַנגעמאָסטעט, פארשטעלנדיק זיך פאר א שטיין צי פאר א האָלץ־געשווילעכץ.

רענדזשער האָט געכאַטערט אסאך צײַט אפ אומיאָגן זיך נאָכן קראָליק, נישטערנדיק אין די קוסטן פונעם דאָרנרויז, און ווען ער האָט ענדלעך, אָנגעטראָפן אפ א גלײַכן שפור, וואָס האָט אים צוגעפירט צום ערשטן בוים, איז שוין דער גערוך פונעם קראָליקס שפורן שטארק אָפּגעשוואכט געוואָרן. דאָ האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבן דרייען, קעדיי צו אופזוכן דעם שפור, האָט ווידער פארלאָרן צײַט, ביז ער האָט נאָכאמאָל אָנגעטראָפן אפ אים. נאָר דער שפור האָט זיך פלוצעם איבערגעריסן. דער הונט איז געבליבן שטיין, ווי א נאר, האָט זיך געדרייט און געדרייט. די קרײַזן זײַנען אלץ ברייטער און ברייטער געוואָרן, ביז ער איז דורכגעלאָפן פונקט אונטערן שטאם, אפ וועלכן ס'איז געזעסן דער קראָליק. נאָר דער אָפּגעקילטער גערוך, אין א קאלטן טאָג נאָך, איז ניט דערגאנגען אראָפּ. צעריסן־אויערל האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן און ניט געגעבן קיין ריר מיט קיין אייווער. דער הונט איז דורכגעלאָפן פארבײַ דעם קאָרטש און האָט אים ניט באמערקט.

דער הונט האָט זיך אָבער ווידער אומגעקערט אהינצו, זיך אָפּגעשטעלט און גענומען ארומשמעקן דעם אונטערשטן טייל פונעם שטאם.

— יאָ, אפּגעוויס, עס שמעקט דאָ מיט קראָליק! — אָבער דער גערוך איז שוין געווען א שוואכער, עפּעס אזויווי א לאנגאָנענדיקער. פונדעסטוועגן האָט דער הונט גענומען קלעטערן אפן הויכן קאָרטש.

באם קראָליק איז דאָס הארץ אײַנגעפאלן, ווען ער האָט דערזען, ווי דער הונט קריכט אפן שטאם און פירכקעט מיט דער נאָז. נאָר צעריסן־אויערל האָט ניט פארלאָרן דעם מוט. די ריכטונג פונעם ווינט איז געווען אים צו גונסטן, און ער האָט באשלאָסן אראָפּשפּרינגען, ווי נאָר רענדזשער וועט זיך דערקלײַבן ביז האלבן וועג. אָבער דער הונט איז ווײַטער ניט געקראָכן. א פּאָשעטער הונט וואָלט א קוק געטאָן ארופ אפן שפּיץ קלאָץ און וואָלט באמערקט דעם קראָליק. נאָר דער יאָג־הונט, וואָס גייט קעסיידער נאָך נאָכן שפור, האָט אים ניט באמערקט. און אזויווי דער גערוך פונעם שפור האָט זיך שוין קימאט אויסגעלופטערט, האָט רענדזשער אופגעהערט זוכן און איז אראָפּגעשפּרונגען פון דער קלאָץ. צעריסן־אויערל איז געווען געראטעוועט.

VII

צעריסן־אויערל האָט קיינמאָל אפ זײַן לעבן ניט געזען קיין אנדער קראָליק, אויסער זײַן אייגענער מוטער. ער האָט, מיסטאמע, אפילע ניט געטראכט, אז עס קענען גאָר זײַן אפ דער וועלט אנדערע קראָליקעס.

ס'איז אים אלץ אָפטער אויסגעקומענ זיך שיידנ מיט דער מוטער, נאָר ער האָט זיך איינזאמ ניט געפילט, ווײַל קראָליקעס נייטיקנ זיך ניט אינ קיינ געזעלשאפט. איינמאָל אינ דעקאבער כוידעש, ווענ ער איז געשטאַנענ איינמיטנ א קופּע ברוכהאָלץ, הריזענדיק א נײַעמ דורכגאנג צומ גרויסנ וואלד באמ טײַכל, האָט ער פּלוצלינג דערזענ אפנ זונ־באגאָסענעמ ארופּ־א־בארג, אפנ פּאָנ פונעמ הימל, א קאָפּ אונ אויערנ פונ א פרעמדנ־קראָליק. דער אומגעבעטענער גאסט האָט מיט א צופרידענעמ אויסזענ באטראכט די אומבאקאנטע געגנט, דערנאָך האָט ער מיט א טענצל זיך אוועקגעלאָזט איבער איינעמ פונ צעריסנ־אויערלס שטעגלעך גלײַך צו זײַנ זומפּ. עפּעס א נײַער, אומבאקאנטער געפיל האָט זיך דערוועקט אינעמ צעריסנ־אויערל. דאָס איז געווענ א געמיש פונ האס אונ צאָרנ, וואָס ווערט אָנגערופנ אײַפערזוכט.

דער אומבאקאנטער האָט זיך אָפּגעשטעלט בא איינעמ א בוימ, וווּ צעריסנ־אויערל פלעג ליב האָבנ זיך אויסציִענ, שטייענדיק אפ די הינטערשטע לאפּעס, אונ אָנרײַבנ דעמ קינ אינעמ שטאמ, דערבײַ פלעג ער זיך סטארענ דערלאנגענ וואָס העכער. צעריסנ־אויערל פלעג מיינענ, אז ער טוט עס נאָר צוליב אייגענעמ פארגעניגנ. נאָר אינדערעמעסנ גאָר פירנ זיך אזוי אלע קראָליקעס — „ערנ", אונ זיי טוענ עס צוליב פארשיידענע צוועקנ. פריִער פונ אלץ ווערט אזויארומ איבערגעגעבנ דעמ בוימ דער קראָלישער גערוך, אונ פרעמדע קראָליקעס דערוויסנ זיך גלײַך, אז דער זומפּ איז שוינ דאָ פארנומענ מיט א קראָלישער מישפּאָכע, אונ פרעמדע דארפנ זיך דאָ ניט באזעצנ. ווידער, דערוויסט זיך דער נײַער לויטנ רייעך, צי דער קראָליק, וואָס האָט דעמ גערוך דאָ איבערגעלאָזט, איז זײַנער א באקאנטער, אונ לויט דער הייך פונ דער ערד ביזנ אָרט, וווּ דער גערוך ענדיקט זיך, באשטימט ער דעמ וווּקס זײַנעמ.

צעריסנ־אויערל האָט צו זײַנ גרויסנ פארדראָס דערזענ, אז דער נײַער קראָליק איז אפ א גאנצנ קאָפּ העכער פונ אימ — פאר אימ איז געשטאַנענ א גרויסער, פעסטער אונ געזונטער „ער". ס'האָט אימ ארומגענומענ א שפּאָגל־נײַער געפיל. דער גײַסט פונ מאָרד אונ רעציכע איז אינ אימ ארײַנ. ער האָט גיך אָנגעהויבנ קײַענ מיטנ ליידיקנ מויל, א שפּרונג געטאָנ אפ א גלײַכנ פלאץ אונ לאנגזאמ גענומענ טופּענ מיטנ פוס: „טופּ! טופּ! טופּ!"...

דאָס איז געווענ א טעלעגראמע אפ דער קראָלישער שפּראך, וואָס האָט באטײַט: „פארנעמ זיך פונדאנענ, אָדער קומ זיך מיט מיר שלאָגנ".

דער פרעמדער קראָליק האָט אָנגעשטעלט די אויערנ, ווי א לאטייִנישע ציפער V, זיכ אויסגעגלײַכט אונ זיכ צוגעזעצט א ווײַלע, דערנאָכ האָט ער זיכ אראָפּגעלאָזט אפ די פעדערשטע לאפּעס, אונ נאָכ העכער, מיט זיכערקײַט אונ קוראזש, אויסגעקלאפּט מיט די הינטערשטע פיס: „טופּ, טופּ! טופּ!"...

אזויארומ איז דערקלערט געוואָרנ קריג צווישנ בײדע קראָליקעס.

זיי האָבנ אָנגעהויבנ זיכ דערנעענטערנ אײנער צומ אנדערנ מיט א זײַט, דערבײַ האָט יעדערער זיכ געסטארעט צו האלטנ זיכ אקעגנ ווינט אונ אויסווארטנ א גינסטיקנ מאָמענט אפ אָנצופאלנ. דער אומבאקאנטער איז געווענ א ווזקסיקער, געזונטער „ער" מיט פעסטע מוסקולנ. אָבער צעריסנ־אויערל האָט באמערקט לויט אײניקע געננ זײַנע, אז אינ קונצנ אונ שפּיצלעכ איז ער א קנאפּער ווײסער אונ רעכנט אויס דעריקער אפ זײַנ פעסטנ קערפּער אונ שווערער וואָג. ענדלעכ, זײַנענ זיי זיכ צונויפגעקומענ. צעריסנ־אויערל האָט באגעגנט דעמ קעגנער זײַנעמ, ווי אנ עמעסער קלײנער טײַוול. זיי האָבנ זיכ בײדע א הײב געטאָנ ארופ אונ גענומענ זיכ שלאָגנ מיט די הינטערשטע פיס. טוק! טוק! די קלעפּ האָבנ זיכ געשאָטנ אפנ קלײנעמ קראָליק, געבעכ, ווי א האָגל, אונ ער האָט זיכ עטלעכע מאָל איבערגעקוליעט. אינ דער מינוט איז דער פרעמדער קראָליק אונטערגעשפּרונגענ אונ האָט אימ א ביס געטאָנ. צעריסנ־אויערל האָט פארלוירנ עטלעכע שטיקלעכ וואָל פונעמ פעלעכל, ביז ער האָט באוויזנ צו שטעלנ זיכ ווידער אפ די פיס. ער איז אָבער געווענ גענוג פלינק, איז ער גלײַכ אָפּגעלאָפנ ווײַטער אביסל, אז דער סוינע זאָל צו אימ ניט דערלאנגענ. נאָר דער געשלעג האָט זיכ דערמיט ניט געענדיקט. צעריסנ־אויערל האָט זיכ ווידעראמאָל א וואָרפ געטאָנ אפנ פרעמדנ קראָליק, יענער האָט אימ ווידער אומגעוואָרפנ פונ די פיס אונ אימ צעביסנ אָנ ראכמאָנעס. צעריסנ־אויערל האָט, פארשטײט זיכ, ניט געקענט זיכ פארמעסטנ מיט אזא שטארקנ סוינע, אונ גאָר אינגיכנ האָט ער שוינ געדארפט זוכנ א מיטל, וויאזוי צו ראטעווענ זיכ דאָס לעבנ.

א פארווונדעטער האָט ער זיכ געשטעלט אפ די פיס אונ זיכ געלאָזט לויפנ. נאָר דער סוינע האָט זיכ געיאָגט נאָכ אימ פוס־טריט. ער האָט שוינ איצט געוואָלט ניט נאָר אימ דורכטרײַבנ פונ זײַנ היימ, פונעמ זומפּ, נאָר פאָשעט מאכנ אנ עק פונ זײַנ לעבנ. צעריסנ־אויערל האָט פארמאָגט פלינקע פיס אונ געזונטע לונגענ, אונ דער גרויסער אונ שווערלײַביקער פרעמדער קראָליק האָט זיכ אינגיכנ געמוזט אָפּזאָגנ פונעמ געיאָג. דער קלײנער קראָליק האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט — ער איז, נעבעכ, אָפּגעגאנגענ מיט בלוט פונ די ווונדנ, אונ ס'איז אימ שווער

געווענ צו באוועגנ זיכ. אונ פונ דעמ טאָג אָנ האָט אימ באהערשט א געפיל פונ שרעק. ער האָט געוווּסט, וויאזוי זיכ אויסדרייענ פונ סאָוועס, הינט, מארדערס, מענטשנ, נאָר ער האָט ניט געקענט צוטראכטנ קיינ אייצע, וויאזוי מע דרייט זיכ אויס פונ אנ אנדער קראָליק. איינ מיטל איז אימ נאָר געבליבנ — זיכ אויסבאהאלטנ אונ ליגנ שטיל, ביז וואנענ יענער וועט אימ דערטאפנ, אונ דעמלט — ווידער אנטלויפנ.

די קליינע מאָלי איז געווענ שטארק דערשלאָגנ. זי האָט דעמ זונ מיט גאָרנישט ניט געקענט העלפנ אונ האָט געדארפט טראכטנ, וויאזוי אליינ זיכ אויסצובאהאלטנ. דער גרויסער קראָליק האָט זי אינגיכנ טאקע אופגעזוכט. זי האָט געוואָלט אנטלויפנ פונ אימ, אונ ניט געקענט, ווייל זי איז ניט געווענ אזוי פלינק, ווי צעריסנ־אויערל. עמעס, דער פרעמדער קראָליק האָט זי ניט געוואָלט הארגענענ, פארקערט, ער האָט זיכ גאָר געפרוווט האלטנ מיט איר פיינ אונ איידל. נאָר אזויווי זי האָט אימ שטארק פיינט געהאט אונ קעסיידער פונ אימ געוואָלט אנטלויפנ, האָט ער זיכ אָנגעהויבנ באגיינ מיט איר זייער שלעכט. ער האָט זי ניט געלאָזט צורו, טאָג נאָכ טאָג נאָכגעלאָפנ נאָכ איר, אונ אָפטמאָל, אז ער פלעג ווילד ווערנ פונ צאָרנ פאר איר האס צו אימ, פלעג ער זיכ א וואָרפ טונ אפ איר, אומוואלגערנ זי אפ דער ערד אונ רייסנ פונ איר שטיקלעכ וויכע, פוכיקע וואָל. נאָר דעריקער האָט ער געוואָלט דערהארגענענ דאָס צעריסנ־אויערל, אונ ס'האָט זיכ געקענט דוכטנ, אז פארנ קליינעמ קראָליק איז שוינ קיינ אויסוועג ניט געבליבנ. קיינ אנדער זומפ אפ איבערקלייבנ זיכ איז ניט געווענ. ווו ער זאָל זיכ ניט געווענ אויסבאהאלטנ אפ צו כאפנ א דרימל, האָט ער שטענדיק געמוזט זיינ גרייט צו לויפנ, וווהינ די אויגנ טראָגנ, קעדיי צו ראטעווענ זיכ פונ טויט־געפאר. אלע טאָג פלעג דער גרויסער קראָליק זיכ אונטערגאנווענענ צו דעמ אָרט, ווו צעריסנ־אויערל האָט זיכ קוימ איינגעאָרדנט אפ זיכ אויסרוענ אביסל. דער קליינער האָט אלעמאָל באוויזנ זיכ אופכאפנ באצייטנס אונ אנטלויפנ. נאָר וואָס קומט ארויס פונ דעמ אנטלויפנ, אז זיינ לעבנ הענגט שטענדיק אפ א האָר? עמעס, דערווייל ביז אהער האָט אימ אָפגעגאָלטנ זיכ ראטעווענ דאָס לעבנ. נאָר פונ אזא נימעסדיק לעבנ איז דאָכ ניטאָ קיינ ערגערס אפ דער וועלט! פילנ קעסיידער די אייגענע אומבאהאָלפנקייט, צוזענ אלע טאָג, ווי דער פרעמדער פארהאסטער קראָליק שלאָגט אונ פייניקט זיינ אָרעמע מוטער, ווי ער פארכאפט אלע זיינע באליבטע פיטער־פלעצער, אלע געמיטלעכע ווינקעלעכ אונ שטעגלעכ, וואָס ער האָט געפאטערט אפ זיי אזויפיל מי! דאָס אומגליקלעכע צעריסנ־אויערל האָט פארשטאנענ, אז די־

רויב קומט אָן דעם באַזיגער, און ער האָט פײַנט געקראָגן דעם פרעמדן קראָליק נאָך מער, איידער דעם טכויר צי דעם הונט.

מיט וואָס האָט זיך עס געקענט ענדיקן? צעריסן־אויערל איז אויסגעמאַטערט געוואָרן פון שטענדיקן אומלויפן, פון שטענדיקן וואַך־זײַן און פון שלעכטער דערנערונג. בײַ דער קליינער מאָלי זײַנען אויך שטאַרק געפאַלן די קויכעס. דער פרעמדער קראָליק איז געווען גרייט אַף אַלץ, אַבי צו פּאָטער ווערן פונעם צעריסן־אויערל, און ער האָט, צולעצט, זיך געלאָזט אַף אַ שרעקלעכן פאַרברעכן. געוויינלעך פירט זיך בײַ לײַטישע קראָליקעס; אַז ווי זיי זאָלן ניט פײַנט האָבן איינער דעם אַנדערן, פאַרגעסן זיי שטענדיק אין דער סינע צווישן זיך, בעשאַס זיי טרעפן זיך מיט אַן אַלגעמיינעם סוינע. און דאָ האָט זיך געטראָפן אַזאַ געשיכטע: איינמאָל האָט איבערן זומפּ זיך באַוויזן אַ שפּאַרבער; דער פרעמדער קראָליק, וואָס האָט זיך אַליין גוט באַהאַלטן, האָט עטלעכע מאָל גענומען טרײַבן דאָס צעריסן־אויערל אַפן פרײַען פּלאַץ, קעדיי ער זאָל זיך פּאַקן צום שפּאַרבער אין די נעגל.

א פּאָר מאָל טאַקע האָט דער שפּאַרבער אים שיר ניט אָנגעיאָגט. צום גליק, האָט ער באַוויזן זיך אַרײַנכאַפּן אינעם דאָרנרויז און זיך אויסבאַהאַלטן. נאָר דער גרויסער קראָליק האָט זיך אַליין אויך שיר ניט געפּאַקט צום רויב־פויגל. צעריסן־אויערל האָט זיך דאָס מאָל ווידער געראַטעוועט, דערפון איז אים אָבער זײַן לעבן גרינגער ניט געוואָרן. ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן מאָרגן באַנאַכט אַנטלויפן מיט דער מוטער און גיין זיך זוכן ערגעץ אַף דער וועלט אַ נײַע היים. נאָר פּלוצלינג האָט ער דערהערט דאָס קאָל פונעם יאָג־הונט רענדזשער, וואָס האָט אומגענישטערט איבערן ראַנד פונעם זומפּ, פירכקענדיק מיט דער נאָז. דאַן האָט זיך צעריסן־אויערל באַשלאָסן אַף אַ שטאַרק ריזיקאַלישער זאַך. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום הונט און איז אים מיט אַ קיווןן איבערגעלאָפן דעם וועג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געפערלעכע יאָגעניש. צעריסן־אויערל איז דרײַ מאָל אַרומגעלאָפן אַרום זומפּ, ביז ער האָט זיך ניט איבערצײַגט, אַז זײַן מאַמע האָט זיך גוט באַהאַלטן, און דער ביטערער סוינע זײַנער זיצט זיך אין זײַן באַשטענדיקער נאָרע. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט גלײַך צום פרעמדן קראָליק, האָט אַ שפּרונג געטאָן איבער אים מיטן גאַנצן אימפּעט און אים אַ זעץ געטאָן בעשאַסן שפּרונג מיטן הינטערשטן פוס איבערן קאָפּ.

— דו אָפּגעריסענער נאַר, איצט וועסטו זיך שוין געזעגענען מיט דײַן קאָפּ! — האָט דער פרעמדער קראָליק אַ געשריי געטאָן, אַרויס־

שפרינגענדיק פון דער נאָרע, און איז געבליבן שטיין צווישן צעריסנ־אויערל און דעם יאָג־הונט.

דער הונט האָט מיט א שרעקלעכער בילעניש זיך געלאָזט נאָכן קראָליקס הייסע שפורן. די מײַלע פונעם קראָליקס שווערער וואָג און גרויסן קערפּער אין קאמפּ מיט אנדערע קראָליקעס איז איצט פאר אים געווען דער גרעסטער אומגליק. קונצן האָט ער געקענט ווייניק, ער האָט נאָר עפּשער געוווּסט פון א „דאָפּלטן שפּור" פון א „שלײַף" און א „נאָרע"—אלץ אזוינע קלייניקײַטן, וואָס יונגע קראָליקלעך אפילע זײַנען דערמיט באקאנט. נאָר דאָ, אין געיאָג מיטן הונט, האָט ער אפילע מיט אָט די מיטלען זיך ניט געקענט באנוצן, ווײַל דער הונט איז געווען צו נאָענט פון אים, און ניט פון קיין דאָפּלטע שפּורן, ניט פון קיין שלײַפן האָט ער ניט געהאט וואָס צו טראַכטן. און פון דעם, ווו גע־פינען זיך עס דאָ נאָרעס—האָט ער אפילע קיין אנונג ניט געהאט.

זיי האָבן זיך געיאָגט אף א גלײַכער ליניע. דער קראָליק האָט גע־פּרוווט זיך ראטעווען אינעם דאָרנרויז, נאָר דאָס האָט אים אויך ניט געהאָלפן. דאָס בילן פונעם יאָג־הונט האָט ניט אופגעהערט אף קיין מי־נוט. צעריסנ־אויערל מיט מאַלינ, וואָס האָבן זיך באהאלטן אונטער א צודעק, האָבן דײַטלעך געהערט, ווי די צווײַגן פונעם דאָרנרויז האָבן א טרישטשע געטאָן, ווי דער הונט האָט א קאוויוטשע געגעבן—מיסטאָמע האָבן זיך דערנער פארשטאָכן אין די צארטע אויערן זײַנע. נאָר מיטאמאָל איז אלץ שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך נאָר געהערט עפּעס א פּאָרקערײַ, דערנאָך האָט עמעצער הויך און פארצווייפלט א קוויטשע געטאָן...

צעריסנ־אויערל האָט געוווּסט, וואָס דאָס באטײַט, און איז פארצי־טערט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער באלד בארויִקט און איז שטארק געווען צופרידן, וואָס ער ווערט ווידער באלעבאָס איבערן ליבן אלטן זומפּ.

VIII

דער אלטער אָליפאנט האָט געהאט, פארשטייט זיך, די פולע רעכט צו פארברענען אלע קופּעס מיט צווײַגן באם מיזרעכדיקן און דאָרעמ־דיקן ראנד פונעם זומפּ און צענעמען די אײַנגעוואלגערטע פארצוימונ־גען פון שטעכיקן דראָט, וואָס זײַנען געשטאנען פונקט באם אונטערשטן ראנד פונעם טײַכל. אָבער צעריסנ־אויערל און זײַן מוטער זײַנען געווען ניט שטארק צופרידן דערפון. אין די קופּעס צווײַגן האָבן זיי זיך גע־האט זייערע געמיטלעכע שטיבלעך, און די אײַנגעוואלגערטע דראָט־פארצוימונג איז געווען די שטארקסטע פעסטונג זייערע.

זיי האָבן אַזוי לאַנג געהערשעוועט איבערן זומפּ, אַז יעדעס פּיצל איז בײַ זיי געווען פאַרעכנט פאַר זייערס אַן אייגנס—אַפילו דאָס אָרט, ווּ ס'זײַנען געשטאַנען אַליפאַנטס געבײַדעס. דעריבער האָבן זיי זיך אַזוי פײַנטלעך באַצויגן צו יעדן פרעמדן קראַליק, וואָס האָט זיך דאָרט באַוויזן אַפילו אויפן אַ פי־הויפּ.

אין יאַנוואַר כוידעש, ווען דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט, האָבן די אַליפאַנטן אויסגעהאַקט די רעשטן פונעם גרויסן וואַלד אַרום דער סאַזשלקע, און אַזויאַרום איז פון אַלע זײַטן בײַ די קראַליקעס אָפּגענומען געוואָרן אַ שטיק פון זייער מאַיאָנטעק. די קראַליקעס האָבן פונדעסטוועגן ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם זומפּ, כאָטש ער איז וואָס אַמאָל אַלץ קלענער געוואָרן, ווײַל דאָרט איז געווען זייער היים, און אָנהייבן וואַנדערן ערגעץ איבער פרעמדע ערטער האָט זיך זיי ניט געגלוסט. זיי האָבן געפּירט, אַזויווי פריִער, זייער קראַליק־לעבן, פול מיט טאָגטעגלעכע געפאַרן. די לעצטע צײַט האָבן די קראַליקעס געהאַט אַ שטיקל דערשרעק—דער מאַרדער האָט זיך מיטן טײַכל־שטראָם פאַרקליבן אַרויף צו זייער שטילן ווינקעלע. נאָר זיי זײַנען דורך אַ קלוגן קונץ פון אים פּאָטער געוואָרן—זיי האָבן אים אָפּגעשיקט צו אַליפאַנטס הינער־שטאַל. דאָך זײַנען זיי ניט געווען אינגאַנצן זיכער, אַז ער וועט זיך מער צו זיי ניט אומקערן, און האָבן דעריבער באַשלאָסן זיך אָפּהאַלטן אַ צײַט פון צוגיין צו די נאָרעס, וואָס וואָלטן געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נעץ פאַר זיי. האָבן זיי זיך בעסער אויפגעהאַלטן אין די קוסטן פונעם דאָרנרויז און אין די ווו־ניט־ווו פאַרבליבענע קופּעס ברוכהאָלץ.

דער ערשטער שניי איז אינגאַנצן אַראָפּ. דער וועטער איז געווען אַ לויטערער און אַ קלאָרער. מאָלינ האָט אַביסל געמאַטערט דער ריוומאַטיזם, איז זי אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַרײַן נאָך ברוסניקע־גראָז. צעריסן־אויערל איז געזעסן אויפן ברעג, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט בלאַסע שטראַלן פון דער זון. אויפן דאַך פון אַליפאַנטס הויז האָט זיך פונעם באַקאַנטן קוימען געצויגן אַ רויך, אַ בלאָס־בלויער צווישן די וואַלד־געוויקסן, און אַרויפצו איבער די ביימער, אויפן פּאָן פונעם לויטערן הימל—אַביסל אַ געלבלעכער. דער אָפּגעגילדעטער דאַך אויף דער זון איז ביז האַלב געווען פאַרשטעלט מיט קוסטן פון דאָרנרויז, טונקל־רויטע אין די שאָטנדיקע ערטער, און שימערירנדיקע מיט פּורפּור־גלאַנץ און גאָלד—אויף דער זון. הינטערן הויז איז געשטאַנען אַ שפּײַכלער. דער דאַך איבער אים איז אויך מיט זון־שטראַלן געווען באַגילדעט.

לויט די קלאנגען, וואָס זײַנען דערגאנגען פון דאָרטן, און פונעם פײַנעם גערוך, וואָס איז געווען צוגעמישט אינעם רויך, האָט דאָס צעריסנ־אויערל זיך אָנגעשטויסן, אז אינ די שטאלנ גיט מענ איצט דעמ פי קרויט אפ וועטשערע. דער קראָליק האָט זיך אזש באלעקט בלויז פונעם געדאנק, אז מע עסט דאָרטנ איצט אזא געשמאק געריכט. ער האָט אלע ווײַלע געפינטלט מיט די אויגנ און געצויגנ מיט דער נאָז דעמ פײַנעמ גערוך, וואָרעמ קרויט האָט ער ליב געהאט מער פון אלע עסנס אינ דער וועלט. ער האָט שוינ לאנג קיינ רעכטנ ביסנ אינ מויל נית געהאט. נעכטנ באנאכט איז ער פארקראָכנ אפנ טויק און האָט דאָרטנ צונויפגעקליבנ עטלעכע דארע בינטלעכ קאָנישינע־קעפלעכ. און וואָסער קראָליק מיט סייכל אינ קאָפּ וועט גיינ צוויי מאָל נאָכאנאנד אפ איינ און דעמ זעלבנ אָרט?

צעריסנ־אויערל האָט דעריבער געטאָנ אזוי, ווי דער גלײַכער סייכל האָט אימ געזאָגט. ער האָט זיך פארקליבנ אינ אזא אָרט, ווו ס'האָט מיט קיינ קרויט נית געשמעקט, און האָט אָפּגעגעסנ וועטשערע אביסל; היי, וואָס דער ווינט האָט פארטראָגנ אהינ פונעמ סטויג. שפּעטער, אז ס'איז צײַט געוואָרנ גיינ שלאָפנ, איז מאָלי אויכ געקומענ. זי האָט אײַנגענומענ אירע קרײַטעכצער אפ א רעפוע, און דערנאָכ האָט זי באשיידנ צוגעביסנ אפ וועטשערע מיט א פאָר זיסע יונגע בערעזע־צווײַגלעכ אפנ זוניקנ בערגל.

דערווײַל איז פארגאנגענ די זונ. זי איז אוועק ערגעצ אפ א גאנצער נאכט. אינ מיזרעכ־זײַט האָט זיך גענומענ אופשטעלנ עפעס א גרויסע שווארצע וואנט, וואָס האָט אינגיכנ פארשטעלט דעמ גאנצנ הימל, פארלאָשנ ווו א פיצל שײַנ, און פון דער וועלט איז געוואָרנ עפעס אזויווי א פינצטערע גרוב. דערנאָכ איז געקומענ אנ אנדער שלאק—דער ווינט. ער האָט זיך באנוצט מיט דעמ, וואָס די זונ איז ניטאָ, און האָט אָנגעטאָנ אסאכ צאָרעס. דער וועטער איז געוואָרנ אלצ קעלטער און קעלטער, ערגער, דאכט זיך, אפילע פון דעמלט, ווענ די ערד איז געווענ אײַנגעדעקט אינ שניי.

— א שרעקלעכע קעלט! עס טוט מיר אזוי באנק, וואָס ס'איז ניטאָ מער אונדזער צעוואלגערטער קוימענ פונעמ אריוונ!—האָט א זאָג געטאָנ צעריסנ־אויערל.

— הײַנטיקע נאכט וואָלט זייער גוט געווענ אינ דער נאָרע באמ קאָרטש פון דער סאָסנע,—האָט מאָלי געענטפערט.—נאָר דאָס פעלעכל פונעמ מארדער הענגט נאָכ נית אפנ פארקנ אינ עק הויפ, איז דעריבער גלײַכער הײַנט נאָכ נית גיינ אהינצו.



דער אויסגעהוילטער נוסנבוימ איז שוינ ניט געוועזנ. ער איז געלעגנ פריִער אפנ האָלצ־פּלאצ, אונ אינ זייַנ שטאמ האָט זיכ געמאכט א באָרע דער מארדער, וואָס די קראָליקעס האָבנ פאר אימ אזוי מוירע געהאט. נאָר זיי האָבנ דערפונ ניט געוווּסט. דעריבער האָבנ זיי זיכ אוועקגעלאָזט מיט א טענצל צומ דאָרעמדיקנ ווינקל פונ דער סאזשלקע, אויסגעקליבנ א קופּע צווייַגנ, זיכ פארקליבנ אהינ אונ זיכ איינגעאָרדנט אפ נאכט. זיי זייַנענ זיכ אזוי געלעגנ מיט די נעזער אפנ ווינט, געדרייט מיט זיי אינ אלע זייַטנ, קעדיי זיכ באצייַטנס צו דערוויסנ, פונוואנענ קומט די געפאר. דער ווינט איז אלע ווייַלע אלצ קעלטער אונ קעלטער געוואָרנ, אונ אָרומ האלבער נאכט האָט אָנגעהויבנ שיטנ א דריבנער, טרוקענער שניי. דער ווינט האָט געפּאטשט איבער די טרוקענע בלעטער, מיט א פּייַפּ זיכ פארקליבנ אינ די קופּעס צווייַגנ אונ זיי דורכגענומענ אפ דורכ אונ דורכ. אינ אזא נאכט, דאכט זיכ, פּאסט זיכ גאָרניט קיינ געיעג. נאָר דער אלטער ספּרינגפילדער פוקס האָט זיכ געהאלטנ בא אנ אנדער מייַנונג. ער איז זיכ געגאנגענ, האלטנדיק די נאָז אפנ ווינט, אונ געזוכט זיכ א באהעלטעניש. אפנ וועג האָט ער אָנגעטראָפנ אפ א קופּע צווייַגנ, אונ פּלוצלינג האָט ער דערשמעקט די שלאָפנדיקע קראָליקעס. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ א ווייַלע אונ דערנאָכ גענומענ שטילינקערהייט זיכ אונטערגאנווענענ צו די צווייַגנ. דער רויש פונעמ ווינט אונ פרייריקנ שניי האָט אימ געגעבנ א מעגלעכקייַט צוגיינ גאָר נאָענט צו זיי, איידער נאָכ מאָלי האָט דערהערט דאָס שוואכע טרישטשענ פונ די טרוקענע צווייַגנ אונטער זייַנע פיס. מאָלי האָט א צופּע געטאָנ דאָס צעריסנ־אויערל פאר די וואָנצעס, אונ ווענ דער פוקס

האָט זיכ א לאָז געגעבנ אפ זיי, זײַנענ זיי שוינ געשטאַנענ אפ די פיס. קראָליקעס, דארפט איר וויסנ, האַלטנ שטענדיק גרייט די פיס אפ א שפרונג צו טונ, אפילע ווענ זיי שלאָפנ. מאָלי איז ארויסגעלאָפנ גלײַכ אנטקעגנ דעמ שמײַסנדיקנ ווינט מיטנ שניי. דער פוקס האָט א שפרונג געטאָנ, נאָר ער האָט ניט געטראָפנ אונ מאָלינ ניט געפאַקט. ער האָט זיכ געלאָזט לויפנ נאָכ איר, אונ צעריסנ־אויערל איז דערווײַל אוועק אינ אנ אנדער זײַט.

מאָלי האָט געהאט פאר זיכ בלויז איינ וועג. זי איז געלאָפנ אנט־קעגנ ווינט אונ האָט שוינ געהאט אפ א לאַנגער שטרעקע איבערגע־יאָגט דעמ פוקס, וועלכער איז פארהריזנעט געוואָרנ אינ ניט קיינ פארפרוירענעמ זומפיקנ שליימ. אינגיכנ איז מאָלי צוגעקומענ צומ ראנד פונ דער סאַזשלקע. דער וועג אפצוריק איז געווענ פאר איר פאר־שלאָסנ, זי האָט געמוזט גיינ נאָר פאָרויס.

דאָס וואסער האָט א פליוסקע געטאָנ. מאָלי איז ארײַנגעשפרונגענ אינ טשערעט ארײַנ אונ זיכ אײַנגעטוקט אינעמ טיפנ וואסער.

דער פוקס האָט זיכ אויכ געלאָזט לויפנ נאָכ איר. נאָר ער האָט זיכ באטראכט, אז אינ אזא נאכט איז ניט קעדײַ צו גיינ אינ א קאלטער וואַנע, אונ האָט זיכ אומגעקערט צוריק. אונ מאָלי, וואָס האָט נאָר איינ אויסוועג געזענ פאר זיכ, איז איבערגעקראָכנ דעמ טשערעט אונ זיכ געלאָזט שווימענ צומ צווייטנ ברעג. נאָר דער ווינט האָט געבלאָזנ אנטקעגנ, דאָס וואסער איז פול געווענ מיט שניי, אונ ס'איז איר שווער געווענ צו באוועגנ זיכ. דער טונקעלער פאס פונעמ אנטקעגנדיקנ ברעג האָט זיכ אויסגעוויזנ אזוי ווײַט, אונ ווידער — ווער קענ וויסנ: — טאָ־מער ווארט דאָרטנ דער פוקס?

דאָכ האָט זי שטײַפ צוגעדריקט די אויערנ, אז זי זאָל גרינגער קע־נענ בײַקומענ די כוואַליעס, אונ האָט זיכ מוטיק אוועקגעלאָזט פאָרויס קעגנ ווינט אונ קעגנ שטראָמ, אָנשטרענגענדיק אַלע אירע קרעפטנ. נאָכ א לאַנגנ שווערנ וועג אינעמ קאלטנ וואסער, ווענ זי האָט שוינ קימאט געהאט דערגרייכט דעמ ווײַטנ זוימ פונ טשערעט, האָט זי זיכ אָפגעשטעלט פאר א גרויסער מאסע אָנגעוואַלגערטנ שניי, וואָס האָט איר פארשטעלט דעמ וועג. אונ דער ווינט אפנ ברעג וויעט אזוי מאָדנע, עפעס ווי מיט א פוקסיש קאָל. מאָלי האָט אינגאנצנ פארלאָרנ דעמ מוט. ביז זי האָט זיכ געפרוווט באפרײַענ פונעמ שווימענדיקנ שניי, האָט דער שטראָמ דערווײַל זי אָפגעטראָגנ ווײַט אפ צוריק.

זי איז ווידער אוועקגעשווומענ פאָרויס, נאָר שוינ פאמעלעכ, שטארק פאמעלעכ! ווענ זי האָט, ענדלעכ, דערגרייכט דעמ זוימ פונעמ הויכנ

טשערעט, האָבן זיך איר שוין אויסגעלאָזט די קויכעס, די לאפקעס זײַנען פארגליווערט געווען, דאָס מוטיקע הערצל איז זיך פארגאנגען, און ס'איז איר שוין אלצייגס געווען, צי ווארט דאָרטן אפ איר דער פוקס אפן ברעג, צי ניין. דעם טשערעט איז זי פונדעסטוועגן ווי ניט איז דורכגעקומען, נאָר זי האָט אָנגעטראָפן אין א שליים מיט וואסער־געוויקסן, און שוין ווײַטער ניט געקענט שווימען, ווי געהעריק. זי האָט קוים געריִרט מיט אן אייוועך און זיך געדרייט אין די זײַטן. די שוואכע באַוועגונגען פון אירע לאפקעס האָבן זי שוין ניט געקענט ברענגען צום ברעג, און דאָ האָבן זיך נאָך שטיקלעך אײַז צונויפגעקליבן ארום איר. צולעצט, האָבן זיך אירע שלאבעריקע פארגליווערטע גלידער איינגאנצן אופגעהערט באוועגן, און אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך אויך איר קליין פוכיק נעזל אָפגעשטעלט. מאָליס גוטע קארע אויגן האָבן זיך פארמאכט אפ אייביק...

נאָר אפן ברעג איז ניט געווען קיין שום פוקס, וואָס זאָל ווארטן אפ איר און זי וועלן צערײַסן מיט זײַנע גיריקע קינבאקן. צעריסן־אויערל, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט פונעם סוינעס ערשטן אָנפאל, האָט זיך גלײַך א וואָרף געטאָן צוריק, קעדיי אָפצווענדן דעם פוקס און קומען דער מאמען צו הילף. ער האָט דערזען דעם פוקס זיך ארומדרייען בא דער סאזשלקע פונקט אנטקעגן מאָלין. ער האָט אים אָפגעווענדט פון דער מוטער נאָך זיך, פארפירט צו דער ווײַטער שטעכיקער צוים און אים דאָרט איבערגעלאָזט מיט א שטארק־צעקאליעטשעטן קאָפ. פון דאָרט האָט ער זיך אומגעקערט צום ברעג, געזוכט־געניִשטערט, געטופעט מיט די פיסלעך, נאָר אלץ איז געווען אומזיסט: ער האָט די מוטער ניט געקענט געפינען, און זי שוין מער קיינמאָל ניט געזען און קיינמאָל זיך ניט דערוווּסט, וווּהין זי איז אהינגעקומען, ווײַל זי איז געשלאָפן איר אייביקן שלאָף אין אײַזיקן שויס פון איר פרײַנט דעם וואסער, וואָס גיט קיינמאָל ניט ארויס קיין סאָד.

אָרעמע קליינינקע פוכיקע מאָלי! זי איז געווען א מוטיקער קעמפער אין שווערן געראנגל פאר עקזיסטענץ. איר לעבן איז ניט דורכגעגאנגען אומזיסט און ווערט איצט פאָרגעזעצט אין איר זון. דורך אים האָט זי איר סייכל און איר דערפארונג איבערגעגעבן צו אירע קינדסקינדער.

צעריסן־אויערל לעבט זיך ווײַטער אפן זומפ. דער אלטער אָליפאנט איז דעם ווינטער געשטאָרבן, און זײַנע זאָרגלאָזע זין רייניקן שוין ניט דעם זומפ און פאריכטן ניט די פלויטן. פארן דאָזיקן יאָר האָט זיך דער זומפ נאָך מער צעוואקסן, איידער פריער. נײַע ביימער און נײַע קוסטן זײַנען אויסגעוואָקסן, און די אײַנגעוואלגערטע שטעכיקע

פארצוימונגען האָבנ געגעבנ די קראָליקעס אזויפיל פעסטונגען און גוטע באהעלטענישן, אז ניט קיינ הינט, ניט קיינ פוקסנ דערוועגנ זיכ ניט צוקומענ אהערצו. אונ צעריסנ־אויערל לעבט זיכ דאָרט ביז היינט א גוטנ טאָג. ער איז געוואָרנ א גרויסער און א געזונטער אונ האָט שוינ קיינ מוירע ניט פאר קיינ קעגנער. ער האָט שוינ אסאכ קינדער אונ א פיינע ברוינע פרוי, וואָס וועד־ווייסט ווו ער האָט זי געפונען. דאָרט אפנ זומפ וועט ער מיט זיינע קינדער אונ קינדסקינדער לעבנ אינ ווילטאָג נאָכ פיל יאָרנ. איר קענט זיי זענ, ווענ איר ווילט, אינ א זוניקנ טאָג, אויב איר ווייסט נאָר, ווענ און וויאזוי מע דארפ א טופע טונ און זיי ארויסרופנ.



אָ. פּעראָווסקאַיאַ

בערדיאַגינס אייניקל

איוואַנ ווילהעלמאָוויטשנ קענט איר געוויס? דאָס איז דער איינ די ברילנ, וואָס גייט אַלע טאָג מיטנ קענדל אינעם קאָאָפּעראַטיוו אפנ ראָג סמאָלענסקער מאַרק און שטשעפּעטיעווער געסל. די באָרד זײַנע איז מיט צוויי צעקעמטע שפּיצנ אינ די זײַטנ, און אינמיטנ שטעקט ארויס א הוילער קינ.

טראָגנ טראָגט ער א לאַנגע טאָלסטאָווקע, ווייכע קאַווקאַזער שיזיוול און א ווייכע שליאַפּע אפנ קאָפּ. און אַליינ איז ער אויכ אינגאַנצנ א ווייכער, א פּוכיקער, אַזוי, אַז עס ווילט זיכ אימ א טאַפּ טונ מיט דער האַנט.

נו, וואָס? איר האָט זיכ דערמאָנט? געוויס, האָט איר אימ געזענ!

האַלב אכט אַזייגער הייבנ אָנ די פּרויענ בא דער מילכ־קראָמ צו באַוומרויקנ זיכ:

— ווו איז ערגעץ אונדזער „באָרד“ פאַרפאַלנ געוואָרנ? אַזוי לאַנג נאָכ ניטאָ.

און דאָ באַווײַזט זיכ פונ הינטערנ ראָג איוואַנ ווילהעלמאָוויטש. ער פּאָכעט פונדערווײַטנס מיטנ שטעקעלע און שמייכלט:

— גוט מאָרגנ אײַכ, בירגערנס.

די באַלעבאָסטעס ענטפערנ אימ אָפּ אַלע אינ איינ קאָל:

— א גוט יאָר זאָל אײַכ זײַנ! א ווילער פרימאָרגנ הײַנט. מיר פאַר־בעטנ אײַכ מיט אַלע קאָווערנ צו אונדז אינ דער ריי אַרײַנ.

איוואַנ ווילהעלמאָוויטש פאַרנעמט אנ אָרט און רופט זיכ אָנ:

— האָט איר הײַנט געלייענט א צײַטונג?

— ניינ, ניט געלייענט. פאַראַנ עפּעס נײַס?

— פאַראַנ. אוודאי פאַראַנ.

— טאָ דערציילט־זשע אונדז טאַקע.

— אָט, לאָמיר נעמענ וואָלכאָווכרי...

איוואַנ ווילהעלמאָוויטש הייבט אָנ דערציילנ, און די באַלעבאָסטעס שטעלנ זיכ ארומ־ארומ אימ אינ א רעדל און הערנ זיכ צו.

אלע קענען אים. צוריק מיט אסאך יאָרן האָט ער זיך ארײַנגעקליבן
דאָ ניט ווײַט אין אן אלט צווייגאָרנדיק הײַזל. צוויי קליינע צימערלעך
פארנעמט ער מיט זײַן פאמיליע: מאריע פעטראָוונע און דאמקע.
דער פאמיליע־נאָמען זייערער איז שמידט, נאָר זיי זײַנען ביידע
רוסישע. די שכיינים וויסן עס, און דאָך רופט מען זיי דײַטשן, ווײַל
זיי לעבן זיך זייער אקוראט.
אז איוואן ווילהעלמאָוויטש ברענגט די מילך, שטעלט זיך מאריע
פעטראָוונע קאָכן קאַפע. דערנאָך גייט איוואן ווילהעלמאָוויטש אוועק
אפ דער שטעלע, צו דער סטאטיסטיק. מאריע פעטראָוונע באגלייט אים
ארויס אפ די טרעפ, און ווי ער מאכט נאָר צו די טיר, דערמאנט זי
זיך באלד אין עפעס זייער א ווײַטיקער זאך.
זי לויפט צו צום פענצטער, שטעקט ארויס דעם קאָפ און שרײַט
ארויס אין גאס:
— א נאָז־טיכעלע האָסטו גענומען? די ברילן האָסטו ניט פאר־
געסן? — און זי קוקט אים נאָך אזוי לאנג, ביז ער פארקערעוועט באם
ראָג.
ארויסבאגלייט איוואן ווילהעלמאָוויטשן, נעמט זיך מאריע פעטראָוונע
צום ראמען. זי גייט ארום איבער די צימערן אינעם בלויען פארטעכל,
מיט די ברילן אפ דער נאָז, און נעמט צונויף די בלומען־טעפּ, שטעלט
זיי ארויס אפן פאָל, באגיסט זיי, באקוקט זיי און שטעלט זיי ווידער
צוריק אפ די פענצטער און אפן לייטערל. מאריע פעטראָוונע האָט אסאך
בלומען און זי גרויסט זיך זייער מיט זיי.
דערנאָך טוט זי אָן אפ דער בארשט א נאסע שמאטע און שטופּט
זי ארונטער אונטערן מעבל, אין אלע לעכעלעך און ווינקעלעך. מאריע
פעטראָוונע ווישט אויס דעם פאָל, נאָר דאמקען דוכט זיך, אז די
בארשט יאָגט זיך נאָך איר אומיסטנע. זי טאנצט ארום, די מיִעסע שמאטע,
און דער הונט בורטשעט, בילט אפ איר, באהאלט זיך אונטערן בעט
און קוקט איר נאָך מיט בייזע אויגן.
ענדלעך, איז אלץ אוועקגעשטעלט אפ אן אָרט. אומעטום איז ריין
און צוגעפוצט. דאן גייט מאריע פעטראָוונע אוועק אין קיך ארײַן און
זאמט זיך דאָרטן אָפ ביזן וואַרמעס. דאָס קיכל איז בא איר א פיצל,
ווי א שאפע די גרייס, אויך זייער א ריינס און א שטילס. אפ דער
פּאָלעצע בלאנקען די פּפענדלעך, און יעדעס מאָל, ווען ס'פאָרט דורך
א וואָגן איבערן געסל, קלינגען אין קעסטל די גאָפּלען און די מעסערס.
און אין די צימערן איז שאַ־שטיל. נאָר די פעט־געוואָרענע דאמקע
קרעכצט אונטער, אײַנמאָסטענדיק זיך אפן געלעגער.

פאַרנאַכט קומט איוואַנ ווילהעלמאָוויטש אַהיים. זיי עסנ אָפּ וואַרע־מעס. דערנאָכ אַרבעטנ זיי ווידער. מאַריע פּעטראָוונע נעמט צו דאָס געפעס אונ זעצט זיכ מיט דער מערעזשע נעענטער צום לאָמפּ.

דער טיש איז העל באַלויכטנ. עס לויפנ אום די שפּיזלעכ, עס קלאַפּנ די ביינדלעכ אַפנ רעכנברעטל. איוואַנ ווילהעלמאָוויטש פירט מיטנ פינגער איבערנ פּאַפּיר. מיט קיינ געשפּרעכנ פאַרנעמענ זיי זיכ ניט, ווייל מע קענ נאָכ א טאָעס האָבנ אינ כעזשבנ.

נאָכ דער אַרבעט נעמט איוואַנ ווילהעלמאָוויטש אַרויס דאָס קעסטעלע מיטנ שאָכ אונ טוט א זאָג:

— איכ וועל גיינ אָפּ א מינוט כאַפּנ א שאָכ אונ קער זיכ באַלד אום צוריק.

ער לאָזט זיכ אַראָפּ אינ ערשטנ שטאָק אונ זאַמט זיכ דאָרטנ אָפּ א גאַנצנ אָוונט.

אונ אינ שטוב איז ווידער שטיל. דער לאָמפּ ברענט נאָכ העלער. דאַמקע לייגט אוועק מיט א זיפצ דעמ קאָפּ אַפ דער באַלעבאָסטעס קני, קוקט איר גלייכ אינ פּאָנעמ אַריינ אונ טוט אַפילע קיינ פינטל מיט קיינ אויג. זי פאַרשטייט, אַז דער באַלעבאָסטע איז אומעטיק.

שוינ צו שטיל איז אינ די צימערנ, — הערט מענ דעריבער, ווי זיי קרעכצנ ביידע, די אַלטע פרוי אונ דער אַלטער הונט.

— איוואַנ ווילהעלמאָוויטש איז שפּעט אַריינגעקומענ פונעמ שאָכנ. מאַריע פּעטראָוונע שטעלט טיי צומ טיש, אונ ער שפּאַצירט דערווייל איבערנ צימער אונ באַרימט זיכ:

— הער נאָר אויס א מערקווירדיקע, טאַקע גאָר א זעלטענע געשיכטע. מיט איינ נישטיק פערדל האָב איכ אימ געגעבנ מאַט...

מאַריע פּעטראָוונע איז אַפילע ניט אינגאַנצנ קלאָר, אינ וואָס באַשטייט דאָ דער קונצ, פונדעסטוועגנ רופט זי זיכ אָנ:

— וואָס רעדסטו?

— ערנוואָרט. נאָר וואַרט צו. דאָס איז נאָכ ניט אַלצ. איכ גיב אימ מאַט, אונ ער וויל צוריק: צוויי געננ, בעט ער, זאָל איכ אימ אומקערנ. ווייסט דאָכ, איכ האָב פיינט זיכ קריגנ. שטעלט, זאָג איכ, אויס אַלצדינג אַפּ צוריק. מיר נעמענ אויסשטעלנ דעמ שאָכ, איז פּלוצלינג שטייענ ניט קיינ צוויי פערדלעכ. ניטאָ אונ ניטאָ — אַזוי ווי אינ וואַסער אַריינ.

— נאַ דיר גאָר אַזא זאַכ! וווהינ־זשע זיינענ זיי אַהינגעקומענ?

— ווייסט וווהינ? באַמ קליינוואַרג. זיי האָבנ זיכ געדרייט אַרומ אונדז, געשטאַנענ צוגעזאָטנ צומ טיש אונ געקוקט, ווי עס רוקנ זיכ די

פיגורן איבערן שאָך. בעשאס מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אמפּערן, האָבן זיי אומבאַמערקט גענומען און צוגעשלעפּט א פּאָר פערדלעך, אויסגע־זעצט זיך מיט זיי אפן פּאָל און שפּילן זיך: טרײַבן פונוויטנס די פערדלעך איינער אפן אנדערן, שטופּן די נעזער אין פּאָנעם אריַין איי־נער דעם צווייטן און הירזשען: „אי־האָ־האָ! אי־האָ־האָ!"

מאריע פּעטראָוונע האָט לאַנג געלאַכט, און דערנאָך האָט זי א קרעכץ געגעבן:

— ווען מיר האָבן בא אונדז אזא קליינווארג, וואָלט איך זיך קיין בעסערס גאָר ניט געוווּנטשן.

— וואָס־זשע מיינסטו, מאריע פּעטראָוונע? איך האָב שוין געטראַכט דערפון. עפּשער וואָלטן מיר טאַקע גענומען צו זיך א קינד? געדענקסט, איך האָב דיר געהאַט דערציילט אמאָל פון בערדיאַגינען, דעם בינען־צוכטלער אפן אלטײַ? דער דאָזיקער אלטער האָט אסאך אייניקלעך. ווילדע, געזונטע כעווריע, און זיי וואַקסן אין סטויבער אריַין, ערגער ווי די הינטלעך. די עלטערן זיַינען אפּ דער ארבעט, און אינדערהיים איז קיינער ניטאָ. עפּעס אן אלטיטשקע א בלינדע בליַיבט מיט זיי איבער. ארום און ארום איז טײַגע. ניט קיין בוך צו קריגן, ניט קיין דעפּוע. אפילו פּאָקן שטעלן קען מען זיך פאר צען יאָר ניט אויס־קלײַבן.

מאריע פּעטראָוונע האָט זיך גלײַך אָנגעכאַפּט:

— איז וואָס־זשע האָסטו געשוויגן, איוואַן ווילהעלמאָוויטש? ביסט דאָך געווען דאָרטן צוגאַסט א גאַנצן זומער, האָסטו ניט געקענט א שמועס טון מיטן אלטן?

— איך האָב מיט אים דאַפקע יאָ געשמועסט.

— טאַקע? וואָס־זשע האָט ער דיר געזאָגט?

— ער האָט זיך גאָר באַליידיקט. נישקאָשע, זאָגט ער, ברויט וועט בא אונדז סטײַען, מירן זיי אליין אויסהאָדעווען.

— נו, און דער יונגער, דער פּאָטער, האָט אויך ניט געוואָלט?

— ניין, יענער וואָלט דאַפקע א באַלן געווען, דאָס זונדל זײַנס זאָל זיך לערנען, נאָר ער וואָגט ניט זיך אנטקעגנשטעלן דעם אלטן.

— האָסטו געהערט אן אומגליק? און די יינגלעך זײַנען נישקאָ־שעדיקע?

— עמעסע העלדן.

— מע זאָל גאָר געשטראָפט ניט ווערן! ווייסטו וואָס? איך וועל זיי אָנשרײַבן א בריוול. שרײַב זיי דו אויך אָן, איוואַן ווילהעלמאָוויטש. זיי דאַרפן דאָך פארשטיין, אז ס'איז פון זייער טויווע וועגן.

פונ דעמלט אָנ האָט זיכ אָנגעהויבנ א בריוונ־אויסטויש. ביז א בריוו קומט אָנ אינ דער טײַגע, גייט אוועק א שיינ ביסל טעג. אונ צו־ריק איז אויכ דאָס זעלבע. מאריע פּעטראָוונע פלעג באַקומענ א בריוו, אונ אלע מאָל האָט איר דאָס הארצ געטיאָכקעט: זי האָט אלצ געווארט, מע זאָל איר צושיקנ א יינגל. אָבער דער אלטער האָט זיכ געמאכט ניט וויסנדיק. ער האָט אלצ געשריבנ וועגנ דער באַלעבאַטישקײַט, וועגנ די בינשטאָקנ, וועגנ געיעג, געדאנקט פאר די געיעג־מאכשירימ, וואָס מע האָט אימ צוגעשיקט.

„פונ דײַנע מאטאָנעס, ליבער פרײַנט איוואַנ ווילהעלמאָוויטש, איז מיר אוועק מיט מאזל, וואלד־הינער איז בא אונדז איצט פאראנ, ניט צו פארזינדיקנ, אונ וועוועריקעס, אונ כײַעס אלערליי. ניט לאנג האָב איכ אהיימ געבראכט אנ אויערהאָנ מיט א אויערהונ, כאַפּנ זיי צו א האלבנ פּוד די וואָג, אוואדע. מאריע פּעטראָוונע לאָזנ מיר אלע גריסנ. אז דו וועסט קומענ זומער צוגאסט צו אונדז, וועסטו נעמענ פונ אירעט־וועגנ פלעדערוויש פונ די אויערהינער. גרויסע, ווי די רעדער. מע קלאַפּט זיי צו אינ שטוב צו דער וואנט, איז זייער שיינ.

אונ וואָס דו שרײַבסט וועגנ די אייניקלעכ, דאנקענ מיר דיר פונ טיפנ הארצנ. זיי וואקסנ ווילדע כעוורע. קאַרפּײ האָט ניט לאנג זיכ גע־בעטנ, מיר זאָלנ אימ מיטנעמענ אפ געיעג. אונ דער קלענערער איז אויכ א ווילדער יאט, א גאנצער קאָפּמענטש"...

מאריע פּעטראָוונע האָט געלייענט, אונ דאָס הארצ האָט איר וויי געטאָנ. א קליינער פארגעניגנ, זעט איר, צו לייענענ פונ פרעמדע איי־ניקלעכ, אז קיינ אייגענע האָט מענ ניט.

א לאנגע צײַט האָט זי זיכ געצאצקעט מיטנ אלטנ פונ אלטײַ, גע־שיקט אימ שרויט, פּולווער אונ אלערליי זאכנ פארנ געיעג. דער אל־טער איז געווענ א גוטער יעגער. מיט די מאטאָנעס האָט ער זיכ געפרייט, ווי א קליינ קינד, אונ האָט אלצ גערופנ צו זיכ צו גאסט.

אונ אָט איינמאָל איז געקומענ צו גיינ דער בריוונטרעגער אונ גע־בראכט א טעלעגראמע.

מאריע פּעטראָוונע האָט זי איבערגעלייענט אונ איז איבערראשט גע־וואָרנ פונ גרויס פרייד. דעמ בריוונטרעגער האָט זי א שטעק געטאָנ דרײַסיק קאָפּעקעס מיטאמאָל, אונ דאמקענ האָט זי ניט געלאָזט שלאָפנ: אלע מאָל זײַנענ איר געפאלנ פונ די הענט דאָס די מעסערס, דאָס די גאָפּלענ. אינ קיכ האָט זי איבערגעקערט א טעפּל סמעטענע, אונ דאמקע האָט שוינ געהאט וואָס צו לעקנ.

זי האָט זיכ קוים דערוואָרט אפ איוואנ ווילהעלמאָוויטשנ אונ איז אים ארויסגעשפרונגענ אנטקעגנ מיט דער טעלעגראמע אינ דער האנט.

איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט זיכ אויכ זייער דערפרייט.

— נו, זאָל זײַנ מיט גליק. עס פרייט מיכ זייער, אונ דו ביסט, געוויס, אויכ צופרידנ, מאריע פעטראָוונע? אָט זעסטו...

— וועלכער־זשע פונ זיי הייסט מישע, איוואנ ווילהעלמאָוויטש? דעמ עלטערנ רופט מענ, דוכט זיכ, קארפ.

— יאָ, קארפ. מישע איז, מיססאָמע, דער צווייטער. א ליכטיקער, א בלאָנדער.

— א ווילער?

— א טײַער יינגל.

פריילעכע, אונ ווי מיטאמאָל יינגער געוואָרענע, האָבנ זיי זיכ ביידע געזעצט עסנ וואַרעמעס.

נאָר מאריע פעטראָוונע האָט עפעס געגעסנ אָנ כיישעק. זי האָט אלצ באטראכט דעמ צימער. אונ אז מע איז אופגעשטאנענ פונ טיש, האָט זי א זאָג געטאָנ:

— אנו, איוואנ ווילהעלמאָוויטש, העלפ מיר נאָר איבערוקנ די שאפע. מירנ זי אוועקשטעלנ מיט א זײַט, וועט זיכ דאָרט באקומענ ווי א באזונדער צימערל.

— עס ברענט שוינ בא דיר! זאָל ער נאָר קומענ צו פאָרנ, וועלנ מיר דעמלט צוזאמענ מיט אים אוועקשטעלנ אלצ אינ אָרדענונג.

נאָר די שאפע האָבנ זיי פונדעסטוועגנ איבערגערוקט, אונ דערנאָכ האָבנ זיי נאָכ דאָס טישל אוועקגעשטעלט אפ אנ אנדער אָרט.

ביז זונטיק איז נאָכ געבליבנ צוויי טעג. די גאנצע צײַט איז אוועקגעגאנגענ דערופ, אז מע זאָל וואָס בעסער אונ וואָס שענער אײַנאָרדענענ א ווינקעלע פאר מישענ. איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט צוגעקלאפט צו דער וואנט איבער דער קאנאפע שיינע הערנערלעכ — אפ אופצוהענגענ א האנטעכ, דאָס רענצל מיט ביכער. מאריע פעטראָוונע האָט זייער שיינ פאנאנדערגעשטעלט די בלומענ.

זיי האָבנ ארויסגענומענ אלע בריוו דעמ אלטנס אונ זיי ווידעראמאָל איבערגעלייענט.

מאריע-פעטראָוונע האָט איבערגעקוקט בלויז די בריוו, אינ וועלכע דער עלטער שרײַבט פונ די אייניקלעכ, אונ איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט זיכ צוגעכאפט צו די באשרײַבונגענ פונעמ גייעג.

— ער דערציילט דיר אויס אנ אנטיק, דער עלטער, — האָט ער אלע מאָל געזאָגט, אָפלייגנדיק די דורכגעלייענטע בריוו אינ א זײַט.

זונטיק האָט מאַריע פּעטראָװנע פֿונ אינדערפֿרי אָנ זיך געפּאָרעט אינ קיך: געבאַקנ א סטרודל פֿאַרנ נײַעמ קעסטקינד, װאָס דאַרפֿ קומענ צו פֿאָרנ.

אונ איװאַנ װילהעלמאָװיטש האָט ארומגעטופּעט איבּערנ צימער, גע־זוכט אינ אַלע שופֿלאָדנ, געטאַפּט זיך אינ די קעשענעס: ער האָט פֿאַרשטופּט ערגעצ די טעלעגראַמע אונ קאָנ זי גאָר ניט געפֿינענ.

אינ דער טעלעגראַמע איז געװענ אָנגעװיזנ דער נומער פֿונעמ װאַ־גאָנ, אונ אָנ דעמ קענ מענ ניט פֿאָרנ צומ באַנ באַגעגענענ דעמ גאַסט.

— מאַריע פּעטראָװנע,— האָט איװאַנ װילהעלמאָװיטש געשריִענ אינ קיך ארײַנ,— גײ נאָר ארײַנ אהערצו! מע מוז דאָך פֿאָרט זי אופֿזוכנ ערגעצ, די טעלעגראַמע.

— איך קענ ניט אָפּטרעטנ פֿונעמ אױװנ, דער סטרודל װעט נאָך פֿאַרברענט װערנ.

— אונ אז איך װעל דורכלאָזנ דעמ צוג? דאָס איז, דוכט זיך, בילכער אביסל פֿונ דײַנ סטרודל.

— װאָס־זשע קענ איך דיר העלפֿנ? איך זאָל זיך צערײַסנ אױפֿ שטיקלעך?

— דו װײסט, װאָס דו רעדסט, צי נײנ? מיטנ קינד קענ נאָך אָנ אומגליק זיך טרעפֿנ, טאָמער פֿאַרבלאָנדזשעט ער ערגעצ, צי װאָס. דעמלט װעסטו שױנ האָבנ א סטרודל!

— טאָ קומ־זשע אהער, כאַפּ א קוק צומ אױװנ, אונ איך װעל דער־װײַל א זוכ טונ.

מיט די דאָזיקע װערטער האָט זיך מאַריע פּעטראָװנע א לאָז געטאָנ אינ די צימערנ ארײַנ, אונ אינ פֿינצטערנ קאָרידאָרל איז זי אָנגעפֿלױגנ אױפֿ איװאַנ װילהעלמאָװיטשנ.

— זע נאָר, װי זי פֿליט עס אביסל, אזױװי אױפֿ א שרײַפֿע!

— אונ דײַנע אױגנ װוּ זײַנענ?

— גײ רעד מיט איר! זעסט דאָך, אז איך אײַל זיך צומ צוג...

— טאָ פֿאַרװאָרפֿט מענ ניט קײנ טעלעגראַמעס.

איװאַנ װילהעלמאָװיטש האָט א מאַך געטאָנ מיט דער האַנט אונ איז אװעק אינ קיך ארײַנ. ער האָט זיך אװעקגעשטעלט בײַ דער פּליטע, זיך אײַנגעהאָרבּעט אונ געקרעכצט:

— איך װאָלט א באַלנ זײַנ װיסנ, װאָס האָב איך דאָ װאָס צו טונ? װאָס שטײ איך אונ קוק? — האָט ער בײז געבורטשעט.

מאַריע פּעטראָװנע האָט זיך גענומענ צומ זוכנ אױפֿ איר שטײגער. זי האָט ארױסגעװאָרפֿנ אַלעזאַכנ פֿונעמ פֿאָרטפֿעל אױפֿנ בעט — אונ גלײַך געפֿונענ די טעלעגראַמע.

— נו, גײ שוין גיכער פֿאָרן, — האָט זי געזאָגט צו איוואַן ווילהעלמאָוויטשן, — נאָר זע, באַוואָרן גוט דעם טײַסטער, אַז דו זאָלסט ווידער עפּעס ניט פֿאַרלירן.

איוואַן ווילהעלמאָוויטש האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די טרעפּ. אונטן באַם אַרײַנגאַנג האָט ער זיך באַגעגנט מיטן בריוונטרעגער.

— אַ גוט מאָרגן אײַך. איך האָב צו אײַך אַ בריוול.

— גיט דאָרט אָפּ אין שטוב, איך אײַל זיך זייער.

— ניין, ניין, האָט קיין פֿאַריבל ניט, איך מוז עס אײַך אָפּגעבן אין די הענט. דאָס איז אַ רעקאָמענדירטער בריוו. אָט איז אַ בלײַער, צעשרײַבט זיך.

איוואַן ווילהעלמאָוויטש האָט זיך צעשריבן, אַ טוצע געטאָן דעם בריוו אין קעשענע אַרײַן און איז אַוועקגעלאָפֿן צום טראַמווײַ. דער טראַמווײַ האָט שוין געהאַט געריררט. דער וואַגאָנפֿירער האָט געקלאַפּט אין גלעקל און לאַנגזאַם געלאָזט דעם טראַמווײַ. פֿאָכנדיק מיטן שטעקל און אָנשטויסנדיק זיך אַלע מאָל אין אַנדערע מענטשן, האָט איוואַן ווילהעלמאָוויטש זיך געלאָזט לויפֿן נאָכן וואַגאָן.

ער האָט אויסגעקליבן אַ פּאַסיקן מאָמענט און זיך אָנגעהאַנגען אָפּן טרעפּל. הינטער אים איז אַרויף עפּעס אַ יונגער כעוורעמאַן. אין אײַלעניש האָט איוואַן ווילהעלמאָוויטש אָפּגעלאָזט דאָס שטעקל און איז אַראָפּגעשפּרונגען עס אויפֿהײבן. נאָר דער יאַט האָט באַוויזן עס אַ כאַפּ טון אינדערלויפֿטן און געגומען מאַכן מיט דעם צו אים פֿונעם טראַמווײַ. איוואַן ווילהעלמאָוויטש האָט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן. עטלעכע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן, אים אַ כאַפּ געגעבן און אַרײַנגעשלעפּט אין וואַגאָן אַרײַן.

אין ענגשאַפֿט, אַ דערשוויצטער פֿון לויפֿעניש און טומלעניש, איז ער געפֿאָרן צום יאַראָסלאַווער וואָקזאַל.

דעם גאַנצן וועג האָט אים געעגבערט אַ געדאַנק: פֿאַרשפּעטיקט, צי ניין? ער האָט זיך דורכגעשטופּט צו די פֿאָרענטשעס און אויסגעצויגן דעם האַלדז, ער זאָל דער ערשטער דערזען דעם וואָקזאַל. ער האָט נאָך פֿונווײַטנס דערזען, אַז ער האָט שוין פֿאַרשפּעטיקט.

אָפּן וואָקזאַל איז געווען אַ גרויסער אויפֿלעם. די אָנגעקומענע האָבן, ווי אַ טײַך, געשטראָמט פֿון די טירן איבער די ברייטע טרעפּ, וואָס פֿירן צום פּלאַץ.

איוואַן ווילהעלמאָוויטש האָט זיך געוואָלנדעט צו אַ באַגאַזשטרעגער, נאָר יענער האָט זיך אָפּ אים ניט אומגעקוקט: ער האָט געשלעפּט צוויי טשע־

מאָדאַנעס, א קאָרב, פאָרטפלעדנ אונ א געפלאָכטנ קוישל. די לעצטע פיר זאכנ האָט ער זיכ געפרווט פארנעמענ מיט איינ האַנט. ער האָט נאָר א זאָג געטאָנ:

— זיי לאָזנ זיכ ניט נעמענ, א בראַנד זיי אינ די ביינער ארייַנ!

איוואַנ ווילהעלמאָוויטש איז אוועק אינ אינפאָרמאַציע־ביוראָ. דאָרט האָט מענ אימ געזאָגט, אז דער אלטייַער צוג איז שוינ אָנגעקומענ. שוינ לאַנג, באַלד וועט מענ אימ שוינ נעמענ אריבערפירנ אפ אנ אנדער ליניע. זוכנ דאַרפ מענ אימ אפ דער דריטער ליניע, בא דער פראַכט־סטאַנציע.

איוואַנ ווילהעלמאָוויטש איז ארויס אפ דער פלאַטפאָרמע. האַלטנדיק די טעלעגראַמע אינ דער האַנט, איז ער געגאַנגענ מיט דער לענג פונ צוג.

ענדלעכ! אָט איז ער, דער 226־טער וואַגאָנ. א געוויינלעכער רויטער וואַגאָנ, די טירנ זייַנענ פאַנאַנדערגערוקט, אונ עס זעענ זיכ ארויס זעק, קעסטלעכ אונ פעסלעכ, וואָס זייַנענ אינ אומאָרדענונג אָנגעוואָרפנ אפנ פאָל. אריבנ אפ די קעסטלעכ איז אויסגעשפרייט א געלעגער. אפנ געלעגער זיצט אײנער מיט א באָרד אונ טוט זיכ איבער די שטיוול.

איוואַנ ווילהעלמאָוויטש איז צוגעקומענ אונ א מאַכ געגעבנ מיט דער טעלעגראַמע.

— א גוט מאָרגנ אייַכ! דאָס איז דער 226־טער? כ'בינ געקומענ נאָכנ יינגל, יעפים געראַסימיטש בערדיאַגינס אייניקל. יאָ, נאָכנ יינגל. אינ דער טעלעגראַמע שטייט: פראַכט־צוג 226.

— דאָס זייַנענ מיר טאַקע. נאָר קיינ יינגל... דער עלטסטער אונדזערער איז דאַנילאָ אסאָנאָוויטש, א פאָדריאַטשיק. ער איז איצט ניטאָ, אוועקגעגאַנגענ ערגעצ. קומט צו, זייַט אזוי גוט, אינ א האַלבער שאָ ארומ, וועט איר אימ טרעפנ.

— גוט, איכ וועל צוקומענ, — האָט איוואַנ ווילהעלמאָוויטש פאַרטראַכט א זאָג געטאָנ. ער האָט זיכ צוגעשפאַרט צומ וואַגאָנ מיט דער פלייצע אונ זיכ פאַרקלערט.

עמעצער האָט אימ פאַמעלעכנ א ריר געטאָנ פאַר דער פלייצע. איוואַנ ווילהעלמאָוויטש האָט זיכ אומגעקוקט. אינ דער פינצטערניש פונ וואַגאָנ האָבנ א פּינקל געטאָנ רויטע פייַערלעכ, אונ א האָריקע לאַפּע האָט גנייוהיש זיכ באַהאַלטנ הינטער א פעסל.

„ווייסט זיי דער רועכ, הינט גאָר אינ די וואַגאָנעס!" — האָט פאַר זיכ איוואַנ ווילהעלמאָוויטש זיכ אויסגעזידלט.

— עפשער וועט ער באַלד צוקומענ, וואָלט איכ בעסער צוגעוואַרט אפ אימ? — האָט ער זיכ געווענדעט צומ בערדיקנ.

— פאַרוואָס ניט, זייט בײַ אונדז אַ גאַסט. ער האָט ניט געזאָגט, וווּהין ער גייט. עפּשער וועט ער אָנקומען אויף אײַער גליק.

„איך וועל טאַקע בעסער צװואַרטן״ — האָט איוואַן ווילהעלמאָוויטש אַ קלער געטאָן.

ס'זײַנען צוגעקומען די אײַזנבאַן־אַרבעטער און גענומען זיך אײַבערשמועסן, אין וואָסער ווינקל זאָל מען אָפּפירן דעם צוג.

דער מיט דער באָרד האָט זיך געשטעלט שפּאַרן מיט זיי. ער האָט באַוויזן דאָקומענטן.

— זעט נאָר, איר זאָלט דאָ קיין קלאָפּ ניט כאַפּן, — האָבן די אַרבעטער געזאָגט צו איוואַן ווילהעלמאָוויטשן, — וואַרט צו בעסער באַם וואָקזאַל.

איוואַן ווילהעלמאָוויטש האָט זיך דערפרעגט, וווּהין מע פירט אָפּ דעם וואַגאָן און איז אַוועקגעגאַנגען אין סעדל אַרײַן, וואָס לעבן וואָקזאַל, געקויפט אַ צײַטונג, עס זאָל אים ניט זײַן אומעטיק, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און געוואָלט זיך אַרײַנטאָן אין עם שאָכאָפּטײַל. ער האָט אַרײַנגעשטופּט די הענט אין קעשענע נאָך די ברילן, און פּלוצלינג האָט ער דאָרט אָנגעטאַפּט אַ גראָבן ניט־געעפנטן קאָנווערט.

— אַ־אַ, — האָט ער זיך דערמאַנט אין דעם בריוו, — ציקאַווע טאַקע צו וויסן, פון וועמען איז, — און ער האָט געעפנט דעם קאָנווערט.

שרײַבט פון די ערשטע ווערטער האָט זיך אויף זײַן פּנים אַ ברייטער שמייכל צעגאָסן. דער בריוו איז געקומען פון אַסאַך טויזנטער ווערסט די ווײַט — פון גראַסימיטשן, און ס'האָט זיך אַזוי אָפּגעשפּיגלט אין בריוו אַ שטיק אַלטײַ.

איוואַן ווילהעלמאָוויטש האָט זיך אויסגעהוסט, זיך אײַנגעמאָסטעט אויף דער באַנק — און אָט איז ער שוין ניט אין מאָסקווע. ער זעט שוין ניט פאַר זיך די קרומע אַלטמאָדישע אויסיעס פונעם וווּלקענעווידיקן קערזשאַק. ווי אין קינאָ, באַווײַזט זיך אַרויס ערגעץ־ווו פון נעפּל אַ גרויס פּאָנעם מיט אַ באָרד, מיט גלאַנצנדיק־רויטע, פון ווינט אָפּגעסמאַלעטע באַקן. פון אונטער די געדיכטע ברעמען קוקן ליבלעך אַ פּאָר קליינינקע דורכדרינגענדיקע אייגלעך. אָט זײַנען די באַקאַנטע מעכטיקע פּלייצעס און די גאַנצע שטאַלטנע פיגור פונעם ריזיקן גראַסימיטש. ער איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער העמד פון היימישן לײַוונט ביז די קני, אין אויסגערייבענע פּליסענע הויזן און האַלבע שטיוול, אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ פילצענע שליאַפּע. און אונטער דער שליאַפּע — האָר, אָן אַ שיער האָר.

גערַאסימיטש שטײט אפ דער לאָנקע. ארומ איז א געדיכטער פיכטע־וואלד — שווארצוואלד, ווי מע רופט אימ אינ אלטײַ. ער בייגט זיכ אָנ, נעמט פאנאנדער מיט די פינגער דאָס גראָז אונ רעדט צו זיכ אליינ גאָר פאמעלעכ, עס דוכט זיכ, אז דאָס קאָל באקומט זיכ, ווי בא א קאפיטאנ, בעשאס ער רעדט אינ רופאָר ארײַנ פונעמ בריקל: „זעט אויס, מיר האָבנ א גאסט, א ליבנ גאסט".

אפ דער ערד זעענ זיכ שפורנ פונ א גרויסנ בער. גערַאסימיטש גייט עטלעכע שפאנ נאָכ די שפורנ, שטעלט זיכ אָפ אונ באטראכט זיכ. די שפורנ פירנ צו דער לאָנקע הינטער די פעלדזנ, וואָס צאמענ איבער דעמ טײַכ. שטיינערנע בארג־אָפריכנ פארשטעלנ די לאָנקע פונ רעכטס אונ פונ לינקס. הינטנ שטייט א פעלדזיקע וואנט, מיט מאָכ פארוואָקסנ, אונ דער פערטער צוטריט צו דער לאָנקע שליסט זיכ מיטנ שטורמישנ בארג־טײַכל באָבראָווקע. עס איז פארוואָקסנ אפ דורכ אונ דורכ מיט טאלניק אונ מיט הויכ גראָז. מיט איינ וואָרט, דאָס איז אנ אויסגעצייכנט אָרט, אז דער בער זאָל קומענ אהינצו נאָכ רויב.

גערַאסימיטש האָט זיכ ארומגעקוקט מײַסע־באלעבאָס, אָפגעוואָרפנ פונ וועג א קרומע צווײַג אונ איז אוועק אינ סטאניצע נאָכ דער ביקס.

די זונ האָט זיכ עטוואָס ארויסגערוקט פונ הינטערנ וואלד. אפנ גראָז איז געלעגנ פראָסט־טוי. ס'איז געווענ קאלט. גערַאסימיטש האָט זיכ פארקליבנ אָפ א פעלדזנ־שפיצ אונ זיכ אוועקגעלייגט,ווארטנדיק אפ דער כײַע.

ער האָט קיינ טאָעס ניט געהאט אינ כעזשבנ — דער בער איז טאקע געקומענ. גערַאסימיטש האָט געזענ, ווי ס'האָט זיכ עפּעס א רודער געטאָנ אינ די קוסטנ. ס'האָט זיכ באוויזנ א ברייטער טונקל־ברוינער קאָפ אונ א האָריקער האלדז. דאנ האָט ער זיכ פאמעלעכ אוועקגעשטעלט אפ די קני, זיכ אָנגעצילעוועט אונ אָפגעלאָזט דאָס צינגל.

דער ווידערקאָל האָט זיכ אָנגעשטויסנ אינ די פעלדזנ־ווענט אונ קורצ אָפגעענטפערט — בומ, בו!

דער טונקל־ברוינער קאָפ האָט זיכ פארשטעקט אינ גראָז ארײַנ אונ איז געבליבנ ליגנ. גערַאסימיטש האָט נאָכאמאָל אויסגעשאָסנ, אפ יעדנ פאל. ס'האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אז די קוסטנ האָבנ זיכ עפּעס מאָדנע א וויג געטאָנ. נאָר דאָס האָט זיכ אימ נאָר געדוכט אזוי. דער בער איז געלעגנ אומבאוועגלעכ.

ווענ דער יעגער האָט זיכ איבערצײַגט, אז דער בער איז טויט, האָט ער זיכ אראָפּגעלאָזט צומ טײַכ. דאָס איז געווענ ניט קיינ גרינגע ארבעט. די פיס האָבנ זיכ געגליטשט אראָפּ־בארג. ער האָט געמוזט אלע מאָל זיכ

אָנכאַפּנ מיט די הענט פאַר די קוסטנ פונ דאָרנרויז אונ ווילדנ ווײַנפּער. אײנ קוסט האָט זיכ ארויסגעריסנ מיטנ וואָרצל, אונ געראַסימיטש האָט זיכ אַראָפּגעקײַקלט אַראָפּ, צוהאַלטנדיק אים מיט אײנ האַנט, אונ מיט דער צווײטער האָט ער פעסט געהאַלטנ די ביקס.

אײנעם אָנטונ זײַנעם האָט זיכ ערגעצ א קנעפּל אָפּגעריסנ, נאָר ווער קוקט דענ אַפּ אַזױנע קלײניקײַטנ, אַז אינ צוואַנציק שפּאַנ פונדאַנענ ליגט א דערשאָסענער בער?

געראַסימיטש איז צוגעקומענ אונ זיכ אָנגעבויגנ איבער דער כײַע. די לאַנגע געדיכטע האָר אַפּנ האַלדז זײַנענ געווענ עטוואָס צוגעסמאַליעט. געראַסימיטש האָט אונטערגעהויבנ דעם שווערנ קאָפּ פונעם בער אַפּ א קוק צו טונ, וווהינ איז דורכגעגאַנגענ די קויל. דער אונטערשטער קינ איז געווענ פאַרנעצט אינ בלוט.

— א ווילער שאָס, — האָט געראַסימיטש א בורטשע געטאָנ אונ — האָט אופגעציטערט. פּתּרױנ איבערנ קאָפּ האָט זיכ געהערט עפּעס א פּאָרקענישנ. ער האָט א הײב געטאָנ דעם קאָפּ אונ דערזענ אַפּ א פּיכטע ניט ווײַט צווײ קלײנינקע בערעלעכ.

דערשראָקנ זיכ פונ דעם שיסערײַ, זײַנענ זײ ארופגעקראָכנ אַפּנ בוים אונ זיכ ארויסגעזעצט אַפּ די צווײַגנ, פעסט אַרומנעמענדיק דעם שטאַם מיט די לאַפּעס. זײ זײַנענ, זעט אויס, זיכער געווענ, אַז זײ האָבנ זיכ גוט באַהאַלטנ, ווײַל זײ האָבנ געקוקט אַפּנ יעגער מיט פאַרוווּנדערונג, נאָר אָנ שרעק.

לויט די מוטנע, נאָכ בלויע אײגלעכ, מיט די גראָבינקע, עטוואָס פוכיקע בײַכלעכ זײערע, אונ אויכ ווערליק זײ האָבנ אַזוי קינדיש גע־קוקט אַפּ אים, האָט געראַסימיטש פאַרשטאַנענ, אַז זײ זײַנענ נאָכ גאָר פּיצעלעכ זויגנדיקע כײַעלעכ, אונ עס קאָנ געמאָלט זײַנ, אַז דאָס האָט זײ די מוטער צום ערשטנ מאָל פונ דער הײל ארויסגעפירט.

די בעריכע איז געטויט, דאַרפ מענ די פעל פונ איר אַראָפּנעמענ. געראַסימיטש האָט א הײב געטאָנ די האַנט צום פּאַסעק, אונ ערשט דאָ האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט אים פאַרלוירנ צוזאַמענ מיטנ מע־סער. וואָס טוט מענ איצט?

ביזוואַנענ געראַסימיטש האָט געטראַכט, וואָס צו טונ, האָט זיכ די בערעלעכ פאַרוואָלט עסנ. זײ האָבנ אָנגעהויבנ יאָמערלעכ ניאַוקענ אונ גענומענ זיכ דרײענ אַפּנ בוים.

געראַסימיטש האָט זײ אַראָפּגענומענ בײדע אַפּ דער ערד, האַלטנדיק אינ יעדער האַנט צו א בערעלע. דערנאָכ האָט ער זײ צוגעטראָגנ אונ אוועקגעלײגט לעבנ דער בעריכע.

די בערעלעכ האָבנ פארשטעקט די פיסקלעכ צו איר אינ בויכ אריינ. געראסימיטש האָט זיכ דערוואַיל באַנוצט דערמיט, וואָס זײ ליגנ באַנאַנד, אונ האָט זײ צונויפגעבונדנ מיט א שטריק.

דערנאָכ איז ער ווידער ארופגעקראָכנ אפנ פעלדז, מיטנ זעלבנ וועג זיכ אראָפגעלאָזט אונ אופגעזוכט דעמ פאַסעק מיטנ מעסער, וואָס האָט זיכ פארשטעקט אינ א שטעכלקע אונ געבליבנ הענגענ. אָפשינדנ די פעל אונ אופשנײַדנ די געטויטע כײַע — דאָס איז בא געראסימיטשנ געווענ א גאנצ געוויינלעכע ארבעט.

די בערעלעכ זײַנענ געשמאק אײַנגעשלאָפנ, ליגנדיק צוגעדריקט צו דער נאָכ וואַרעמער בעריכע. זײ האָבנ געסאָפעט אונ געטשמאָקעט מיט די ליפנ אינ שלאָפ. שטילע רו איז געלעגנ ארומגעגאָסנ אפ זײערע קליינע קערפערלעכ.

אונ דעמ אלטנ יעגער האָט מיטאמאָל עפעס א צופע געטאָנ פארנ הארצנ. ער האָט די פאריאָסעמטע כײַעלעכ גענומענ צו זיכ אפ די הענט מיט גרויס פאָרזיכטיקײַט, אז זײ זאָלנ זיכ ניט אופכאפנ פונ שלאָף, אוועקגעטראָגנ הינטער א בוימ אונ דאָרט זײ געמאכט א געלעגער אפ זײַנ פעלצל. די בערעלעכ האָבנ אופגעעפנט די אויגנ, א גענעצ געטאָנ, גענורמענ כניקענ, ווי קאפריזע קינדערלעכ, אונ זײַנענ איבערגעלאָפנ צוריק צו דער מוטער.

געראסימיטש האָט געפרוווט ווידעראמאָל זײ אוועקטראָגנ, האָבנ זײ זיכ צעריטשעט. דער אלטער האָט זיכ פארלוירנ.

— זאָל איכ זיכ שטעלנ אראָפנעמענ די פעל פאר זײ אינ די אויגנ? אָט, נארישע קעפ! וויפל מע שלעפט זײ — אונ זײ האָבנ זיכ אײַנגעשפארט.

נאָר ס'איז אימ אופגעקומענ א געדאנק: — ער האָט זיכ דערמאנט אינ די אלטײַער זעקלעכ[1]), וואָס ער פלעג מיטנעמענ מיט זיכ. דאָרט איז געלעגנ א קערבעלע האָניק אונ א ברויטל. ער האָט ארויסגענומענ דאָס ברויטל, אײַנגעטונקענ אינ האָניק, צעבראָכנ אפצווייענ אונ דערלאנגט די בערעלעכ.

די נאשערײַ איז זײ גלײַכ געקומענ צומ טאַמ. יעדעס האָט געוואָלט פארכאפנ בײדע שטיקער מיטאמאָל. זײ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שלאָגנ. געקײַקלט זיכ איבערנ גראָז, געריטשעט. דער האָניק האָט זיכ געגאָסנ איבער די האָר, אונ זײ האָבנ זיכ גענומענ באלעקנ די לאַפקעס. דערנאָכ האָט זיכ איינער פונ זײ צוגעזעצט צומ צווייטנ אונ אָנגעהויבנ אימ

[1]) אלטײַער זעקלעכ — פונ א קנאבנ מעסטער די לײגנ; צוויי סאָרבעס, וואָס זײַנענ צונויפגעבונדנ בײזאמענ מיט רימענס.

לעקן דעם פיסק. פריער איז דאָס בערעלע געזעסן רויק, נאָר דערנאָך האָט זיך אים אויך פארגלוסט באלעקן דעם ברודער, און יענער האָט זיך ניט געלאָזט. האָבן זיי זיך ווידער צעקריגט, גענומען לויפן איינער נאָכן אנדערן, זיך געראנגלט און אזוי זיך פארשפילט, אז זיי האָבן ניט באמערקט, ווי דער יעגער האָט דאָ לעבן זיי אראָפגעשונדן די פעל פון דער געטויטער מוטער.

גערasימיטש האָט זיך אָפגעפארטיקט מיט דער בעריכע, פארוויקלט די פעל און זי אריינגעלייגט אין איינעם פון די זעקלעך. אין צווייטן זעקל האָט ער אוועקגעלייגט די בערעלעך, פארוואָרפן די זעקלעך איבער דער פלייצע און זיך אוועקגעלאָזט אהיים.

ס׳איז זייער שווער געווען צו טראָגן. די פעל איז געווען נאַס און שווער. די בערעלעך האָבן ניט געוואָלט איינזיצן רויק, דעם גאנצן וועג זיך געררודערט און געפּאָרקעט.

גערasימיטש האָט זיי אראָפּגעלאָזט אפן דער ערד, ארויסגענומען די פעל פון זעקל און געמאכט פון איר א מין מאנטל, אזוי אז דער אונטערשטער טייל זאָל זיך נאָכשלעפּן איבער דער ערד.

די בערעלעך זיינען נאָכגעלאָפן נאָך דער פעל. זיי האָבן געמיינט, אז ס׳איז די בעריכע, און האָבן מוירע געהאט אָפּשטיין פון איר. אזוי האָבן זיי אין איילעניש ניט באמערקט, ווי מע איז ארויסגעקומען צו דער לאָנקע, און זיי זיינען אריינגעלאָפן אין הויף אריין פון בערדיאַגינס פעלד־שטיבל.

„אפדערנאכט איז אריינגעקומען צו מיר דאנילא אסאַנאָוויטש. געקומען צונעמען דעם האָניק און די פּוטער און א גוטע פּרייז אָנגעבאָטן. ער קלייבט זיך, זאָגט ער, צושטעלן קיין מאָסקווע א פּוד פּופּציק, און האָט זיך אפילע א באזונדער וואגאָן ארויסגעסטארעט. דאָ האָב איך א טראכט געטאָן: שטיי נאָר, איך האָב דאָך דאָרט א גוטן־ברודער! און האָב זיך צונויפגערעדט מיט אים, פארן בערעלע. אזוי אז דו זאָלסט זיך ריכטן, טייערער פריינט איוואן ווילהעלמאָוויטש, היינט־מאָרגן אן אלטייער מאַטאָנע פון מיר״.

אזוי האָט גערasימיטש פארענדיקט זיין בריוו.

— וואַרט נאָר אויס! — האָט איוואן ווילהעלמאָוויטש ארויסגעשריען און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן עמעצן צוהאלטן,— איך הייב ניט אָן צו וויסן, וואָס קומט דאָ פאָר! און ווער זשע איז מישע אליין, דאָס יינגל מיין איך?

פון טייסטער איז ווידער ארויסגעקראָכן אפן דער שיין די שלימאזלדיקע טעלעגראמע:

226 „זונטיק באגעגענע מישקע בערדיאגינס אלטײַער פראכטצוג אסאָנאָוויטש“

—טפו זאָל דאָס ווערן, צו אלדע בײזע רוכעס! נא דיר גאָר אזא געשיכטע!..— האָט איוואן ווילהעלמאָוויטש א בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז און זיך געלאָזט שפאנען צום רויטן וואגאָן.

דערווײַל האָט זיך אומגעקערט צוריק דאנילא אסאָנאָוויטש, דער פאָדריאדטשיק, און האָט זיך זײער דערפרײט מיט איוואן ווילהעלמאָוויטשן.

— איך האָב אַפּ אײַך ארויסגעקוקט אפן וואָקזאל. נאט אײַך א צעטעלע פון יעפים בערדיאגינען. און אָט איז די מאטאָנע זײַנע. געבראכט צו פירן פריש און געזונט.

און פאר איוואן ווילהעלמאָוויטשן האָט זיך באוויזן א קלײן בײַכיק בערעלע. ס'האָט זיך אופגעשטעלט אַפּ די הינטערשטע פיס, ארויסגעשטעקט דעם בויך און אָנגעהויבן קוויטשען, ווי א ציגײַנערל אפן בולוואר.

— דאָס בעט ער א שטיקל צוקער,— האָט דער פאָדריאטשיק געגעבן צו פארשטײן, — איר קאָנט אים נעמען מיט זיך. געזונט און פריש, ווי א גוט אוגערקעלע.

— איך דאַנק אײַך שיינ, — האָט פאַרלוירנ געענטפערט איוואַנ ווילהעלמאָוויטש. — נאָר וווהינ זאָל איך אים אהינטונ? אונ וויאַזוי נעמט מענ אים?

ער האָט טיפער אָנגערוקט די שליאַפּע אונ פאַרוקט דאָס בערעלע אונטער דער פּאַכווע, מיט דער האַנט איבערנ בײַכל.

מישקע האָט געאָכצט אונ געקרעכצט, זיך געדרייט אונ געוואָרפנ זיך אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך ניט אַרויסגערוקט פונ אונטער דער האַנט קימאַט ביז צו דער קני.

אַסאַנאָוויטש אונ דער מיט דער באָרד האָבנ אַ שמייכל געטאָנ קרומ מיט די ליפּנ.

— ניינ, אַזוי טויג ניט.

— מע דאַרפ אים אָנטונ אַ האַלדז־באַנד. —

מע האָט צוגענומענ מישקענ אינ וואַגאָנ אַרײַנ. איוואַנ ווילהעלמאָוויטש האָט אָפּגעווישט דעמ שווייס פונעמ שטערנ. דער פּאָדריאַטשיק האָט אויפגעזוכט אינ ווינקל אַ שטיקל לעדער, אַרויסגעשלעפּט פונ אונטערנ היטל אַ נאָדל מיט אַ דראַטווע אונ זיך גענומענ גרייטנ מישקענ אינ וועג. אונ בעשאַס־מײַסע האָט ער אים געהאַלטנ אינ איינ לויבנ ביזנ טאָג אַרײַנ, דערציילט, וויאַזוי ער האָט אים אינ שלאָפ פאַרוויקלט אינ בערדיאַגײַיכּעס אַ קליידל אונ אַוועקגעטראָגנ פונ שטוב. רײַטנדיק איז ער מיט אים צוגעפאָרנ ביזנ גרויסנ טײַך בוכטאַרמע. דאָרט האָט ער אים אַוועקגעזעצט אַפּ אַ פּליט מיט פעסלעך האָניק, אונ איבער דער בוכטאַרמע מיטנ אירטיש איז ער צוגעשווומענ ביז סעמיפּאַלאַטינסק. דאָ האָט ער אים אַרײַנגעזעצט אינ וואַגאָנ אַרײַנ, אונ אַזוי זײַנענ זיי געקומענ צו פאָרנ קיינ מאָסקווע. געפאָרנ זײַנענ זיי אַריבער צוויי וואָכנ, נאָר ס׳איז זיי קיינעמ אומעטיק ניט געווענ, אַזוי האָט זיי מישקע פריילעך געמאַכט מיט זײַנע שטיק.

בעשאַס ער האָט דערציילט אַזוי די גאַנצע געשיכטע, איז מישקע זיך געזעסנ אַפּנ פּאָל פונקט אַנטקעגנ אים אונ זיך אויפמערקזאַמ צוגעהערט צו זײַנע רייד. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַפּ די הינטערשטע לאַפּעס אונ ווידעראַמאָל געפאָדערט אַ שטיקל צוקער.

אַז דער האַלדזבאַנד איז פאַרטיק געוואָרנ, האָט מענ אים דורכגעסילעט מיט אַ רימענדל אונ איוואַנ ווילהעלמאָוויטשנ דערלאַנגט דעמ פרײַענ עק פונעמ רימענדל.

— איצטער קאָנט איר אים פירנ. פאַרבלײַבט געזונט!

איוואַנ ווילהעלמאָוויטש האָט געפירט מישקענ דורכנ וואָקזאַל.

אַפּנ וועג האָט מישקע זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, זיך צוגעזעצט,

פארוואָרפנ דעמ קאָפ ארופ אונ נײַגיריק באטראכט די געבײַדע פונעמ וואָקזאל.

אפ דער גאס האָט מענ זײ באלד ארומגערינגלט. איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט געמוזט אפדערגיכ נעמענ א דראָזשקע. מישקענ איז דאָס שטארק ניט געפעלנ געוואָרנ.

אפנ וועג מיט דער באנ קײנ מאָסקווע פלעג אפ יעדער סטאנציע זיכ צונויפקלײַבנ ארומ אימ אנ אוילעמ. ער פלעג זיכ איבערקוליענ מיטנ קאָפ אראָפ, זיכ שטעלנ אפ די הינטערשטע לאפעס, אונ אלע מאָל האָט מענ אימ צוגעוואָרפנ א צוקערקע פאר די דאָזיקע פאָקוסנ, וואָס ער האָט באוויזנ.

איצטער גיט אימ קײנער ניט קײנ שטיקל צוקער אפילע, אונ מע פירט אימ נאָכ גאָר ערגעצ. מישקע איז באַרויגעז געוואָרנ, זיכ אײַנגעאקשנט אונ ניט געוואָלט זיצנ בעשומױפנ אפ דער דראָזשקע — נאָר אפ דער קעלניע זאָל מענ אימ לאָזנ.

— מײלע, זאָל זײַנ אפ דער קעלניע. גײ, מישקע, זעצ זיכ.

דער פורמאנ האָט אימ אוועקגעזעצט לעבנ זיכ, אימ ארומגענומענ מיט דער רעכטער האנט, אונ אזוי האָבנ זײ אוועקגעיאָגט איבער די מאָסקווער גאסנ.

ביז זײ זײַנענ געפאָרנ שנעל, איז אלצ געוועזנ אינ אָרדענונג. נאָר אפ אײנעמ א פלאצ האָט זיכ דער פורמאנ אָפגעשטעלט. טראמווײַענ זײַנענ דורכגעפאָרנ, אונ דער מיליציאָנער האָט א הײב געטאָנ דאָס שטעקעלע.

מישקע האָט באלד אויסגענוצט די געלעגנהײַט אונ פלינק זיכ אראָפגעלאָזט אפנ ברוק.

באמ טראָטואר איז געשטאנענ א קאָרב מיט ווײַנשל. מישקע האָט א שאר געטאָנ מיט דער לאפע, געכאפט א זשמעניע ווײַנשל אונ זיכ געלאָזט לויפנ צוריק צו דער דראָזשקע.

ער האָט גוט געוווּסט, דער גאנעפעצ, אז אזוי טאָר מענ ניט טונ. ער איז ארופ איבערנ דישל אפ דער קעלניע אונ זיכ אנידערגעזעצט אפ זײַנ אָרט, ווי א סטאטעק, גלײַכ ווי ס'האָט קײנ שומ זאכ דאָ ניט פאסירט.

די ווײַנשל־פארקױפערנ האָט אופגעהויבנ א גוואלד, אונ איוואנ וויל־העלמאָוויטש האָט געמוזט איר באצאָלנ א גאנצנ רובל.

נאָכ דער דאָזיקער געשיכטע האָט איוואנ ווילהעלמאָוויטש אָנ שומ טײַנעס אראָפגעשלעפט מישקענ פונ דער קעלניע אונ אימ אוועקגעזעצט לעבנ זיכ. ער האָט געוואָלט אָפציִענ פונ אימ די אופמערקזאמקײַט פונ די דורכגײער. האָט ער אראָפגענומענ פונ זיכ די טוזשורקע אונ אָנגע־

טאָנ אפ מישקענ. אונטערנ קינ האָט ער אים אפ די העקלעכ פארשפּיליעט דעמ קאָלנער.

מישקעס קאָפּ האָט ארויסגעשטעקט פונ דער טוזשורקע, וואָס האָט אים דײַער געפּאסט צומ פּאָנעמ. איצט האָט זיכ באקומענ פונקט פּארקערט ווי איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט געמײנט: אלע דורכגײער אָנ אויסנאמ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אונ געקוקט אפ מישקענ.

אזוי זײַנענ זײ צוגעפאָרנ מיט א וואגע צומ שטיבל אינעמ קרומענ געסל.

מאריע פּעטראָוונע האָט שוינ לאנג געהאט צוגעגרײט דעמ איבערבײַסנ אונ איז אינ גרויס אומגעדולד אומגעלאָפנ פונ אײנ פענצטער צומ צווײטנ.

— וואָס זאמענ זײ זיכ דאָרטנ אזוי לאנג? צי האָט כאָלילע ניט געטראָפנ דאָרט עפּעס מיטנ יינגל?

מאריע פּעטראָוונע איז ארויסגעלאָפנ אנטקעגנ.

— מאמע מײַנע! — האָט זי א זאָג געטאָנ אונ געריבנ זיכ מיט די קולעקעס די אויגנ. — ווּעמענ האָסטו עס געבראכט צו פירנ?

— דאָס איז, פארשטײסטו מיכ... איכ וועל דיר נאָכדעמ דערקלערנ. אָט, לאָמיכ נאָר אָפּלאָזנ דעמ פורמאנ..

בינ איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט זיכ געזעגנט מיטנ פורמאנ, איז מישקע דערווײַל אראָפּגעקראָכנ פונ דער דראָזשקע, ארײַנ אינ דער אָפענער טיר אונ זיכ געלאָזט גײנ איבער די טרעפּ. די ארבל מיט די פּאָלעס פונ דער טוזשורקע האָבנ זיכ געשלעפּט נאָכ אים איבער דער ערד, אונ די גראָבינקע ליטקעס מיטנ קורצנ ווײדל האָבנ הױלע ארויסגעשטעקט פונהינטנ.

אינ דער זעלבער צײַט האָט זיכ איבער די טרעפּ אראָפּגעלאָזט א קאצ. דערזענ די בײזע פיגור, איז זי שטארק דערשראָקנ געוואָרנ אונ זיכ דורכגעשמוגלט אפ יענער זײַט פּאָרענטש, אפנ ארויסשטאָרצנדיקנ שטיקל טרעפּ.

מישקע האָט זיכ א יאָג געטאָנ נאָכ איר. די קאצ איז איבערגעשפּרונגענ אפנ צווײטנ טרעפּל, העכער אביסל. מישקע טוט זיכ א לאָז אהינ. די קאצ האָט ער ניט געכאפּט, נאָר אלײנ האָט ער זיכ אזוי ארײַנגעפּאקט מיטנ קאָפּ צווישנ די אײַזערנע פּרענטנ, אז ער האָט אים בעשום־אופנ ניט געקאָנט ארויסשלעפּנ אפ צוריק.

ער האָט זיכ אָנגעשפּארט מיט די לאפּעס אָנעמ פּאָרענטש אונ זיכ א רוק געטאָנ אפ צוריק. די פּרענטנ האָבנ אים נאָכ שטארקער צוגעקוועטשט דעמ קאָפּ לעבנ די אויערנ. מישקע האָט זיכ דערשראָקנ אונ גענומענ רעווענ מיט מעסוקענע קולעס.

איוואַן ווילהעלמאָוויטש און מאַריע פּעטראָוונע זײַנען אָנגעלאָפֿן און גענומען אונטערהייבן מישקען אַרויף, דרייען אַף אַ זײַט. נאָר ס'האָט גאָרניט ניט געהאָלפֿן. מ'האָט געמוזט רופֿן דעם דוואָרניק. ער האָט געבראַכט אַ לאָם, זיך אָנגעשטרענגט און פֿאַנאַנדערגעבויגן די פֿרענטן. מישקע האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און אַזוי יאָמער-לעך זיך צעוויינט, טאַפּנדיק דעם קאָפּ מיט די לאַפּעס, אַז מאַריע פּעטראָוונע האָט אים געמוזט נעמען אַף די הענט און אײַנ-שטילן.

און אַז מ'איז אַלע אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן, האָט מען מיש-קען מעכאַבעד געווען מיט אַ שטיק סטרודל, וואָס מע האָט אָפּגעבאַקן לעקאָוועד בערדיאַגינס אייניקל.

ס'זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג. די שאַפּע האָט מען אַוועק-געשטעלט צוריק אַפֿן פֿריִערדיקן אָרט, און מישקען האָט מען צוגע-גרייט פּונקט אַזאַ געלעגער, ווי בײַ דאַמקען. די ערשטע טעג האָט מען אין שטוב קימאַט ניט געהערט פֿון אים. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט די ביינער אין זיך אָפּגערוט פֿונעם לאַנגן וועג.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן נאָכגיין מאַריע פּעטראָוונע אין קיך אַרײַן און זיצן דאָרט אַפֿן פּאָל, צוקוקנדיק, ווי זי פּאָרעט זיך בײַ דער פּליטע. און אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דער מערעזשקע, פֿלעג ער זיך אײַנמאָסטען בײַ איר צופֿוסנס און אַנשלאָפֿן ווערן, פֿאַרשטופּנדיק די נאָז צווישן אירע קני. אַמאָל פֿלעג ער זיך שטאַרק צעכראָפּען און אָנהייבן עפּעס בורטשען פֿון שלאָף. מאַריע פּעטראָוונע פֿלעג דעמלט אָוועקלייגן דעם האַק און צערטלעך קוקן איבער די ברילן אַף זײַן קודלאַטע קעפּל. וואָס אַ טאָג איז זי אַלץ שטאַרקער צוגעבונדן געוואָרן צו אים. און דאַמקע, נעבעך, פֿלעג זיך באַליידיקן און וואָרטשען פֿונעם געלעגער. איבער מישקען האָט מאַריע פּעטראָוונע גאָר אינגאַנצן אויפֿ-געהערט קוקן אַפֿן הונט.

און מישקע, אַז ער האָט זיך נאָר אויסגערוט פֿונעם וועג, האָט ער אָנגעהויבן צושטיין צו דאַמקען, זי זאָל זיך מיט אים שפּילן.

דאַמקע איז געווען אַן אַלטער סטאַטעטשנער הונט און האָט גאָר ניט געוואָלט לײַדן, מ'זאָל זי שלעפּן פֿאַרן ווידל, אָדער מ'זאָל זי פּאַטשן מיט דער לאַפּע איבערן פּאָנעם.

דאַמקע פֿלעג זיך אויסדרייען פֿון אים און אַוועקלויפֿן אַפֿן בעט, צום טיש. אַהין האָט מישקע ניט געקאָנט דערלאַנגען. פֿלעג ער צערייצט ווערן און נעמען שלײַדערן אַלץ, וואָס ס'איז אים געקומען צו די הענט. אַפֿן טראַסק און געפּילדער איז אָנגעלאָפֿן מאַריע פּעטראָוונע,

האָט קלומערשט אָנגעשמיסנ מישקען, און דאמקענ האָט זי ארויסגעלאָזט דורכ דער הינטערטיר.

נאָר מישקע האָט זיכ ניט באַרויִקט. ער האָט גענומענ זוכנ דעם הונט איבער דער גאנצער שטוב, געשטעקט די נאָז אונטער אלע שאַפעס און בעטנ, פאַרשלעפּט די סטעזשקעס פונעם פּאָל, געהריזעט מיט די ציינ די פיסלעכ פונ די טישנ...

דאמקע איז געזעסנ איינגעקאָרטשעט אפנ אייבערשטנ טרעפּל באַם אריינגאנג, און די גאנצע פארומערטע פיגור אירע האָט אזויווי געטייַנעט: „פאַרוואָס קומט זיכ מיר מאַטערנ צוליב אזא ארויסוואָרפּ?..״

אנ איינ־אײנציקער נאָכעס איז דאמקענ פארבליבנ — גיינ מיט דער באַלעבאָסטע אינ מארק אריינ. דאָ איז קיינ בער־פּאַסקודניאַק ניט געווענ, און די באלעבאָסטע האָט, ווי אמאָל, געשמועסט מיט איר, גערופנ זי „דאמעטשקע״ און איר געגעבנ טראָגנ קליינע פּעקעלעכ.

איינמאָל, בעשאַס זיי זיינענ זיכ אזוי ארומגעגאנגענ איבערנ מארק, האָט מישקע אינדערהיים זיכ אופגעכאַפּט אפ זיינ געלעגער און אָנגעהויבנ קוויטשענ. ער האָט א סמאָקע געטאָנ די לאַפּע, געכאַפּט א קוק

אפ די פליגנ, וואָס זײַנענ געקראָכנ איבער דער וואנט, א גענעצ געטאָנ אונ זיכ ווידער צעקאוויוטשעט.

נאָר לאנג אומעטיק איז אים ניט געווענ. ער האָט געזענ, ווי מאריע פעטראָוונע פלעג אלע אינדערפרי צו טונ האָבנ מיט די בלומענ־טעפ, אונ האָט באשלאָסנ, אז ס'איז ניט קעדײַ ארומגיינ ליידיק, בעשאס ס'איז דאָ אזויפיל ארבעט אינ שטוב.

ער האָט פלײַסיק אונ פאמעלעכ אראָפגענומענ פונ די פענצטער די בלומענ־טעפ אונ אוועקגעשטעלט אינמיטנ צימער. דערנאָכ איז ער אָפגעגאנגענ אביסל, באטראכט מיט פארגעניגנ די ארבעט זײַנע אונ גענומענ צונויפשטעלנ אהינ די בענקלעכ מיט די טאבורעטקעס. שפעטער האָט זיכ אים פארגלוסט איבערטראָגנ דאָס אלצ אינ צווייטנ צימער אונ דאָרט אויכ אזוי שיינ צונויפשטעלנ.

מאריע פעטראָוונע מיט דאמקענ זײַנענ געקומענ אהיים אינ דער צײַט, ווענ מישקע האָט זיכ געפאָרעט מיט דער ניי־מאשינ. ער האָט זי ארומגעכאפט מיט די לאפעס אונ געוואָלט זי אופהייבנ אונ אריבערטראָגנ אינ הויפנ ארײַנ.

דאמקע האָט זיכ אזש פארכלינעט פונ גרויס צאָרנ. אינ א מינוט ארום האָט זי באשלאָסנ מיט לײַב אונ לעבנ זיכ אײַנשטעלנ פאר דער שטוב, וואָס מע וויל זי איבערקערנ קאפויר. דער הונט איז ארופ אפנ בעט אונ גענומענ בילנ אונ קוויטשענ אפנ בייזוויליקנ שטיפער.

מאריע פעטראָוונע האָט אזוי געלאכט, אז טרערנ האָבנ זיכ איר געשטעלט אינ די אויגנ. זי טוט א קוק אפ דער איבערקערעניש, וואָס מישקע האָט אָנגעמאכט, אונ קײַכט זיכ נאָכ מער פונ געלעכטער. אונ מישקע איז צופרידנ אונ שלײַדערט אלצ פונ אונטער די הענט אינ הויפנ ארײַנ. מאריע פעטראָוונע האָט געמוזט גיכער זיכ ארײַנמישנ. זי האָט גוט אָנגעריסנ מישקענ פאר די אויערנ אונ אָנגעשריענ אפ דאמקענ, וואָס האָט זיכ אזוי צעלאָזט.

צום ווארעמעס זײַנענ שוינ אלע זאכנ געשטאנענ אפ זייערע ערטער. מאריע פעטראָוונע האָט אינ א שפאס דערציילט איוואנ ווילהעלמאָוויטשנ, ווי אזוי מישקע האָט הײַנט אופגעראמט די שטוב.

זי האָט גערעכנט, אז ער וועט צוזאמענ מיט איר זיכ אויסלאכנ פונ מישקעס שטיק. נאָר איוואנ ווילהעלמאָוויטש איז פלוצלינג שטארק אופגעבראכט געוואָרנ, האָט אראָפגענומענ דעמ פאסעק אונ ארײַנגעלייגט מישקענ, ווי עס דארפ צו זײַנ.

מישקע האָט ניט געקענט פארשטיינ, פארוואָס באשטראָפט מענ עס אים. פונ יענער מײַסע איז דאָכ שוינ דורכגעגאנגענ קימאט א גאנצער טאָג.

ער האָט געשריִען, זיכ געווערט, דערנאָכ האָט ער זיכ פארוקט הינטער דער שאפע אונ איז דאָרט אָפּגעזעסנ דעם גאנצנ אָוונט.

אינדערפרי, פארנ אוועקגײנ אפ דער ארבעט, האָט איוואנ ווילהעל־מאָוויטש פארשלאָגנ א צוויאָכ לעבנ בײַשטידל פונ דער טיר אונ אופגע־האנגענ אפ אים א קאנטשיק. ער האָט געבומענ בא מאריע פעטראָוונע דאָס וואָרט, אז אויב מישקע וועט ווידער אָנהייבנ קאָמאנדעווענ אונ איבערשטעלנ די זאכנ, וועט זי אים ארײַנלייגנ א גוטנ כײלעק. מאריע פעטראָוונע האָט צוגעזאָגט. איוואנ ווילהעלמאָוויטש איז אוועקגעגאנגענ.

מישקע האָט איינגיכנ פארגעסנ אינ דעם אומרעכט, וואָס מע איז מיט אים באגאנגענ, אונ איז ווידער פריילעכ געוואָרנ. מאריע פעטראָוונע האָט שטילערהייט אכטונג געגעבנ אפ אים. זי האָט געוואָלט וויסנ, צי האָט מישקע פארשטאנענ די לעקציע.

מישקע האָט געהעפּעט איבערנ פאָל. ער האָט פארשארט מיט די לאפּעס די סטעזשקע, זי ארומגעוויקלט עטלעכע מאָל ארום זיכ אונ אינ גרויס אנציקונג גענומענ דריגענ מיט אלע פיר. דערנאָכ איז ער אופגעשפרונגענ אונ האָט מיט דער סטעזשקע ארום קערפּער גענומענ טאנצנ אונטער די פענצטער. דאָ האָט ער, זעט אויס, זיכ דערמאנט אינ דער נעכטיקער שפּיל. ער האָט זיכ אופגעהויבנ אָפ די הינטערשטע לא־פּעס אונ מיט די פעדערשטע א שלעפ געטאָנ צו זיכ דאָס בלומענ־טעפּל.

— וואָס איז דאָס? וואָס טוסטו עס? — האָט מאריע פעטראָוונע א געשריי געטאָנ.

דאָס טעפּל איז מיט א טראסק צעפלויגנ געוואָרנ אפ שטיקלעכ. מישקע האָט זיכ געלאָזט לויפנ. מאריע פעטראָוונע האָט געכאפּט דעם קאנטשיק. נאָר ער האָט זיכ שוינ אזוי אויכ דערמאנט אינ די נעכטיקע שמיץ. ער האָט זיכ אזוי פארוקט אונטערנ בעט, אז מאריע פעטראָוונע האָט אים בעשומויפנ ניט געקענט פאקנ.

א לאנגע צײַט איז ער פונ דאָרט ניט ארויסגעקראָכנ, האָט מוירע געהאט, מע זאָל אים ווידער ניט אָנשמײַסנ.

פונ דעם טאָג אָנ הייבט זיכ אָנ דאָס, וואָס איוואנ ווילהעלמאָוויטש פלעג אויסדריקנ מיט די ווערטער:

— דער פאסקודניק איז גאָר ארויס פונ די האָלאָבליעס.

קענ זײַנ, אז מישקע איז גאָר ניט געווענ אזוי צעלאָזנ, ווי ס'האָט זיכ אויסגעוויזנ, נאָר פּאָשעט בא די שמידטנ אינ שטוב איז מענ צופיל בעהוינט געווענ צו שטילקײַט אונ צו רויִקײַט, אונ דער זשוואוויער מישקע, וואָס שטענדיק זײַנענ בא אים אזויווי מורעשקעס געקראָכנ אונטער דער הויט, האָט זיכ, געווײנטלעכ, ניט געקענט צופאסנ צו אזא

לעבן. וואָס דען זאָל ער געוועגן טון? זיצן און שרײַבן סטאַטיסטיק? צי מערעזשען א זאָק באַם פענצטער?

פאַרשטייט זיך, אז מישקע האָט פאַרבראַכט די צײַט אזוי, ווי ס'האָט געפאָדערט דער כאַראַקטער זײַנער. און זײַן כאַראַקטער האָט געפאָדערט אומעגלעכע זאַכן. ס'איז אים, צום בײַשפּיל, שטאַרק ציקאַווע געווען א קוק טון, וואָס שלעפּט עס ארום דער באַלעבאָס מיט זיך אין פאָרט־פעל אונטער דער פאַכווע. מיסטאָמע, דאַרף דאָרטן ליגן עפּעס א זיסע זאַך.

ער האָט ארויסגעגאַנוועט דעם פאָרטפעל, איבערגעריבעט און א טעל געמאַכט פון אלע פּאַפּירן, טאָמער וועט ער פּאַקן עפּעס א נאַשערײַ, געפונען א קײַ טון איוואַן ווילהעלמאָוויטשעס סטאַטיסטישע טאַבעלן. נאָר ווי־וואָס! קיין סימען ניטאָ. א נאַס מײַערל אפילע איז אסאַך געשמאַקער פון אָט־די אלע שמאַטעס.

מישקע האָט מוטיק איבערגעטראָגן די פײַערדיקע שמיץ, וואָס מע האָט אין אים ארײַנגעלייגט יענעם פרימאָרגן. ער האָט נאָר שטאַרק געאָכקעט, ווען דער קאַנטשיק פלעג טרעפן אַפּ אַן אָרט, וואָס לאָזט זיך שטאַרק פילן.

מאַריע פּעטראָוונע האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר איר ליבלינג און זיך באַגאָסן מיט טרערן. דערנאָך האָט זי לאַנג געקלאָגט און באַדויערט, קוקנדיק אַפּ מישקעס צעפּאַסעוועטן רוקן.

איינמאָל האָט מישקע, ווי געוויינטלעך, געהעפּעט איבער דער קיך. ס'האָבן זיך אין אים צעשפּילט די געבליטן. פון גרויס קוראַזש איז ער ארופגעשפּרונגען אפן טאַבורעטל, און פון דאָרט אפן קיך־טישל. דאָס טישל איז געשטאַנען לעבן אָפענעם פענצטער. מישקע האָט זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן ראַנד פונעם טישל, און פּלוצלינג האָט ער דערזען שטיין אפן פענצטער א בערעלע פּונקט אזא בראַוןס און א קודלאַטע, ווי ער אליין, און עס רוקט זיך צו אים אויך אזוי מיט דער זײַט, הייבט א לאַפּע...

מישקע האָט מיטן גאַנצן קויעך א זעץ געטאָן איבערן בערעלע. דער סאַמאָוואַר האָט זיך א הוידע געטון און איז ארויסגעפאַלן אין ברוקירטן הויף ארײַן.

די הויפערן האָט אים ארײַנגעטראָגן א צעקלאַפּטן און א צעבויגעטען. מישקע איז געזעסן צוגעטוליעט צום פענצטער. ער האָט גאָרניט ניט פאַרשטאַנען און געוואַרט מיט א קריגערישן אויסזען, אז דאָס פרעמדע בערעלע זאָל זיך ווידער ארויסרוקן צו אים פונעם פענצטער. מאַריע פּעטראָוונע האָט דערווײַל באַהאַלטן דעם צעבראָכענעם סאַמאָוואַר אין קאַמער הינטער די קעסטלעך. באַלד דערנאָך האָט מאַריע

פּעטראָוונעס איינציקע צירונג — רובינענע אוירינגלעך — זיך איבערגעפּעקלט צו דער שכיינע אנטקעגנ... פאר דעמ געלט פונ די אוירינגלעך האָט זי געקויפט א נייַעמ סאמאָוואר. איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט זיך שוינ קיינמאָל ניט דערוווּסט דעמ עמעס, אונ אינאָוונט איז ער שטארק געווענ צופרידנ, וואָס מאריע פּעטראָוונע האָט געמאכט אזא גוטנ בייַט — א גרויסנ אונ שווערנ סאמאָוואר אפ א קליינעמ אונ א נייַעמ...

— זע נאָר, אמינ גרינגס סע איז, — האָט מאריע פּעטראָוונע געלויבט דאָס סאמאָווארל אינ טאָג ארייַנ. — פּונקט פאר צוויי מענטשנ. אונ עס זידט אופ מיט דער מינוט!

מישקע האָט זיך געפּאָרקעט הינטערנ שפּאניר-ווענטל. ער האָט ארונטערגעשטופּט די לאפּע, געכאפּט דאָס צייַג פונעמ ווענטל אונ געפּרוּווט עס איבערקערנ אפ זייַנ זייַט.

אפדערנאכט, אז מאריע פּעטראָוונע איז געגאנגענ שלאָפנ, פלעג מישקע זיך אוועקלייגנ לעבנ איר בעט אפ דער קאָבריצע. נאָר פארנ אנשלאָפנ ווערנ פלעג ער זיך אופשטעלנ אפ די הינטערשטע לאפּעס, אנידערלייגנ דעמ קאָפּ לעבנ דער באלעבאָסטעס קישנ אונ קוקנ איר גלייַך אינ פּאָנעמ ארייַנ, קיינ פּינטל ניט טוענדיק מיט די אויגנ. מאריע פּעטראָוונע איז געווענ גערירט פונ אָט דער שווייַגנדיקער צערטלעכקייַט.

— נו, שטיפער דו! ביסט געקומענ מיר זאָגנ א גוטע נאכט? פייַנ, פייַנ. גיי, טייַערינקער, לייג זיך.

זי האָט א פּיר געטאָנ מיט דער האנט איבער מישקעס קאָפּ, אונ ער האָט געהויכט אפ איר מיט זייַנ ווארעמענ אָטעמ.

איוואנ ווילהעלמאָוויטש האָט מישקענ ניט ליב געהאט אונ פלעג ניט דורכלאָזנ קיינ פאל, ער זאָל פונ אימ ניט אָפּשפּעטנ.

— שוינ איינמאָל א צורע! כאָטש נעמ מאָל פונ אימ א בילד.

אונ מישקע, אז ער האָט דערהערט זייַנ שטימ, פלעג ער זיך נאָך מער צודריקנ צו מאריע פּעטראָוונעס פּלייצע. ס׳האָט זיך געדוכט, ווי זיי שעפּטשענ זיך שטילערהייט איינער מיטנ אנדערנ.

מישקע האָט זיך שוינ גאָר געהאט איינגעלעבט אינעמ קליינעמ שטיבעלע. נאָר איינמאָל איז צו מאריע פּעטראָוונענ ארייַנגעקומענ א הענדלערנ מיט געהעפטע שפּיצנ. זי איז עפּעס געווענ בייז אונ האָט געזידלט די גאנצע וועלט. מאריע פּעטראָוונע האָט איר געפּרוּווט אָפּענטפערנ. האָט זי אָנגעהויבנ שרייַענ אפ מאריע פּעטראָוונענ אונ שעלטנ. וואָס אמאָל האָט זי זיך מער צעלאָזט, אונ מאריע פּעטראָוונע האָט שוינ ניט געוווּסט, וויאזוי ווערט מענ פונ איר פּאָטער.

באומרויקט פונ די געשרייען, האָט מישקע אינ צוויייטנ צימער גע־
נומענ שפּאַנענ הינ און צוריק. עטלעכע מאָל איז ער צוגעקומענ צו דער
טיר און זיך איינגעהערט. ער האָט דיסלעכ דערהערט דראָונג אינ דער
שטימ פונ דער פרעמדער פרוי.

ענדלעכ, האָט מישקע ניט אויסגעהאַלטנ און דורכגערוקט דעמ קאָפּ
אינ טיר אריינ. די פרעמדע פרוי איז אַלצ אָנגעפאַלנ אַפּ דער באַלע־
באָסטע. זי האָט שוינ געהאַלטנ די קולעקעס בא איר בלאָס־וווערנדיקנ
פּאָנעמ.

מישקע האָט זיך אינגאַנצנ אָנגעצונדנ און איז אריינ אינ ווילדנ
צאָרנ. די האָר אַפּנ נאַקנ האָבנ זיך אימ געשטעלט קאַפּויר. ער האָט
זיך אריינגעריסנ אינ צימער אריינ און א רעווע געטאָנ.

די הענדלערנ איז אָפּגעשפּרונגענ צו דער אַרויסגאַנג־טיר. מאריע
פּעטראָוונע האָט זיך געהאַלטנ מיט דער האַנט פאַרנ האַרצנ און שווער
געאָטעמט, און מישקע איז געשטאַנענ אינמיטנ, געקוקט אַפּנ פּיינט מיט
רויטע אָנגעגליטע אויגנ און געדעוועט.

אַז די הענדלערנ איז אַוועקגעגאַנגענ, האָט מאריע פּעטראָוונע לאַנג
מישקענ בעגלעט און געצערטלט. מע קענ גיינ אינ געוועט, אַז קיינ איינ
בעריבע אינ גאַנצנ אַלטנ האָט אַזוי ניט געבאַלעוועט די בערעלעכ, ווי
מאריע פּעטראָוונע האָט נאָכ דער געשיכטע געבאַלעוועט איר מישקענ.

זיי האָבנ זיכ ניט געשיידט אַפּ קיינ איינ מינוט. מאריע פּעטראָוונע פלעג
אימ קעמענ די האָר מיט א בערשטל, זינגענ לידלעכ, און מישקע האָט
זיכ געריבנ אָנ אירע פיס, זיכ געזעצט לעבנ איר בענקל און גאַנצענע
טעג איר נאָכגעגאַנגענ פוסטריט. ער האָט אַפילע שוינ ווייניקער
געשטיפט.

נאָר דאָ האָט זיכ געטראָפנ אַנ אומגליק.

מאריע פּעטראָוונע האָט זיכ געפּאָרעט באַמ וואַרעמעס. אינ
קיכ איז מער קיינער ניט געווענ, נאָר זי מיט מישקענ. ס'איז געווענ
שאַ־שטיל. אינ טעפּל האָט זיכ זודיקע פּוטער געקלאַקטשעט, טייבעלעכ
האָבנ אַפּנ דאַכ געקלאַפט מיט די לאַפּקעס.

מישקע איז געשטאַנענ אַפּ די הינטערשטע לאַפּקעס, פאַרלייגט דעמ
פּיסק אַפּנ טיש און אַרויסגעקוקט אינ פענצטער. דער דאַכ פונעמ
שכיינעסדיקנ הויז איז געשטאַנענ קימאַט האַרט באַמ פענצטער, אַפּ א
פּאָר אַרשינ עפּשער אָפּגעטראָטנ. די טייבעלעכ האָבנ אומגעשפּאַצירט
באַמ ראַנד פונ דאַכ און געוואָרקעט.

מאריע פּעטראָוונע האָט זיכ געכאַפּט ערשט דעמלט, ווענ פונ הויפּ

האָבן זיך געלאָזט הערן געשרייען מיט זידלערײַען. זי האָט א קוק געטאָן אין פענצטער — און איז געבליבן שטיין א פארציטערטע.

אונטן אין הויף איז געווען אן אָנגעלויף פון מענטשן. אלע האָבן געשריִען און געוויזן אפן דאך. און מישקע איז זיך געמיטלעך געזעסן רײַטנדיק אפן קוימען, געריסן ציגל פונעם קוימען און געוואָרפן אראָפ. די ציגל האָבן זיך געקײַקלט איבערן דאך און געפאלן אראָפ צו דער ערד. מישקע איז געווען שטארק אופגעלייגט און האָט געשפירט פונעם קוימען נאָך די פאלנדיקע ציגל.

נאָר אונטן האָט זיך אופגעהויבן נאָך א שטארקערער ליארעם און גערודער. צווישן אילעם האָט זיך דורכגעשטופט א מיליציאָנער. די שכיינים האָבן זיך א לאָז געטאָן צו אים און גענומען זיך קלאָגן אפן בער. דער מיליציאָנער האָט ארויסגעשטעלט די ברוסט און זיך א כאפ געטאָן פארן נאהאן.

— מישקע! — האָט מאריע פעטראָווגע ארויסגעשריִען. — שטיִט, שיסט ניט!

„מישקע, אנטלויף גיכער!" — האָט זיך געוואָלט א געשריי טון, נאָר פלוצלינג איז בא איר אזויווי אָפגענומען געוואָרן דאָס קאָל.

פון גרויס פארצווייפלונג האָט זי פארקוועטשט די פינגער און דערפילט אין די הענט דאָס הענטל פון דער פאן.

— מישקע, נא! — האָט זיך בא איר אומגעריכט ארויסגעריסן און זי האָט א מאך געטאָן מיט דער פאן.

מישקע האָט פֿארשטאנענ, אז זי וויל אים מעכאבער זײַנ מיט עפעס, אונ האָט גענומענ טופטשענ מיט די לאפעס איבערנ דאכ. אָט איז ער שוינ באם ראנד, בוצ!.

ער האָט א שפרונג געטאָנ אונ איז געבליבנ הענגענ, פארטשעפענדיק זיכ אינ דער פענצטער־ברעט. מאריע פעטראָוונע האָט מיט ציטערנדיקע הענט אים געהאָלפנ ארופקלעטערנ.

פונקט צו דער צײַט, ווענ זי האָט אים געשלעפט דורכנ פענצטער, האָט א זשומע געטאָנ א קויל אונ זיכ פארשטעקט אינ דער ליים, אינ דעם זעלבנ אָרט, ווו מישקע איז נאָר־וואָס געשטאנענ. דער מיליציאָנער האָט פארשפעטיקט אפ א פערטל סעקונדע.

מאריע פעטראָוונע האָט פארהאקט דעם פענצטער אונ זיכ א כאפ געטאָנ פארנ קאָפ.

— וואָס וועט איצטער זײַנ? מישקע, מישקע, וואָס האָסטו אָנגעמאכט?

מע האָט אָנגעקלאפט. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי אופגעעפנט די טיר.

— איכ באצאָל פארנ שאָדנ, באצאָל פאר אלצ, — האָט זי זיכ געווענדעט צו די שכײנים. — פארצײַט מיר, איכ בעט אײַכ טויזנט מאָל איבער, כ'האָב זיכ אפגעווענדעט פונ אים נאָר אפ א מינוט. ער האָט זיכ דאָכ געשפּילט. ער פארשטייט דאָכ ניט.

מישקע האָט זיכ געקראצט מיט דער לאפע פארנ אויער, אונ געקוקט אפ די שכײנים מיט פרײלעכע אויגנ. מאריע פעטראָוונע האָט אײַנגעטישעט די שכײנים, אונ זיי זײַנענ אוועקגעגאנגענ פונ איר מיט שפאס אונ געלעכטער.

איוואנ ווילהעלמאָוויטש איז געקומענ אהיים פונ דער ארבעט, אונ דער טאָג איז דורכגעגאנגענ, ווי געוויינלעכ. מאריע פעטראָוונע האָט זיכ אָנגעהויבנ בארויקנ. נאָר די הענט האָבנ בא איר אלצ געציטערט, אונ ס'איז איר ווי א שטיינ געלעגנ אפנ הארצנ. זי האָט אוועקגעלייגט די מערעזשע אונ זיכ צוגעלייגט אָפרוענ. מישקע האָט זיכ אײַנגעמאָסטעט לעבנ איר. אומבאמערקט זײַנענ זיי ביידע אײַנגעשלאָפנ.

מאריע פעטראָוונע האָט זיכ אופגעכאפט פונ א לאנגנ שארפנ קלונג אינ דער טיר. זי האָט געהערט, ווי איוואנ ווילהעלמאָוויטש איז ארויס אינ קאָרידאָר. ער האָט זיכ דאָרט ניט לאנג געזאמט. ס'האָט זיכ דערהערט איבער דער שטוב א צערייצטע שטימ.

— מאָרגנ נעמט מענ אים צו מיט דער הינטישער שטײַג. גענוג! א סאָפ זאָל עס נעמענ! מיר וועלנ מער ניט דערלאָזנ.

מאריע פעטראָוונע איז פארקילט געוואָרנ אינ הארצנ.

די טיר האָט זיך אופגעעפנט. ס'איז אריינגעקומען איוואן ווילהעלמאָוויטש און נאָך אים אן עלצטער מיליציאָנער. ער האָט ארויסגענומען א בלאנק און גענומען שרייבן א פראָטאָקאָל.

מאריע פעטראָוונע האָט געפרווט מיט אים איינטייַנען, אז אלץ איז דאָך אין אָרדענונג, און מיט די שביינים איז זי שוין דורכגעקומען. נאָר איוואן ווילהעלמאָוויטש איז פלוצלינג שטארק אופגעבראכט געוואָרן און האָט זיך צעשריַען, אז באלד נעמט ער אליין און שיסט דעם בער מיט זיַינע הענט. ער האָט זיך אפילע א לאָז געטאָן צום שפאניר־ווענטל, נאָר פון דאָרט האָט זיך דערהערט מישקעס באקאנטע ריטשענדיקע שטים.

מישקע האָט געפילט, אז עפעס טוט זיך דאָ ביַיז ארום אים. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, די האָר אופגעשטעלט, גרייט צו ווערן זיך, טאָמער פאלט מען אפ אים אָן.

דער מיליציאָנער האָט פארפילט דעם בלאנק און איז אוועקגעגאנגען. מאריע פעטראָוונע האָט זיך געדרייט אפן געלעגער און ניט געקענט אנשלאָפן ווערן. א גאנצע נאכט האָט זי איַינגעטיַינעט מיט איוואן ווילהעלמאָוויטשן און אלע מאָל זיך געווישט די אויגן. איוואן ווילהעלמאָוויטש האָט געשוויגן און געוויכערט.

לאנגע טעג האָבן זיך געצויגן. ענדלעך, איז אָנגעקומען א פּאָוועסטקע: מע האָט איוואן ווילהעלמאָוויטשן ארויסגערופן אין מיליציע! ער האָט געמוזט באצאָלן א היפשע סומע שטראָף און אויסהערן אן אויסרייד פון מיליציע־נאטשאלניק. פון דער מיליציע איז ער גליַיך אוועקגעפאָרן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן און אָפּגעטיַינעט א האלבע שאָ מיטן דירעקטער.

ער האָט זיך אומגעקערט אהיים. און אין א וויַילע ארום איז צום שטיבל אין קרומען געסל צוגעפאָרן א פור מיט א שטיַיג און מע האָט מישקען א דערשראָקענעם אוועקגעפירט פון מאריע פעטראָוונען.

דאָ ניט לאנג האָב איך שפאצירט אינעם זאָאָפארק. ס'איז געווען פרי, און מע האָט נאָך קיין באזוכערס ניט אריַינגעלאָזט. מיר איז דעריבער געווען א וווּנדער, ווען איך האָב אפ א פוסטער סטעזשקע זיך אָנגעטראָפן אפ צוויי פיגורן: א דארע אלטיטשקע פרוי מיט א דיקן פארברוינטן יינגל. ער איז געווען אָנגעטאָן ניט לויַטן מאָסקווער מאניר: אין א גראָבן געשטעפטן ליַיבל, אין שטיוועלעך פון בייגן־פעל און מיט א מאָדנע געדרייטן קארטוז. אין די הענט האָט ער געהאלטן א קוישל פון בערעזע־קאָרע.

ס'איז מיט זיי מיטגעגאנגען איינער פון די פארקבאדינער. די פרוי האָט מיט א פראגע א וויַיז געטאָן אפ א שטיַיג, און דערנאָך האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דער באדינער האָט זיך ארויסגעדרייט און איז

אוועקגעגאנגענ. די פרוי מיטנ יינגל זײַנענ צוגעקומענ צו דער שטײַג-
דאָרט איז געלעגנ א ברוינער בער.

— וואָס מאכסטו, מישקע?—האָט דאָס יינגל אימ געזאָגט.—כ'האָב דיר געבראכט א מאטאָנע פונ אונדזער בורטשיקנ. ער איז שוינ אויכ א גרויסער אונ זייער א ווילדער,—אונ ער האָט אימ דערלאנגט דאָס קוישל.

דער בער האָט א שטעק געטאָנ אינ קוישל די נאָז אונ א שמעק געטאָנ. ער איז שטארק פריילעכ געוואָרנ אונ גענומענ שארנ מיט די נעגל אינ קוישל. אינ קוישל איז געלעגנ האָניק-סטעלניק. מישקע האָט אוזש אָנגעהויבנ בורטשענ פונ פרייד. ער האָט ארויסגעשארט מיט דער לאפע דעמ האָניק, אויסגעסמאָקעט אונ זיכ באלעקט. דאָס יינגל האָט אימ דערווײַל דערציילט, וואָס עס הערט זיכ בא זיי אינ פעלד-שטיבל אינ אלטײַ.

— גענוג, מישע. קומ, לאָמיר גיינ,—האָט מאריע פעטראָוונע אימ א רופ געטאָנ.

בא די ווערטער איז דער בער דערציטערט געוואָרנ. איינע פונ די לאפעס איז אזוי פארשטארט געבליבנ אינ קוישל, אונ מיט דער צווייטער האָט ער זיכ אָנגעכאפט פארנ אײַזערנעמ פרענט. ער האָט מיט דורכדרינגענדיקע מענטשישע אויגנ א קוק געטאָנ אפ מאריע פעטראָוונע אונ אפ בערדיאגינס איניקל, וואָס האָבנ זיכ געלאָזט אוועקגיינ פונ דער שטײַג.

טש. ראָבערטס

געפונענער

I

די צאַרטע, ראָזעווע שטראַלנ פונעמ פריִענ באַגינענ זײַנענ לאַנגזאַמ אוועקגעקראָכנ איבער די פעלדזנ־געוויקסנ און אַרײַנגעדרונגענ אינ וואַלד. זײ האָבנ זיכ דורכגעשלאָגנ אינ דער נידער דורכ די צווײַגנ פונ די יאַסענעס, בערעזעס און קלאָנענ, וואָס האָבנ שוינ אַרויסגעלאָזט ערשטע פרילינגדיקע שפּראָצנ, און צומ סאָפ אַרײַנגעקוקט אינ דער קלײנער טיפער גרוב, ווו עס איז געווענ אויסגעבעט א טעפּיכ פונ איבערגעפּריִעטע בלעטער. דעמ אַרײַנגאַנג אינ דער גרוב האָבנ קימאַט אינגאַנצנ פאַרדעקט די אַראָפּהענגענדיקע צווײַגנ פונ צוויי גרויסע קאַשטאַנענ־בײמער.

די גרוב איז געווענ אַזוי קונציק פאַרהוילנ און באַהאַלטנ, אַז אַפילע די דינע אינדערפריִיקע שטראַלנ האָבנ מיט גרויס מי קוימ זיכ דורכגעשלאָגנ אַהינ און לאַנג געזוכט אפנ דנאָ, צי איז דאָרטנ ניט פאַראַנ עפּעס א לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס מע זאָל עס קאָנענ אופוועקנ. נאָר אָט האָבנ זײ עפּעס געפונענ, און ווי זיכ דערפרײט מיטנ געפונענעמ, האָבנ זײ גלײַכ באַשײַנט די גאַנצע גרוב מיט א בלאַסראָזעווער שײַנ.

דער, וועמענ דער באַגינענ האָט אופגעוועקט, איז געווענ גאָר א קלײנינקער הירש, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געבוירנ געוואָרנ. מיט ברײט־צעעפנטע אויגנ האָט ער פאַרוווּנדערט געקוקט אפ די ראָזעווע שטראַלנ. זײַנ פעל איז געווענ א רויט־ברוינע מיט זעלטענע געלע פלעקנ, און דעריבער האָט ער זיכ קימאַט ניט אונטערשײדט פונ די ברוינע צעפּריִעטע בלעטער, אפ וועלכע ער איז געלעגנ. בלויז אַדאַנק דער באַגינענ־שײַנ, וואָס איז דורכגעדרונגענ אינ גרוב, האָט אימ א זײַטיק אויג געקאָנט באַמערקנ. דער הירש האָט עס, זעט אויס, דערפילט, ווײַל ער האָט זיכ באַלד ווידער אופגעלײגט. געלעגנ אומבאַוועגלעכ, זײַנ קלײנינקנ קאָפּ אײַנגעמאָסטעט אפ די קאָפּעטעס. עס איז אימ אופגעקומענ אַנ אומקלאָרער פאַרלאַנג, אַז די העלע שטראַלנ

752—7

זאָלנ פאַרלאָזנ זײַנ באַהעלטעניש, אונ עס זאָל אים ווידער ארומרינג־לענ רו אונ פינצטערניש.

נאָר דאָס, וואָס ער האָט אַפ א קלײנער ווײַלע אופגעהויבנ דעם קאָפּ, איז גענוג געווענ, אז עס זאָל פּאָרקומענ עפּעס שרעקלעכס. זײַנ באַוועגונג האָבנ באַמערקט עמעצנס שאַרפע בײזע אויגנ, אונ צום ארײַנגאַנג פונ דער גרוב האָט זיכ שטיל, ווי דער באַגינענ, אונטער־געגאַנוועט א זשעדנע, ווילדע פיגור אונ דורכ די קוסטנ גענומענ אופ־מערקזאַם באַטראַכטנ די קלײנע ברוינע באַשעפעניש. באַלד נאָכ איר האָט זיכ צוגעגליטשט א צווײטע פיגור אונ זיכ אוועקגעלײגט לעבנ דער ערשטער.

א שרעקלעכער אויסזען איז געווענ בײַ אָט די לוקסנ. זײ האָבנ געהאַט גרויסע, ווי בײַ א פּאַנטערע, לאַפּעס אונ שטאָלענע מוס־קולנ, וואָס שפּילנ שטענדיק אונטער דער דינער הויט. אינ פאַרגלײַכ מיט אנדערע טײלנ פונ קערפּער זײַנענ זײערע הינטערשטע לאַפּעס

געווען באַזונדערס אנטוויקלט — שטאַרקע און לאַנגע; דער קערפּער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קורצן און ברייטן, ווי אַן אָפּגעהאַקטן, עק. זייערע קײַלעכיקע און בייזע מאָרדעס מיט די געלע אויגן זײַנען געווען פאַרוואָקסן מיט אַ האַרטער באָרד און באַפּוצט מיט לאַנגע וואָנצעס. אויף די אויערן זײַנען געהאַנגען האָריקע קאָטעסלעך.

עטלעכע סעקונדעס האָבן די לוקסן באַטראַכט דעם קליינינקן הירש. און אים, דעם הירש, איז גאָרניט פאַרדעכטיק געווען. ער האָט זיך ניט גערירט, געקוקט פאָרויס מיט זײַן זאָרגלאָזן בליק. נאָר פּלוצעם האָט אים אַרומגעכאַפּט עפּעס אַן אומקלאָרער אומרו, כאָטש ער האָט ניט געהערט קיין שום רויש, און ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, קעדיי אַ קוק טון, צי עס איז ניטאָ עפּעס הינטער אים. צוויי גרויע באַשעפענישן מיט שרעקלעכע אויגן זײַנען שטיל געקראָכן אין גרוב אַרײַן.

נעכטן ערשט איז ער געקומען אויף דער וועלט און האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט — ניט וועגן לוקסן, ניט וועגן טויט... נאָר, אַפילו ניט ווייסנדיק גאָרניט, האָט ער דאָך דערפילט, אַז אָט די צוויי כײַעס דראָען דעם לעבן זײַנעם. ער האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל און אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעכן, האַרצרײַסנדיקן געשריי, רופנדיק די מוטער צו הילף. זי האָט זיך גלײַך אָפּגערופן אָט דאָ נאָענט ערגעץ. אין אַ רגע אַרום איז זי שוין געווען לעבן איר קינד, אַריבערשפּרינגענדיק מיט איין גרויסן שפּרונג איבער די קוסטן.

קיינמאָל האָט זי זיך ניט אומגעקערט אַזוי אַהיים. געוויינלעך פּלעגט זי זיך אַהער אונטערגאַנווענען אומבאַמערקט. נאָר איצט, ווען איר קינד האָט געדראָט עפּעס אַן אומגליק, האָט זי געמוזט פאַרגעסן אָן פאָרזיכטיקײַט, און אויסקלײַבן פאַר זיך דעם נאָענטסטן וועג. זי האָט איר קינד באַשמעקט, צוערשט ערשט עס אַרומגעלעקט פון קאָפּ ביז די פיס, קעדיי זיך איבערצײַגן, צי ס'האָט זיך מיט דעם ניט געטראָפן קיין שלעכטס. עס האָט געציטערט. אַז זי האָט דאָס באַמערקט, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קעדיי אַ קוק טון, וואָר ס'האָט עס אַזוי אָנגעשראָקן.

ווען די הירשעכע האָט זיך פּלוצעם באַוויזן, האָבן זיך די לוקסן צוגעטוליעט צו דער ערד און זיך פאַרטײַעט. בלויז דאַן, ווען זי האָט אַראָפּגעלאָזט נידעריק דעם קאָפּ, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן זיך לאַנגזאַם אונטערגאַנווענען צו איר. נאָר איצט זײַנען זיי זיך צעגאַנגען, קעדיי אָנצופאַלן אויף די הירשן פון פאַרשיידענע זײַטן. אַ הירשעכע, וואָס באַשיצט איר קינד, איז זייער אַ געפערלעכער סריבע פאַר אַ לוקס. נאָר אַז זיי וועלן אויף איר אָנפאַלן פון צוויי זײַטן, האָבן זיי אויסגערעכנט, וועט זי זיך פאַרלירן, און זיי וועלן זי בײַקומען.

די הירשעכע האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ זיכ ארומגעקוקט. זי האָט זיכ באגעגנט מיטנ בייזנ בליק פונ דעמ „ער", וואָס איז שוינ געווענ אינגאנצנ עטלעכע מעטער ווײַט פונ דער הירשעכע אונ זיכ צוגעבויגנ, קעדיי א שפרונג צו טונ.

זי האָט ניט גענומענ ווארטנ אפ אָט דעמ שרעקלעכנ שפרונג. א געניטע אינ קאמפ, האָט זי זיכ אליינ א וואָרפ געטאָנ פאָרויס מיט א שארפנ געשריי אונ בליצ־שנעל א זעצ געטאָנ דעמ סוינע מיט איר קאָפּעטע, וואָס איז שטארק, ווי שטאָל. דער לוקס האָט זיכ ארויסגעדרייט פונעמ קלאפּ, אונ, ניט אײַנשטעלנדיק זיכ גיינ אפ אנ אָפענעמ קאמפּ, איז ער, פירכנדיק, אָפּגעטראָטנ אפ צוריק. די הירשעכע האָט זיכ אומגעקוקט, צי איר קינד איז שוינ ניט אינ קיינ געפאר... דער לוקס — די „זי" האָט זיכ געגאנוועט צומ קינד. אָנפאלנ אפ דער „זי" האָט די הירשעכע ניט באוויזנ, דאָכ האָט זיכ איר אײַנגעגעבנ מיט א קורצנ שפרונג אָנ א זײַט אָפּראטעווענ איר קינד. זי האָט א קלאפּ געטאָנ דעמ לוקס אינ א זײַט, איבערלאָזנדיק אפ זײַנ קערפּער א לאנגנ בלוטיקנ קרעל. דער לוקס האָט, אזוי־ארומ, צו זײַנ קאָרבנ ניט געקאָנט דערלאנגענ, נאָר דאָכ איז ער פונ קאמפּ ניט ארויסגעשטויסנ געוואָרנ. וואָס איז דער הירשעכע געבליבנ צו טונ? ארויסשפּרינגענ פונ דער גרוב אינ די קוסטנ, אויסרעכענענדיק, אז די ווילדע כײַעס וועלנ פארלאָזנ דאָס קינד אונ זיכ א וואָרפ טונ נאָכ איר. נאָר איידער זי האָט באוויזנ פארנעמענ א לאגע, וואָס איז נייטיק פארנ שלאכט, האָט דער לוקס, דער „ער", זי פלינק א כאפּ געטאָנ פארנ האלדז, אונ די „זי" איז גלײַכ מיט איינ שפּרונג ארופ צו איר אפנ קארק, זיכ אײַנגעשניטנ מיט אירע שארפע נעגל אינ די האלדז־מוסקולנ. נאָכ עטלעכע מינוט האָט די הירשעכע געקעמפט מיט זיי, נאָר די ווילדע כײַעס האָבנ זי בײַגעקומענ, אונ אינגיכנ האָט העל־הייס בלוט באגאָסנ די טרוקענע בלעטער.

II

מאק־טעוויש איז געשטאנענ אפנ שפּיצ פונ א הויכ בערגל אונ האָט מיט פארגעניגנ געקוקט אפנ זונ־אופגאנג.

ער האָט אוועקגעלייגט די ביקס אָנ א זײַט אונ געזעסנ א פארטראכטער, געגלעט זײַנ געלע באָרד. עס האָט זיכ אימ ארויסגעוויזנ, אז הײַנט איז דער באגינענ באזונדערס פרעכטיק: די זעלטענע שפּיל פונ געלע, ראָזע אונ גאָלדענע קאָלירנ, וואָס באפארבנ די דורכזיכטיקע בלויקײַט פונעמ הימל, האָט אפ אימ געווירקט, ווי קלאנגענ פונ צארטער מוזיק.

מאַק־טעוויש איז דעמ פאַרטאָג אופגעשטאַנענ פריִער, ווי געוויינ־לעכ, אונ זיכ אוועקגעלאָזט פונ זײַנ שטיבל גלײַכ אהער צומ בערגל אפ צו באַגעגענענ דעמ זונ־אופגאַנג.

פונ דער וואַלד־געדיכטעניש, צופוסנס דעמ בערגל, אפ וועלכנ ער איז געזעסנ, האָבנ זיכ פלוצעמ דערהערט הויכע געשרייענ, א גערויש פונ שרעקלעכנ קאמפ אונ א כאָרכלעכ. אָט די קלאַנגענ האָבנ אופגע־וועקט מאַק־טעווישנ פונ זײַנ פאַרטראַכטקײַט; עס איז מיטאמאָל פאַר אימ פאַרטונקלט געוואָרנ דאָס בילד פונעמ צויבערדיקנ פרימאָרגנ, אַלצ האָט זיכ ווידער אויסגעוויזנ געוויינלעכ אונ באַקאַנט. ער האָט א זיפצ געטאָנ, ווי ער זאָל זיכ אופכאפנ פונ א וווּנדערלעכנ כאָלעמ. געכאפט די ביקס, האָט ער זיכ לויפנדיק אראָפגעלאָזט פונעמ בערגל אונ צו־געקומענ צו דער גרוב, ווו עס איז נאָרוואָס פאָרגעקומענ א קאמפ אפ לעבנ אונ טויט.

ווענ מאַק־טעוויש איז צוגעגאַנגענ צומ שלאַכט־פעלד, איז די הירש־שעכע שוינ געווענ טויט, נאָר די לוקסנ האָבנ זיכ געוואָלט איבער־צײַגנ אינ זייער זיג, האָבנ זיי נאָכ אַלצ געהריזעט איר האַלדז. אז עס האָט זיכ באַוויזנ דער מענטש, זײַנענ זיי נאָכ ווילדער געוואָרנ. זיי האָבנ מוירע געהאַט, אז ער זאָל זיי ניט שטערנ צו געניסנ די רעזול־טאַטנ פונ זיג, האָבנ זיי פאַרגעסנ אָנ יעדער פאָרזיכטיקײַט אונ זיכ געוואָרפנ אפ אימ, גלײַכ ווי נאָכ א קעגנער זאָל פאַר זיי קיינ שומ באַדײַטונג ניט האָבנ.

מאַק־טעוויש האָט אויסגעשאָסנ, ניט צילנדיק זיכ. דער „ער“ איז הויכ אונטערגעשפרונגענ, צעשפרייט אינדערלופטנ אַלע פיר לאַפעס אונ מיט א כריפע געפאַלנ צוריק אפ זײַנ קאָרבנ. די „זי“ איז באַלד פאַרשוווּנדנ. פאַר מאַק־טעווישנ האָט אינ די קוסטנ בלויז דורכגעשווינ־דלט א פאַסיקל פונ איר גרויער פעל.

ער האָט הויכ אופגעהויבנ זײַנ טראָפיי, מיט א געניט אויג פונ א יע־גער באַטראַכט די פעל פונעמ „ער“ — זי איז געווענ ניט קיינ שלעכטע. מיט פאַרדראָס האָט ער אראָפגעלאָזט די טויטע כײַע: ער איז געווענ ניט צופרידנ, וואָס עס האָט זיכ אימ ניט אײַנגעגעבנ ענדיקנ מיטנ צווייטנ רויבער. ער האָט באַטראַכט די הירשעכע, קעדײַ אויסקלאָרנ, צי איז זי ניט לעבעדיק, ארויסגענומענ פונ קעשענע א רימענ אונ זי ארופגעהאַנגענ אפ א בוימ־צווײַג, קעדײַ די לוקסנ זאָלנ צו איר ניט קאָנענ דערלאַנגענ. דאַנ האָט ער זיכ פאַרנומענ מיטנ קלייִנקנ הירש, וואָס האָט אפ אימ דערשראָקנ געקוקט מיט זײַנע גרויסע גלאַנ־ציקע אויגנ.

דאָס הירשעלע האָט געהאט אזויפיל שרעק די לעצטע מינוטן, אז עס האָט אפילע זיך ניט דערשראָקן, ווען מאק־טעוויש האָט אויסגעשטרעקט צו דעם א האַנט. און ערשט דאַן, ווען דעם יעגערס האַנט האָט זיך אָנגערירט אָן זײַן מאָרדעלע און עס האָט דערפילט דעם שרעקלעכן רייעך פון א מענטשן, איז עס אין שרעק אָפגעשפרונגען אפ צוריק און אָנגעהויבן זיך אָפשלאָגן מיט די פיס. עס האָט זיך ווידער דער־הערט זײַן יאָמערלעכער רוף, אָבער די טויטע מוטער האָט זיך ניט אָנגערופן.

אפ זײַנע שוואכע פיס האָט דאָס הירשעלע געפרווט אוועקגיין פון מאק־טעווישן, נאָר דער יעגער האָט עס פעסט געהאלטן און גענומען צארט גלעטן. און דער הירש איז פלוצלינג שטיל געוואָרן: עפשער האָט אים בארויִקט דער מוטערס רייעך, מיט וועלכן עס איז דורכגע־זאפט געוואָרן מאק־טעווישעס אָנטון, בעשאס ער האָט די הירשעכע ארופגעהאנגען אפן בוים־צווײַג. דאָס כײַעלע איז שטיל געלעגן באם יעגער אפ די הענט, אָנגעשטעלט אפ אים די דערשראָקענע אויגן.

מאק־טעוויש האָט געדארפט גיין אין דאָרף ארײַן. און דאָס, וואָס ער פארטראכט, האָט ער פײַנט געהאט צו ענדערן. נאָר די לאגע פון פאר־יאָסעמטן כײַעלע האָט אים גערירט. סאָפקאָלסאָף, וועט ער א צווייט מאָל באוויזן גיין אין דאָרף ארײַן. ער האָט דעם טויטן לוקס ארופגעוואל־גערט אפ דער פלייצע, באקוועמער אײַנגעאָרדנט דעם קליינינקן הירש אפ דער לינקער האנט און זיך געלאָזט צוריקוועגס צו זײַן הײַזל, וואָס איז געשטאנען אפ דער צווייטער זײַט פונעם בערגל.

III

בא מאק־טעווישן אין הײַזל האָט דער קליינינקער הירש גיך פאר־געסן אָן אלע זײַנע ביטערע פאסירונגען. ער האָט זיך אויסגעלערנט טרינקען פרישע קועגע מילך און זיך פאסען ניט נאָר אפ דער לאָנקע, נאָר אפילע בא מאק־טעווישן אין גאָרטן. מאק־טעוויש האָט אים זייער געפעסטעט, און דאָס הירשעלע איז אים דערפאר געוואָרן איבערגעגעבן, ווי א הונט, איז נאָכגעגאנגען זײַנע טריט, געשריגן טרויעריק יעדעס מאָל, ווען מאק־טעוויש פלעג ערגעץ אוועקגיין און אים פארשליסן אינדער־היים אין קאמער. אין צוויי־דרײַ כאָדאָשים ארום זײַנען בא אים אראָפ־געקראָכן אלע געלע פלעקן, און עס איז אויסגעוואקסן א שיינע, טונקל־ברוינע פעל. צוביסלעכווײַז איז פונעם קליינינקן כײַעלע געוואָרן א שטאלטנער, זעלטנשיינער הירש. מאק־טעוויש האָט אים ניט גערופן מער „כײַעלע" און האָט אים געגעבן א נאָמען „געפונענער".

געפֿונענער האָט אײַנגעשטעלט די פּרײַנטלעכסטע באַציִונגען מיט דער קו, מיטן יאָריקן קעלבל און מיט די צוויי שלעפּעריקע אָקסן. ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנוואַקסן זײַנע ערשטע הערנער, האָבן אָט די פֿרידלעכע היימישע רינדער געמנוזט אַנערקענען זײַנע באַשײַמפּערלעכע מײַלעס: כאָטש ער איז אין פֿאַרגלײַך מיט זיי געווען קליין און דין, נאָר מיט זײַנע פֿעדערשטע קאָפּעטעס האָט ער געקאָנט גאַנץ גוט אַ זעץ טון, און אָפּשפּרינגענדיק, האָט ער נאָך דעם באַוויזן גרינג אַוועק פֿון די, וואָס האָבן אים פֿאַרפֿאָלגט. קעדיי אויסצומײַדן איבעריקע אומאָנגענעמלעכקײַטן, האָבן זיי באַשטימט שווײַגנדיק לײַדן פֿון אים. זייער געדולדיקײַט האָט מען אין אַ געוויסער מאָס געקאָנט דערקלערן אויך מיט דעם, וואָס מאַק־טעוויש, זייער אַלגעמיינער האַר און באַלעבאָס, האָט זיך צום הירש באַצויגן זייער גוט. אַ האַלבן טאָג האָט געפֿונענער פֿאַרבראַכט בײַ אים אין שטוב, און ווען מאַק פֿלעג אַרויסגיין, איז דער הירש שטענדיק געגאַנגען לעבן אים; דערבײַ האָט דער יעגער געהאַלטן די האַנט אויף זײַן רוקן. דערפֿאַר האָבן זיך אַלע איבעריקע באַלעכאַיִם דורכגעדרונגען צוביסלעכווײַז מיט אַ זיכערקײַט, אַז אַ טייל פֿון מאַק־טעווישעס אויטאָריטעט איז איבערגעגאַנגען צום הירש.

צום גליק, האָט געפֿונענער ניט געדאַרפֿט טיילן זײַן באַלעבאָס צוגעבונדנקײַט ניט מיט דער קאַץ, ניט מיטן הונט, ווײַל ער איז געווען זייער אײפֿערזיכטיק.

ווען ער איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ שטאַרקער הירש מיט גרויסע צעצווײַגטע הערנער, האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ באַזונדער סינע צו צוויי מינים באַשעפֿענישן: צו כאַזירים און צו שלענג.

עס איז שווער געווען צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס ער איז אַזוי פֿײַנטלעך געשטימט צו כאַזירים; יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעג זיי באַליידיקן, האָט ער באַקומען פֿון מאַק־טעווישן מיט דער בײַטש. דעמלט פֿלעג ער אַ באַליידיקטער אַ מינוט צען זיך באַהאַלטן הינטערן פּלויט, און ווען ער פֿלעג זיך ווידער באַווײַזן, פֿלעג ער קלוימערשט אינגאַנצן אויפֿהערן זיך אומקוקן אויף די כאַזירים.

נאָר שלענג האָט געפֿונענער אומדראַכמאָנעסדיק פֿאַרפֿאָלגט. ער פֿלעג אַרויפֿקריכן אויפֿן שפּיץ פֿון בערגל, געפֿינען די שלאַנגישע נאָרעס, אַרויסטרײַבן פֿון דאָרטן די שלענג און דערקוועטשן זיי מיט זײַנע שטאַרקע קאָפּעטעס.

מאַק־טעוויש האָט אויך, ווי ער, פֿײַנט געהאַט שלענג און מיט אַלציינעם עקל זיך באַצויגן אי צו די גיפֿטיקע שלענג, וואָס טראָגן מיט זיך

טויט, אי צו די קלײנינקע אומשעדלעכע שלענגלעכ. געפונענער האָט דאָפּקע געקענט װער חײסט װיִאַזױ־ארומ אונטערשײדנ גיפטיקע שלענג פונ אומשעדלעכע, אָבער ער האָט ניט געשױרנט ניט די, ניט יענע.

עס זײַנענ אָנגעקומענ די זומערדיקע היצנ, אונ די גיפטיקע שלענג האָבנ זיכ פאַרקליבנ אַפ דער דאָרעמדיקער זײַט פונעמ בערגל, װעלכע איז געװענ באַשיצט פונ װינט — דאָרט האָבנ זײ גאַנצענע טעג זיכ געװאַרעמט אַפ דער זונ. פונ צײַט צו צײַט, װענ די שלענג פלעגנ עמעצנ צעבײַסנ, פלעגנ די אָרטיקע פערמערס נעמענ נאָכ זײ נאָכשפּירנ, אָבער די שלענג האָבנ אינ גרעסטנ טײל זיכ געהאַלטנ װײַט פונ מענטשנ, זיכ באַהאַלטנ, װענ מענטשנ פלעגנ זיכ דערנעענטערנ, אונ מע האָט װידער אָנ זײ פאַרגעסנ.

נאָר מאַק־טעװישנ איז אומדערװאַרט אויסגעקומענ זיכ אָנשטויסנ אָנ זײ, דערבײַ בײַ זײער ערנסטע אומשטענדנ. עפּעס אײנמאָל גאַנצפרי איז ער, װי געװײנלעכ, געזעסנ אַפנ שפּיצ בערגל אונ מיט פאַרגעניגנ געקוקט אַפנ זונ־אויפגאַנג. פּלוצלינג האָט זיכ א שטיקל פעלדז, אַפ װעלכנ ער האָט זיכ אײַנגעמאָסטעט, א הוידע געטאָנ, ניט אויסהאַלטנדיק זײַנ שװערקײַט. מאַק־טעװיש האָט פאַרלוירנ דעמ גלײַכגעװיכט אונ געפאַלנ אַראָפּ, שלעפּנדיק נאָכ זיכ א הויפנ שטײנער. פאַלנדיק, האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ אָנצוכאַפּנ זיכ פאַר א קוסט אונ ער װאָלט געװיס געקענט זיכ אָנהאַלטנ אינ אימ, װענ עס זאָל זיכ פונ אונטער אימ ניט געװענ דערהערנ א שיפּענ, װאָס איז אימ גוט געװענ באַקאַנט. די האָר האָבנ זיכ בײַ אימ אויפגעשטעלט פונ שרעק, ער האָט אָפּגעלאָזט דעמ קוסט אונ אַפ א מינוט אפילע געװענ זײער צופרידנ, װאָס ער פאַלט װײַטער.

אָבער גלײַכ האָט ער זיכ מיטנ קאָפּ א קלאַפּ געטאָנ אָנ א שטאַמ, אונ, פאַרלירנדיק דעמ באַװוסטזײַנ, האָט ער זיכ אַראָפּגעקײַקלט מיט א צעבראָכענעמ פוס אַפ א הויפנ שטײנ־ברוכ.

עטלעכע שטײנער, װאָס זײַנענ אַראָפּגעפאַלנ צוזאַמענ מיט אימ פונעמ בערגל, האָבנ אַרויסגערופנ א גאַנצנ האָגל־גאָס פונ דריבנע שטײנדלעכ, אונ דאָס איז פאַר מאַק־טעװישנ געװענ א רעטונג: דער רויש האָט צוגעצויגנ א גאַנצנ געזינד פונ שלענג, װעלכע זײַנענ מיט א שיפּענ אַרויסגעקראָכנ פונ זײערע שפּאַלטנ. עטלעכע מינוט האָבנ זײ ניט געװוסט, אַפ װעמענ אויסלאָזנ זײער צאָרנ — צי אַפ די פאַלנדיקע שטײנער, צי אַפ מאַק־טעװישנ, װאָס איז געלעגנ אומבאַװעגלעכ.

בעשאַס עס איז פאָרגעקומענ די קאַטאַסטראָפע, איז געפונענער געשטאַנענ לעבנ זײַנ באַלעבאָס. װענ דער באַלעבאָס איז פּלוצלינג פאַר־

שווינדנ, איז געפונענער אָפגעשפרונגענ אפ צוריק אונ מיט ווונדער גענומענ באטראכטנ דעם בארג־אראָפ: ער האָט קיינמאָל ביז איצט ניט געזענ, אז דער באלעבאָס זאָל אזוי גיכ פארשווינדנ אונ ניט א גלעט טונ אים, געזעגענענדיק זיכ. עטלעכע מינוט איז ער געשטאנענ אונ געטראכט וועגנ דעם. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבנ בענקענ אונ מיט אומרו אראָפקוקנ אינ אָפגרונט. דאָרט האָט ער דערזענ דעם באלע־באָס—ער איז, ווײַזט אויס, געשלאָפנ.

נאָר אינ דער מינוט האָבנ זיכ עטלעכע שטיינדלעכ ארויסגעריסנ פונ אונטער זײַנע קאָפעטעס אונ אראָפגעקויקלט זיכ אפ מאק־טעווישנ, וואָס איז אונטנ געלעגנ. געפונענער האָט זיכ דערשראָקנ, צי איז דער באלעבאָס אפ אים ניט בארויגעז געוואָרנ דערפאר, נאָר דער יעגער איז אלצ געלעגנ אומבאוועגלעכ.

דאנ איז געפונענער געוואָרנ נאָכ אומרויִקער. ער האָט באשטימט צו לויפנ צו אים, נאָר דער וועג, אפ וועלכנ דער באלעבאָס זײַנער איז ניט געגאנגענ, ווי שטענדיק, נאָר אזוי מאָדנע זיכ אראָפגעקײַקלט, האָט זיכ אים אויסגעוויזנ געפערלעכ, אונ ער האָט אָפגעזוכט א גלײַכערע סטעזשקע.

ווענ דער רויש פונ די שטיינער אונטנ האָט זיכ אײַנגעשטילט אונ אלצ האָט זיכ בארויִקט, האָבנ די שלענג גענומענ זיכ אומקערנ זיכ אהינ, וווּ די זונ באקט.

פאָרויס, ווײַזנדיק דעם וועג, איז געקראָכנ זייער פירער—אנ אומ־געהייער־גרויסער שלאנג מיט א ווונדערלעכנ געמעל אפנ רוקנ. ווענ דער שלאנג האָט דערזענ מאק־טעווישנ, וואָס ליגט אָנ באוווסטזײַנ, האָט ער געגעבנ א צייכנ, די איבעריקע שלענג זאָלנ זיכ אָפשטעלנ, אונ פארנר מענ א שלאכט־פאָזיציע. זײַנ געזינד איז געקראָכנ אפ צוריק—זאָל ער אליינ גיינ אינ שלאכט אפנ סוינע.

אזויווי מאק־טעוויש האָט זיכ ניט גערירט, האָט דער שלאנג גע־נומענ וואַרטנ, ניט אראָפגייענדיק פונ זײַנ שלאכט־פאָזיציע. עס איז פארבײַ א מינוט צענ, אונ ער איז אלצ געלעגנ אומבאוועגלעכ. דער שלאנג איז צוביסלעכווײַז געקומענ צום אויספיר, אז דער סוינע איז טויט אונ איז מער ניט געפערלעכ. דעריבער קאָנ מענ זיכ ווײַטער קריכנ.

נאָר גראָד אינ דער מינוט האָט דער באוווסטזײַנ אָנגעהויבנ זיכ אומקערנ צו מאק־טעווישנ. ניט האָבנדיק נאָכ קיינ קויעכ א ריר צו טונ זיכ, האָט ער געעפנט די אויגנ. גלײַכ פאר אים האָט זיכ געהוידעט דעם שלאנגס שרעקלעכער קאָפ.

אינ זײַנ מויעכ איז גלײַכ דורכגעלאָפנ א געדאנק, אז דער שלאנג

װעט אים ניט טשעפּענ, ביז ער װעט זיכ אלײנ ניט רירנ. נאָר דער שלאנג האָט שוינ איצט געוווּסט, אז ער לעבט, אונ געקאָנט ווארטנ אָנ א שיר אונ אָנ א סאָפ. וויפל צײַט קאָנ ער אויסהאלטנ אזא פּײַנ? אינעם צעבראָכענעם פוס האָט ער אָנגעהויבנ פילנ א שרעקלעכנ ווייטיק. אנדערע שלענג האָבנ דאָכ אויכ געקאָנט ארויסקריכנ פונ זייערע נאָרעס... וויאזוי קענ מענ פארשווינדנ אומבאמערקט? וויאזוי קענ מענ אויסמײַדנ זייערע טויט-געפערלעכע ביס?

א קאלטער שווייס האָט באדעקט זײַנ שטערנ. אינ קאָפּ האָט געשווינדלט, אונ ער האָט דערפילט, אז ער פארלירט ווידער דעם באוווּסטזײַנ. מיט דער הילפ פונ אומענטשלעכער אָנשטרענגונג פונעם ווילנ האָט ער זיכ באהערשט, נאָר די פלענער, וואָס זײַנענ געבוירנ געוואָרנ אינ זײַנ אויסגעמאטערטנ, פארנעפּלטנ מויעכ, האָט ער ניט געקענט פארווירקלעכנ.

צי קאָנ מענ דענ, אשטייגער, ניט אָנעמענ א פולע האנט מיט שטיינער אונ פארווארפנ מיט זיי דעם סוינע? אָבער ניינ. מיט זײַנ אָפּגעשוואכטער האנט וועט ער זיכ בעשומויפנ ניט ספּראווענ מיט אָט דעם שטארקנ סוינע, וואָס איז באוואָפנט מיט א טויט-געפערלעכנ גיפט.

ווענ עס האָט שוינ געהאלטנ דערבײַ, ער זאָל ווידער פאלנ איינ כאלאָשעס, האָט ער דערהערט א קלאפּנ פונ קאָפּעטעס, וואָס דערנענטערט זיכ. אויסדרייענ דעם קאָפּ האָט ער ניט געוואָלט אײַנשטעלנ, נאָר לויטנ קלאנג האָט ער פארשטאנענ, ווער עס גייט אים צו הילפ. עס איז אים גרינגער געוואָרנ אפנ הארצנ.

דער שלאנג האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, גרייט צו באגעגענענ דעם נײַעמ סוינע. אינ א סעקונדע ארום האָט זיכ באוויזנ געפּונענער, טאנצנדיק אָט דעם שלאכט-טאנצ, מיט וועלכנ ער רופט געוויינלעכ די כאזיירים צום שלאכט. ער איז אָפּגעשפּרונגענ אפ רעכטס, אָפּווענדנדיק די אויפמערקזאמקײַט פונ מאק-טעווישנ, אונ אָנגעבויגנ דעם קאָפּ, דראָענדיק ארויסגעשטעלט די שפּיצנ פונ זײַנע הערנער פאָרויס צום שלאכט.

בליצ-שנעל האָט דער שלאנג א זעצ געטאָנ איבער זײַנע הערנער, אומזיסט אויסגעבראכט דעם גיפט זײַנעם. צערייצט דערפונ, וואָס די הערנער האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אלס ניט פילבארע צו זײַנ גיפט, האָט ער ווידער אונ ווידער-אמאָל אָנגעהויבנ זיכ ווארפנ אפנ הירש, אונ יעדעס מאָל האָט זיכ זײַנ גיפט געגליטשט איבער די צווײַגיקע הערנער. ער האָט ארויסגעלאָזט דעם לעצטנ טראָפּנ גיפט אונ געפילט, אז

איצט האָט מען בא איִם שוין אף לאנג צוגענומען זײַן טויט־געפערלעכע
קראַפט. ער האָט געפרוווט אָפטראָגן זיך פון שלאכט־פעלד, נאָר געפר־
נענער האָט אים איבערגעיאָגט: די קאָפּעטע, א שטארקע, ווי שטאָל, האָט
זיך אראָפּגעלאָזט אפן שלאנגס רוקן און אים צוגעקוועטשט. דער קאָפּ
מיטן אריסגעשטעקטן גיפטיקן צונג איז אָנמעכטיק געפאלן אף די שטיי־
נער, אין דער צײַט, ווען דער קערפער האָט זיך נאָך געדרייט פול מיט
קראפט און ענערגיע. דער צווייטער קלאַפּ האָט צעקוועטשט דעם
שלאנגס קאָפּ, און נאָך דעם האָט ער אים גענומען טרעטן מיט די קאָ־
פּעטעס, ניט באַרויִקט זיך, ביז ער האָט ניט פארטראָטן אין שטויב דעם
לעצטן רינג.

איצט האָט מאק־טעוויש שוין ניט געהאט וואָס מוירע צו האָבן פאר
די שלענג. נאָר די קריכעס האָבן אים פארלאָזט און ער איז ווידער גע־
בליבן אָן באוווסטזײַן.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, ווען ער איז געקומען צו זיך,
איז געווען געפונענעמס דינער, שיינער קאָפּ, וואָס האָט זיך צו אים אָנ־
געבויגן. דער הירש האָט אומרויִק אים באשמעקט.

ער האָט צארט א גלעט געטאָנ געפונענעם, פילנדיק צו אים אַנ אומבאגרענעצטע דאנקבארקײט פאר זײַנ העלדישקײט אונ אײַנפאלנ, װאָס האָבנ מאק־טעװישנ געראטעװעט דאָס לעבנ.

נאָכדעם האָט ער זיכ אונטערגעהױבנ אונ, צונױפפרעסנדיק פונ װײ־טעק די ציינ, אװעקגעקראָכנ צום נאָענטסטנ דאָרפ.

ב. לאָווצאָוו

דער געשטרייפלטער ערגעני

I

האַלב־נאַקעטע קינדער זײַנען געלאָפן מיט פריילעכן געפילדער איבערן נאַסן זאַמד. באַם ראַנד ברעג האָט פויל זיך געפּליעסקעט דער טײַך אַמור און געיאָגט כוואַליעס אַפ די זאַמד־בענק. ניט ווײַט, אַפן בערגל, לעבן די זומערדיקע יורטעס, זײַנען געזעסן אַלטע גאָלדן. זיי האָבן שווײַגנדיק געפּיכקעט די ציבעקעס, געטריבן פון זיך די אײַנגעגעסענע פליגן און זיך צוגעהערט צום ליאַרעם.

— הילכיקער קינדערשער געלעכטער און רויש פון די כוואַליעס באַם טײַך האָט זיך דערטראָגן אַזש ביז צו דער סטויבישטשע[1].

נאָר די קינדער האָט דערעסן צו שלײַנדערן איבערן זאַמד, און, ווי אַ טאַבון דערשראָקענע פערד, איינס נאָכן אַנדערן, טאַנצנדיק און יאָגנדיק, האָבן זיי מיט שטיפערישן געשריי זיך אַוועקגעלאָזט פאַרבײַ די יורטעס.

בינו, דאָס סאַמע קליינע און דאָס פאַרשײַטסטע יינגעלע, האָט לויפנדיק געוואָרפן אַן אָפּגעהריזעטן ביין פון אַ לאַקספיש דעם אַלטן שאַפינוי גלײַך אין דער באָרד אַרײַן.

— נאַ, זיידע, קעם זיך אויס מיטן ביין די באָרד דײַנע.

דער אַלטער האָט בייז אַפ אים אַ קוק געטאָן, אַרויסגעריסן דעם פיש־ביין און אויסגעגלעט זיך די פוכיקע באָרד.

— או... או... איך וועל דיך...

בינו האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג.

— וואַרט נאָר אויס, אָט וועל איך הייסן ערגעני, וועט ער דיך צערײַסן. איך וועל אים זאָגן... או... או... — און דער אַלטער האָט געוויזן מיט דער לאַנגער טרוקענער האַנט אַפ דער טײַגע.

---

1) סטויבישטשע — אָפּשטעל־פּונקט פון וואַנדערנדיקע קליינע פעלקער אַפן ווײַסן מיזרעכ פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

בינו איז שטיל געוואָרנ אונ האָט זיכ פאַרטראַכט. ער האָט געוווּסט, אַז ערגעני — דאָס איז די נעשאָמע פונ זײַנ ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעמ זיידנ קאַרמאַטשי, דעמ שרעקלעכנ זיידנ קאַרמאַטשי, וואָס פאַר אימ האָט מוירע ניט נאָר בינו אַליינ, נאָר אויכ זײַנ פאָטער, דער גרויסער בינו, אונ זײַנ מוטער, קאַרמאַטשיס ליבסטע טאָכטער.

— איכל... דיר...

שאַפינוריס האַנט האָט אַלצ געווייזנ אַפ דער טײַגע. בינו האָט זיכ פאַרכלינעט אונ דערשראָקנ א קוק געטאָנ אַפנ פינצטערנ וואַלד. אַפ די בערג, וואָס זײַנענ באַזוימט געווענ מיטנ טײַגע־וואַלד, האָט די זונ געשפילט מיט העלע פלעקנ. איבערנ באַרג האָט זיכ א סטעזשקע געשלענגלט. צווישנ די פײַער־רויטע בלומענ פונעמ ווילדנ ראָזמאַרינ האָבנ זיכ געשפילט זײַנע כאַוויירימ. „קענ דענ זײַנ, אַז דאָרטנ זאָל וווינענ דער בייזער ערגעני?" בינו האָט א טרייסל געטאָנ מיט דער קוטשמע שוואַרצע האָר זײַנע אונ ווידער אַרויסגעשטעקט שאַפינוריענ א צונג. דערנאָכ האָט ער זיכ א פאַטש געגעבנ איבער די נאַקעטע פאַרברוינטע פיס אונ זיכ אַוועקגעלאָזט צומ באַרג.

— ניט קיינ איבערגעשראָקענער... ס'וועט זײַנ פונ אימ א גוטער פישער... ער וועט אויסוואַקסנ א געזונטער יונג... — האָט שאַפינורי גוטמוטיק געשמוכט, אונטערוויזקענדיק צו זײַנ שאָכנ, דעמ קליינוווּקסיקנ צעקנייטשנ לאָודי.

די כעווערע זײַנענ צוגעלאָפנ ביזנ באַרג־רוקנ אונ זיכ אָפּגעשטעלט. אַוועקגיינ ווײַט אינ דער טײַגע האָבנ זיי מוירע געהאַט. אינ דער טײַגע איז שטענדיק שטיל, דושנע אונ ענג. פרווו זיכ דאָרטנ א ריר טונ, וועסטו זיכ אָנשטויסנ אינ א צווײַג אָדער זיכ פאַרטשעפענ אינ א קאָרטש, אינ אַנ אַלטנ צעפוילטנ שטאַמ פונ א בוימ, ווו עס ליגנ אַוואַדע באַהאַלטנ א צוויי־דרײַ זילבערנע שלענג.

דערפאַר אָבער איז אַזוי גוט אונ פריילעכ אַפ די קליינע לאָנקעס, ווו עס שוימט קעסיידער א באַרג־טײַכל צווישנ שטיינער אונ אָנגעהאַנגענע מאַנדל־קוסטנ. מע קאָנ דאָרט מיט אַנ אַלטער שמאַטע כאַפּנ א פאָרעל־פישל, א פאַטש טונ מיט א ריטל איבער א שווימ־זשוקל אונ דערנאָכ עס נעמענ אינ דער האַנט אונ אויסציילנ, וויפל פיס עס האָט, וויפל אויגנ, א קוק טונ, פאַרוואָס קאָנ עס לויפנ איבערנ טײַכ אונ ניט דערטרונקענ ווערנ. אינ די קוסטנ זינגענ פייגעלעכ, מע קענ זיכ מיט זיי איבערופנ, א רייצ טונ.

נאָר פאַרקלײַבנ זיכ ווײַט — איז געפערלעכ. עס שטייענ דאָרטנ פינצטערע צעדערנ, גרוילעכע רויטביימער אונ טאַנענ מיט ברייטע

לאַפּעס. טו זיך נאָר א קער אהין, וועט צו דיר ארויסקריכן דער בייזער ערגעצי.

די קינדער פלעגן אויסמײַדן די פאַרכמורעטע טײַגע. פון יענער זײַט בערג האָבן זיי זיך געהאַט זייער לאַנקע. בינו האָט אָנגעיאָגט אפן שפּיץ בארג די כאַוויירים, זיי צעשטופּט און זיך אוועקגעזעצט. ער האָט א הילכיקן פײַף געטאָן און מיטאמאָל אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, אים פאַרשטופּט צווישן די פיס און זיך א קײַקל געטאָן, ווי א פּילקע, איבערן ווייכן געדיכטן גראָז.

דער כעוורע איז דאָס געפעלן געוואָרן. זיי האָבן אויך, אזוי ווי ער, איינער נאָכן אנדערן, מיט געשרייען און געלעכטער, גענומען זיך קײַקלען איבער דער לאַנקע. דער סאַמע עלטסטער, דער רירעוודיקער טוטוקאַן, האָט געוואָלט נאָכאמאָל ארויף אפן בארג און זיך ווידער אראָפּקײַקלען אראָפּ, נאָר בינו האָט שוין צוגעטראַכט א נײַע שפּיל. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אפ די הענט און איז אזוי דורכגעגאַנגען די לאַנקע פון איין ראַנד ביזן אנדערן, דריגענדיק פריילעך מיט די פיס אינדערלופטן. טוטוקאַן האָט זיך באַטראַכט און זיך אוועקגעקײַקלט נאָך בינון, ווי א ראָד, אָפּשטויסנדיק זיך פון דער ערד מיט די הענט און מיט די פיס. די קליינינקע סאָבי האָט אים נאָכגעטאָן און זיך אוועקגעלאָזט נאָך אים. דערנאָך לויט דער ריי — אלע איבעריקע.

אפ א בערגל, באַם טײַכל, אין די געדיכטע קוסטן פונעם ווילדן ראָזמאַרין, איז געלעגן אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג פון זײַן געשטרייפלטן קערפּער א טיגערל פוי א כאַדאָשים זעקס. ער האָט זיך

געמאַטערט פונ היצ אונ שווער געאָטעמט, ארויסשטעקנדיק דעם שפּיצ פונ זײַנ רויטנ, פאַרסליגעטנ צונג. צוריק מיט עטלעכע שאָ האָט ער גוט צוגעביסנ מיט עטלעכע קוויטשענדיקע, נאָר גאַנצ געשמאַקע ווילדע באַזערלעכ, אונ איצט האָט ער געוואַרט אפּ זײַנ מאַמע.

די קינדערשע געשרײַענ אונ געלעכטער האָבנ אים געצוווּנגענ זיכ אָנשפּיצנ. ער האָט זיכ פויל אויסגעצויגנ, איבערגעקערט זיכ אפנ בויכ, דערנאָכ איז ער שטילערהייט אוועקגעקראָכנ צו דער לאָנקע, גרינג אײַנבייגנדיק דאָס גראָז מיט די ווייכע לאַפּעס.

בינו האָט זיכ פאַרוועט מיט טוטוקאַנענ. זיי האָבנ זיכ אוועקגעשטעלט באַנאַנד אונ גענומענ זיכ קײַקלענ, ווי א ראָד, אריבעריאָגנדיק אײַנער דעם צווייטנ. הענט, פיס אונ צעפּאַטלטע קעפּ האָבנ גענומענ שווינדלענ פאַרנ קליינעם טיגער. די אויגנ האָבנ בא אים א שפּיל געטאָנ. ער האָט זיכ עלאַסטיש אויסגעצויגנ, א שפּרונג געטאָנ צו די קינדער אונ זיכ אומגעוואָרפנ בינונ צו די פיס. בינו איז אומגעפאַלנ. דאָס טיגערל איז אופגעשפּרונגענ אונ שפּילעוודיק אים א פּאַטש געטאָנ מיט דער ווייכער לאַפּע איבערנ נאַקעטנ הינטנ.

בינו האָט אָנגעשטעלט אפנ טיגערל די אויגנ אונ ניט געוווּסט, וואָס טונ. טוטוקאַנ איז אָפּגעלאָפנ אינ א זײַט, זיכ באַהאַלטנ הינטער א קוסט אונ וואָרענענדיק גענומענ שטאַמלענ:

— ערגעני... ערגעני... דער בייזער ערגעני...

די איבערגעשראָקענע קינדער זײַנענ זיכ צעלאָפנ אונ האָבנ זיכ באַהאַלטנ אינ די קוסטנ.

דאָס טיגערל האָט ווידער א שפּרונג געטאָנ אפ בינונ, איז אנידערגעפאַלנ לעבנ אים אפ דער ערד אונ אָנגעהויבנ מאַכנ מיט די לאַפּעס אינדערלופטנ, ווי בינו מיט עטלעכע מינוט צוריק, ווענ ער איז געגאַנגענ אפ די הענט. ער האָט זיכ געוואָלט שפּילנ.

בינו האָט זיכ אוועקגעזעצט אפ די שפּיצ פינגער אונ א שמייכל געגעבנ.

— דער בייזער ערגעני שפּילט זיכ ניט. דאָס איז ניט דער בייזער ערגעני... זע נאָר, ער איז דאָכ גאָר אזא קליינינקער.

טוטוקאַנ האָט געשעפּטשעט:

— אנטלויפ, זאָג איכ דיר. דאָס איז דער בייזער ערגעני. איכ וויס.

— ניינ, ער איז ניט קיינ בייזער, — האָט בינו פריילעכ זיכ צעלאַכט אונ א גלעט געטאָנ דאָס טיגערל. דאָס טיגערל איז אופגעשפּרונגענ אונ שפּילעוודיק אָפּגעלאָפנ אביסל ווײַטער. בינו האָט אים אָנגעיאָגט אונ אים אומגעוואַלגערט אפ דער ערד.

דאָס טיגערל האָט זיך אויסגעדרייט, ווידעראַמאָל אומגעוואָרפֿנ בינונ אונ איז אָפּגעשפּרונגענ אינ א זײַט. די קינדער האָבנ פֿארשטאַנען, אז די דאָזיקע כײַע איז ניט קיינ שרעקלעכע, אונ זי פּאָרזיכטיק ארומגערינגלט. טוטוקאַנ אפּילע איז אריך ארויס פֿונ הינטערנ קוסט. די קליינינקע סאָבי איז ארויסגעשפּרונגענ אפֿ פּריער. ס'האָט זיך איר זייער געגלוסט זיך א שפּיל טונ אביסל מיטנ טיגערל. זי האָט אים באמערקט ניט ווײַט פֿונ זיך, האָט זי אים אָנגעכאַפּט פֿארנ ווײדל אונ פֿאמעלעך א צופּ געטאָנ.

— קום אהער, ערגעני, שפּיל זיך אביסל מיט מיר!

דאָס טיגערל האָט יאָמערלעך זיך צעקוויטשעט אונ געגעבנ סאָבינ א זעצ אינ פּלייצע. דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבנ שטארק כליפּענ. די קינדער זײַנענ זיך צעלאָפֿנ אינ אלע זײַטנ. אפֿ סאָבינ איז געבליבנ א צייכנ—צוויי שמאָלע דראַפּנ פֿונעמ אקסל ביז די לענדנ.

— אָ־אָ, דאָס הייסט בא דיר זיך געשפּילט?—איז בינו אינ קאַס געוואָרנ. ער האָט געכאַפּט א לאנגע רוט אונ גוט אָנגעשלאָגנ דאָס טיגערל.

— נא דיר! זאָלסט וויסנ!

דאָס טיגערל האָט זיך אײַנגעגנורעט, צוגעדריקט דעמ ווײדל צו דער זײַט, ווי א פֿארשולדיקט הינטל, אונ איז אוועקגעשפּרונגענ אינ דער טײַגע [1]).

II

פֿארנאַכט, ווענ די לעוואָנע האָט פֿרײַנטלעך זיך געגריסט מיט דער טײַגע, איז דאָס טיגערל ארויסגעקראָכנ צומ טײַכל, זיך א צי אויס געטאָנ, אויסגעבויגנ דעמ רוקנ, ווי א דוהע, אונ גענומענ יאָמערלעך מיאוקענ.

ס'זײַנענ פֿארבײַ עטלעכע שווערע מינוטנ. די טײַגע האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט זײַנ יאָמער אונ אים גאָרניט ניט געענטפֿערט. בלויז די פֿינצטערע לעפּישע שאָטנס, וואָס זײַנענ געווענ אויסגעלייגט איבערנ טײַך, האָבנ זיך וואָרענענדיק געהוידעט. דאָס טיגערל איז צוגעפֿאלנ צומ וואסער מיטנ רויטנ לאנגנ צונג, האָט עטלעכע מאָל א זשליאָקע געטאָנ אונ אופֿגעהויבנ דעמ פּיסק. א מוק האָט זיך אוועקגעזעצט אפֿ זײַנ שווארצער פּײַכטער נאָז; ארויסלאָזנדיק די שארפֿע שפּיז זײַנע, האָט ער אים צעביסנ ביז בלוט. דאָס טיגערל האָט אונצופֿרידנ

[1]) אינ 1922 יאָר האָט אנ אמודער פֿישער אינ דאָרפֿ וויאטסקאָיע, כאבאראָווסקער אייעוד, מיד דערציילט וועגנ אזא צופֿאל.

א פירכקע געטאָנ, פארשטופּט די מאָרדע אינ גראָז אונ ווידער גענר מענ יאָמערלעכ רעווענ.

אונ פלוצלינג האָט עמעצער פונדערנאָענט צערטלענ א מורקע געטאָנ. דאָס טיגערל האָט אָנגעשפּיצט די אויערנ, געגעבנ עטלעכע שפּרונג אונ איז געבליבנ שטײנ לעבנ דער מוטער זײַנער.

די טיגערטע האָט אומרויִק א שמעק געטאָנ דעם זונ פונ דער שפּיצ נאָז ביזנ עק ווײדל, האָט אימ מיטנ לאנגנ צונג א לעק געגעבנ די גלאטע גלאנציקע פעל אונ שטיל א מרוקע געטאָנ, ווי זי וואָלט אימ וועלנ בארויִקנ. זי האָט זיכ אויסגעקערעוועט צו דער טײַגע, דרײַ שפּרונג געטאָנ אונ אומצופרידנ זיכ אומגעקוקט. דאָס טיגערל האָט געכאפּט פרעש אינ געדיכטנ הויכנ גראָז. ער האָט זיכ אזוי ארײַנגעטאָנ אינעמ געיעג, אז ער האָט אפילע ניט באמערקט, ווי די מוטער זײַנע איז אוועק. די טיגערטע האָט זיכ אומגעקערט אונ שטרענג אָנגעהויבנ בורטשענ. דאָס טיגערל האָט א שפּרונג געטאָנ צו איר, נאָר אפנ וועג האָט ער ניט־פאַרזיכטיק פארטשעפּעט א צווײַג פונ א רויטבוימ, דער בוימ האָט הילכיק א טרישטשע געטאָנ. די טיגערטע האָט אָנגעיאָגט דעמ שטיפער, אימ אָנגעכאפּט מיט די געזונטע צײנ פאר דער גריווקע אונ לײַכט צוגעקוועטשט. דאָס טיגערל האָט בארויִגעז א פּישטשע געטאָנ, זיכ געריסנ פאָרויס, נאָר די מוטער האָט אימ אײַנגעהאלטנ מיט די צײנ, אונ ער איז געהאָרכזאמ אוועקגעגאנגענ נאָכ איר.

זײ זײַנענ געגאנגענ מיט ווײכע, שטארק שטילע טריט. טיגרענ מאכנ קימאט קײנמאָל ניט קײנ ראַש, אפילע ווענ זײ קריכנ איבער אײַנגעוואלגערטע שטאמענ, צי זײ שפּארנ זיכ דורכ צווישנ די טײַגעקוסטנ, אָדער זײ שפּרינגענ איבער גריבלעכ אונ טײַכלעכ. די באוועגונגענ זײערע זײַנענ ווײכע אונ אפ אזויפיל אויסגערעכנטע, אז זײ קאָנענ יעדע מינוט אויסבײגנ דעמ קערפּער, ווי א שלאנג, אונ אומבאמערקט דורכקריכנ דורכ אנ אײַנגעוואלגערטנ בוימ. אינ די שטארק געדיכטע ערטער אינ וואלד, וווּ אנ אנדער כײַע וואָלט זיכ קײנמאָל ניט דורכגעקליבנ, גליטשנ זײ זיכ אפנ בויכ, ווי די שלענג, אונ טוענ אפילע קײנ פּיפּס ניט.

די טיגערטע האָט געפירט איר קלײנעמ ערגעצי דורכ בארג־שפּאלטנ, דורכ געדרײטע פעלדזנ צו דער טיפער אָזערע פונ דער טײַגע. אפ א הויכ בערגל באמ ברעג, וואָס איז געווענ באוואקסנ מיט יונגע דעמבלעכ, האָט זי הײַנט באטאָג נאָכ א קורצנ געראנגל דערשטיקט אנ אלטנ כאזער. איצטער וואַרט אפ זײ דאָרט א זאטער מאָלצײַט.

ס'איז געווענ א שטילע, דושנע נאכט. פליגעלעכ האָבנ זיכ כמארעסווײַז געטראָגנ אינדערלופטנ אונ שטארק געביסנ די טיגערנ. די

געזונטע כײַעס האָבנ אומבאהאָלפנ געדרייט מיט די קעפ אונ פונ מאָל צו מאָל א פירכקע געטאָנ, איבערײַסנדיק די שטילקײַט פונ דער טײַגע. דאָס טיגערל האָט העכער אונ אָפטער אויסגעדריקט זײַנ אומצופרידנ־קײַט. די טיגערטע איז געווענ א גענײטע, א פאָרזיכטיקע אונ געדולדיקע כײַע. זי פלעג אויסקלײַבנ אָפענע ערטער אונ גײנ קעסיידער מיטנ ווינט, קעדיי אויסצומײַדנ די פליגנ.

ענדלעכ, זײַנענ זיי צוגעקומענ צו א געדיכט־פאַרוואַקסנ בערגל. פונ אלע זײַטנ ארומ איז געשטאַנענ א דעמבענער וואלד, וואָס האָט אזויוי ארומגעצוימט דאָס בערגל אונ עס געהיט, ס'זאָל ניט אנטלויפנ ערגעצ. בלויז אפנ שפיצ איז, ווי א נאקעטער פליכ, געלעגנ א לאָנקע, וואָס האָט זיכ געוואַשנ אינ זילבער־שײַנ פונ דער לעוואָנע. באַם ראַנד פונ אָט דעמ וואלד איז געלעגנ דער קערפער פונעמ געטייטנ כאזער, וואָס די טיגערטע האָט איבערגעלאָזט.

זיי האָבנ זיכ פארקליבנ אינ געדיכטנ וואלד ארײַנ. די טיגערטע איז צוגעפאלנ צו דער ערד אונ זיכ צוגעהערט. דאָס טיגערל האָט אויכ אזוי געטאָנ. ער האָט גוט געדענקט די לעקציע, וואָס די מוטער האָט אימ דאָ ניט לאַנג געגעבנ. אונ אויסער דעמ, האָבנ זיי אינ דער טײַגע אָפטמאָל באַגעגנט פאַנטערעס, לוקסנ אונ בערנ. וועלפ האָבנ מוירע געהאַט זיכ ווײַזנ פאַר זיי. לויטנ שפור אונ גערוכ האָט דאָס טיגערל געוווּסט, אז מער פונ אלצ זײַנענ פאַראַנ וועלפ אינ דער טײַגע, אונ אז זיי זײַנענ פאַר זיי ווייניקער געפערלעכ...

ערשט ניט לאַנג האָט זיכ געטראָפנ א פאל — א לוקס אנ אזעסניק האָט זיי שיר ניט איבערגעלאָזט אָנ איבערבײַסנ. זיי האָבנ ניט באוויזנ אָפצוגיינ פונ זייער רויב, האָט דער לוקס זיכ גלײַכ צוגעכאַפט אונ פאַרשלעפט צו זיכ א היפשנ כיילעק. אנ אנדערש מאָל האָט צוגעטרעפט צו זיי א בער, נאָר ער האָט זיכ געהאלטנ פאָרזיכטיק, אונ ערשט דעמלט, ווענ זיי האָבנ זיכ אָנגעגעסנ צו זאט, האָט ער זיכ אײַנגעשטעלט צוגיינ אונ זיכ נעמענ פאַר די רעשטנ פונעמ מאָלצײַט.

ס'איז פאַריבער א מינוט צענ, פופצנ. די טיגערטע איז נאָכ אלצ געלעגנ. ערגעצ ווײַט האָט א הוקע געטאָנ א פיליג, דערנאָכ האָט יאָמערלעכ א קרעכצ געגעבנ די קליינינקע אוסורייער סאָווע. א וועווריק האָט ניט ווײַט אראָפגעוואָרפנ א צאַפנ פונ א צעדערבוימ, א צעדער־צווײַג האָט הילכיק א זעצ געטאָנ איבערנ ברוכהאָלצ אונ ווייכ ארײַנגעפאלנ אינ גראָז ארײַנ. נאָר נאָענט פונעמ טיגערל האָט א וואלד־מויז א שור־ געטאָנ אינ די פאראיאָריקע בלעטער. דאָס טיגערל האָט ניט אויסגע־ האלטנ, א שמיצ געגעבנ מיטנ וויידל אונ זיכ צוגעטוליעט צו דער

מוטער. די טיגערטע האָט אָפּגעשטויסן דעם שטיפער מיט דער שווערער לאַפּע אירער.

און ווידער איז אלץ שטיל געוואָרן.

אָט האָט אונטערן בארג אין דער אָזערע עמעצער א פליוכע געטאָן און דערנאָך זיך צעפּירכקעט אף א קאָל.

און ווידער שטיל. אפן פליכעוואטן בארג־שפּיץ איז אָנגעלאָפן א דורכזיכטיקער שאָטן. נאָר די לעוואָנע איז ארויסגעשווומען פון די וואָלקנס און האָט ווידער מיט זילבער־שײַן באגאָסן די לאָנקע. די טיגערטע האָט זיך אופגעהויבן, ארויסגעלאָזט די נעגל, א קראַץ געטאָן איבערן גראָז, איבערלאָזנדיק צוויי שווארצע קארבן, און מיט עטלעכע שפּרונג צוגעקומען צום קערפּער פונעם געטייטן כאזער. דאָס טיגערל איז שטיפעריש אונטערגעשפּרונגען און איז ניט אָפּגעשטאנען פון דער מוטער. ער האָט א טאנץ געטאָן צום פעטן כאזער און מיט ווילדן ברען זיך אײַנגעזויגן אין דער זאפטיקער דיך, וואָרטשענדיק פון גרויס פארגעניגן.

א שאָ אנערעך האָבן די טיגערן זיך געקוויקט מיטן כאזער־פלייש. דאָס טיגערל איז דער ערשטער זאט געוואָרן. איצט האָט ער זיך אָנגעשפּארט מיט די פעדערשטע לאַפּעס אין די אָפּגעהריזעטע דיך־ביינער און שפּילעוודיק זיך געריבעט אין די רעשטן פונעם כאזער, געריסן מיט די גלאנציקע שנײַד־ציינער די פאנאנדערגעוואָרפענע שטיקער פלייש. די טיגערטע איז אָפּגעגאנגען אין א זײַט, פארזשמורעט די אויגן פון פוילקײַט און זיך צעלייגט אפן גראָז. זי האָט זיך צוגעקוקט, ווי איר זון צעקנאקט מיט אייך קוועטש פון די קינבאקן די פעסטע כאזערשע ביינער. אָט איז דאָס טיגערל אָפּגעטראָטן, זיך אָנגעצילעוועט אפן נאָך גאנץ געבליבענעם קאָפּ, צוגעשפּרונגען און א כאַפּ געטאָן אן אויער, אים א ריס געגעבן און, ווי מיט א שארפן מעסער, איבערגעהאקט דעם ווייכביין. נאָר דאָ האָט ער פארלאָרן דאָס גלײַכגעוויכט און א פליגעטאָן פונעם הויכן בארג־אָפּריס מיטן קאָפּ אראָפּ אין דער שפּיגל־גלאָזער טײַגע־אָזערע.

ער איז אזוי שנעל אראָפּגעפלויגן, אז די טיגערטע האָט עס אפילע ניט באמערקט און האָט, ווי פריער, זיך געזשמורעט אנטקעגן דער לעוואָנע. פּלוצעם האָט זי דערהערט א פארטויבטן קלאַפּ פון שטיינער. זי איז צוגעשפּרונגען צום ראנד און א קוק געטאָן אראָפּ. וועלנדיק זיך ראטעווען, האָט דאָס טיגערל אומבאהאָלפן געקלאַפּט מיט די לאַפּעס איבערן שיטעוודיקן שטיין. דער דריבנער זאמד־שטיין האָט זיך געקײַקלט אראָפּ. דאָס טיגערל איז צוזאמען מיט די שטיינדלעך געפלויגן אראָפּ

און האָט א פליוכע געטאָן אין וואסער אריַין. טויזנטער פונקען האָבן זיך צעשפריצט איבערהויך, איבער דער אָזערע זיַינען זיך מינענדיקע קריַיזן פאנאנדערגעגאנגען. די לעוואָנע איז דורכגעלאָפן איבער די וואָלקנס, ווי איבער דער פעל פון א טיגער.

דאָס טיגערל איז ארויסגעשווומען און גענומען פאטשן מיט די לאפעס איבערן וואסער. פלוצעם האָט עמעצער לעבן אים א פירכקע געטאָן, און פאר זיַינע אויגן האָט גענומען פינקלען א פלויט פון צע-צוויַיגטע הערנער. פון דערשרעק האָט דאָס טיגערל גענומען נאָך שטארקער פאטשן מיט די לאפעס. די סוקעוואטע הערנער האָבן אים פארשטעלט דעם וועג. דערנאָך זיַינען זיי פלוצעם ניט געשטאַנען, און דאָס טיגערל האָט מיטאמאָל א פלי געטאָן ארויף, געמאכט א האלב-קריַיז אינדערלופטן און צוריק א פליוכע געגעבן אין וואסער אריַין. אז ער האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ, האָט ער דערזען, אז ער גע-געפינט זיך אין געדיכטער אָסאָקע. די לאפעס האָבן אָנגעטאָפּט זומפיקן שלאם. ער האָט זיך פארכליַינעט, גענומען יאָמערליַיך פּישטשען, און גליַיך האָט פונעם בארג זיך אָפּגערופן א גרויזאמער וואָרענענדיקער ברום פון דער מוטער.

ווי נאָר די טיגערטע האָט דערזען די הערנער, האָט זי פארשטאנען, אז איר זון האָט זיך געטראָפן אפ אן איילנהירש, וואָס די אומדער-בארעמדיקע פליגן האָבן אים פארטריבן אין דער טאַגע-אָזערע. זי איז ארומגעלאָפן ארום בארג, און פאר עטלעכע שפרונג איז זי שוין געווען בא דער אָסאָקע.

דער איילנהירש האָט דערהערט דאָס קאָל פונעם טיגער, האָט ער אָנגעהויבן בריטען דאָס וואסער, אומצופרידן זיך ארויסגעפירכקעט און איז אוועק אין דער טאַגע מיט זיַינע וויגנדיקן געַנגל.

די טיגערטע האָט ביַיז א רעווע געטאָן און איז פאָרזיכטיק אריַינ-געקראָכן מיט די פעדערשטע לאפעס אין שלאם, סטארענדיק זיך וואָס ווייניקער צו פארנעצן די פעל, וויַיל זי האָט זייער ניט ליב געהאט קיין וואסער. זי האָט אָנגעכאפט דאָס טיגערל מיט די ציין און אים ארויסגעשלעפט אפן ברעג.

III

פארן זאטן זומער און אומרויִקן הארבסט איז דאָס טיגערל גיט אָפּגעטראָטן פון דער מוטער. כאָטש ס'איז אים שוין געגאנגען דאָס צווייטע יאָר, פלעג ער שטענדיק, ווי נאָר די מוטער פלעג אוועק אין דער טאַגע, אָנהייבן רופן זי צו זיך.

ס'האָבן אַ נעם געטאָן די ערשטע פראָסטלעך, צאַפּנדיקע ווינטן האָבן אָנגעצויגן און אָנגעטריבן שניי־כמארעס. די טיגערן זײַנען איבערגע־גאַנגען אין טאָל פון טײַך לעפּו, נעענטער צו די מענטשן־וווינונגען. אין די נעכט פלעג די טיגערטע זיך פאַרקלײַבן צו די לײַכטע געפלאַכ־טענע שטאַלן, צענעמען מיט די געזונטע לאַפּעס די ווענט, אָנמאַכן אַ שרעקלעכן געטומל צווישן דעם פי און פאַר די מענטשן אין די אויגן אוועקשלעפּן די רויב אין דער טײַגע אַרײַן. די פאַרציטערטע הינט פלעגן אונטערהויבן די ווידלען, זיך פּלאָנטערן בײַ די מענטשן אונטער די פיס און שטיל וואָרטשען.

די איבערשראָקענע פונעם טײַך לעפּו זײַנען געוואָרן באַזעצט מיט רוסן און מיט קאָרײער, נײַע איבערוואַנדערער. זיי זײַנען געווען אָרעם. זעלטן־ווער פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ ביקס, און ווער ס'האָט שוין יאָ געהאַט אַ ביקס, האָט אים קיין פּולווער ניט געשטײַעט. די איבערוואַנדערער האָבן האָפענונגלאָז געריקט און געקרעכצט, געקלאָגט זיך איינער פאַרן אַנדערן, נאָר ווײַט פאַרגיין אין דער טײַגע האָבן זיי מוירע געהאַט. אפילו נאָך האַלץ זײַנען זיי געגאַנגען ניט ווײַט פונעם יישעוו. זיי פלעגן אַרויספאָרן אַרטעלנווײַז, באַוואָפנענדיק זיך מיט בעקנס, סקאָווראָדעס און מעשענע טאַצן. די ווײַבער און די קינדער האָבן געטראַכטעט מיט די קײלים, קעדיי צו אָפּשרעקן די מוירעדיקע חײַע, און די פוירערים האָבן דערווײַל אָנגעהאַקט טרוקן האָלץ און אַרופגעלייגט אַף די פורן. די אַבערגלויבערישע קאָרײער האָבן געהאַלטן דעם טיגער פאַר אַ הײליקער חײַע און אָנגערופן פאַר ליב „די שטראָף פון גאָט״.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען די ערשטע העלפט ווינטער.

אין פעברואַל כוידעש, ווען דער טאָג איז לענגער געוואָרן, און די זון האָט זיך פאַרקליבן העכער אויפן הימל, ווען דער שניי האָט אָנגע־הויבן בלישטשען און פינקלען מיט אַלערליי קאָלירן, האָבן בײַ דער טיגערטע גענומען אויסקריכן די האָר, און אַף די לאַפּעס, אויפן בויך און אַף דער ברוסט האָט זיך באַוויזן אַ נײַע פעל, אַ גלאַטע און אַ גלאַנצנדיקע. אין די אויגן האָט בײַ איר אַ שפּיל געטאָן אַ פאַרשײַטער יונגער גלאַנץ. אָפטמאָל, ווען זי האָט געקלעטערט איבער אַ בוים צי אין אַ יאַר, פלעג זי טאָן אַן איבעריקן שפרונג. זי האָט זיך געריבן מיט די זײַטן אין די ביימער־שטאַמען און אַלע מאָל אָן שום סיבע זיך אַ צי געטאָן. זי פלעג אַמאָל אויסשטרעקן די לאַפּעס פאָרויס, צופאַלן מיט דער ברוסט צו דער ערד און נעמען גראָבן דעם שניי מיט די נעגל, פּאַטשן זיך מיטן דראָטיקן ווידל און צאַרט עפּעס מורקען. דאָס

טיגערל איז געווענ פריילעכ. ער פלעג זיכ צערטלענ צו דער מוטער אָנכאפּנ אינ א שפּאס דעם שפּיצ פונ איר ווײדל. די טיגערטע האָט אים קימאט ניט באמערקט. זײַנע שטיפערײַענ זײַנענ איר אזויווי נימעס געוואָרנ, אונ זי האָט צום ערשטנ מאָל שטארק א ביס געטאָנ דעם זונ. דאָס טיגערל האָט זיכ אָנגעשפּיצט, אונ פונ דעמלט אָנ האָט ער אָנגעהויבנ זיכ האלטנ אָפּגעשײדט פונ דער מוטער.

איינמאָל האָבנ זײ פונ יענער זײַט טײַכ, אינ די געדיכטע קוסטנ פונ ווײַנטרויב אונ ווילדנ בארבאריס, זיכ געטראָפנ מיט א גרויסנ געל־שווארצנ טיגער.

דאָס טיגערל האָט צום ערשטנ מאָל דערזענ א כײַע פונ זײַנ מינעמעס, די לעצטע צײַט פלעג ער אָפט הערנ עפּעס א נידעריק־צעקײַקלט, רעווענדיק קאָל פונ עפּעס אנ אומבאוווּסטנ טיגער, וועלכנ די מוטער פלעג אָפּענטפערנ מיט א צארטער וואָרקערײַ. נאָר דער טיגער איז ניט ארויסגעקומענ צו זײ, אונ ער האָט אים קײנמאָל אינ די אויגנ ניט 'געזענ.

אז דאָס טיגערל האָט דערזען דעם גרויסן „ער", האָט ער זיך אָנ־
געשפּיצט און זיך גרייט געמאַכט צום פאַרטיידיקן. דער דינער געלער ווידל זײַנער האָט אָנגעהויבן נערוועז צו קלאַפּן איבערן שניי, פאַר־
שאַרנדיק די נאָדלען פונעם רויטבוים, וואָס די ווינטערדיקע ווינטן האָבן אָנגעטראָגן.

דער פרעמדער האָט אָפן טיגערל קיין אכט ניט געלייגט, און, צו־
פאַלנדיק מיט די לאַפּעס צו דער ערד, איז ער איבערגעלאָפן צו דער מוטער.

דאָס טיגערל האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן מיטן ווידל און וואָרענענדיק אַ ריטשע געגעבן. נאָר די טיגערטע האָט פאַרופן דעם „ער" אָפּ דער לאָנקע, שפּילעוודיק זיך צוגעלייגט אָפן שניי און אים לײַכט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די לאַפּעס איבער די זײַטן. די אומגעריכטע אויפירונג פון דער מוטער האָט ארויסגערופן באַם טיגערל אַ געפּיל פון קינע און באַליידיקונג — מיט אים האָט זי זיך שוין לאַנג אַזוי ניט געשפּילט.

דאָס טיגערל איז צוגעפאַלן צו דער ערד, און פּלוצלינג האָט עס אַ הויכן שפּרונג געטאָן, אַ זעץ געגעבן דעם טיגער מיטן פּיסק און אים אָפּגעוואָרפן אין אַ זײַט. דער טיגער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, וואָרטשענדיק געעפנט דעם שלונג. די טיגערטע האָט זיך אויך צע־
ריטשעט און באַוויזן די שאַרפע בײַסצײַנער. דאָס טיגערל האָט זיך צוגעדריקט צום שניי און שוין געוואָלט אוועק אין די קוסטן אַרײַן. האָט אים די מוטער בײַז צוגעקוועטשט מיט דער לאַפּע און אַ שטאַרקן ביס געטאָן מיט די ציין.

דאָס טיגערל האָט אָנגעהויבן רעווען מיט יאָמערלעכע קוילעס. אז ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, איז שוין אָפּ דער לאָנקע קיינער ניט געווען. איבער אַ זשאַווערדיק צווײַגל פון אַ טענענבוים איז פאַר זײַן נאָז דורכגעשפּרונגען אַ געשטרייפטער בורונדוק. ער האָט אַזעסדיק אַ טרייסל געטאָן פאַרן טיגערל מיטן פּוכיקן ווידל און איז אוועק אין ברוכהאָלץ אַרײַן.

IV

ס'זײַנען אָנגעקומען נײַע טעג, הונגעריקע און אומעטיקע. דערזעט דאָס טיגערל אַ האָז און וויל אים כאַפּן, יאָגט יענער אוועק ערגעץ אין אַ קוסט, צי אינעם געדיכטן וואַלד אַרײַן, און ער באַלעקט זיך נאָר מיט די ליפּן. שפּירט ער אויס אַ ווילדע ציג, דער יונגער קערפּער צעציט זיך אינדערלופטן, די נעגל פאַרשפּיצן זיך, די ציג טוט אַ טרייסל מיט די דינינקע הערנער, ווי ריטלעך פון אַ יונגן

מאנדל־קוסט, און קוקט שוין אראָפּ צו אים ערגעץ פֿונווײַטן. הייבט ערגעץ אוף דעם קאָפּ, זעט ער אַן אויסגעטעסעטן פעלדז, ווי א טרוקענעם צעדער, און אפֿן שפּיץ, וווּ עס קען קוים אַן ענטל מיטן ווײַדל אַ דריי טאָן, שטייט זיך די ציג, ווי זי וואָלט דעם רויבער ניט באַמערקן גאָר.

דאָס טיגערל האָט געפּרוּווט כאַפּן מײַז — אַ פּאַטש מיט דער לאַפּע דאָס מײַזל טוט אַ פּישטשע, גיט ער אַ שטעק דעם פּיסק אין גראָז אַרײַן. אַ כאַפּ די רויב, דאָס פּאַרבלוטיקטע זשמענקעלע טוט זיך אַ גלײַטש אין מאָגן אַרײַן און צערייצט .אים בלויז דעם אַפּעטיט.

די ערשטע נעכט זײַנען געווען שטאַרק אומהיימלעך. דאָס טיגערל הערט אַנדרימלט, שטופּט דעם פּיסק, וויל פֿון געוווינשאַפֿט אָנטאַפּן דעם מוטערס וואַרעמען קערפּער, און עס פּאַרקריכן אים גאָר צווײַגן אין דער נאָז אַרײַן. ער טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ, שפּרינגט אויף אַפּ די פּיס, קוקט זיך אַרום: די טײַגע שעפּטשעט מיט די ביימער־שפּיצן — זי פּילט ניט, זי פֿאַרשטייט ניט זײַן שלעכטיקײַט. פֿאַלט צו דאָס טיגערל צו דער ערד, לייגט אַוועק דעם קאָפּ אַפּ די לאַפּעס און ניאַווקעט לאַנג און צעצויגן, ווי אַ קליינ קינד.

איינמאָל האָט זיך אים עמעצער אָפּגערופֿן פֿון דער ווײַט. דאָס טי־גערל האָט זיך אָנגעשפּיצט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פּאַרהילכט די טײַגע מיט אַ פרייליכן רעווען. דאָס ווידערקאָל האָט זיך איבער די בערג צעקײַקלט און זיך פאַרגאַנגען. דאָס טיגערל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס, נאָר ער איז באַלד אָפּגעשפּרונגען צוריק. גאָר ניט ווײַט דאָ האָט הויך און וואָרענענדיק געררעוועט דער באַקאַנטער טיגער, דער „ער".

מיט גרויסע שפּרונג און מיט אַרומיקע וועגן איז דאָס טיגערל אַוועקגעלאָפן צום טײַכל. ער האָט נאָך ניט באַוויזן קיין האַלבן וועג אָפּצוגיין, ווי ס'האָט פּאַר זײַנע אויגן אַ בלישטשטע געטאָן אַ געלער פוקס. דאָס טיגערל האָט זיך צוגעזעצט, דערנאָך איז ער פּלוצלינג אופגעשפּרונגען, געמאַכט אַ האַלבן קרײַז אינדערלופטן און אַ קנאַק גע־טאָן מיט די ציין. דער פוקס האָט זיך אָנגעהויבן וואַרפן אין קראַ־מפּן און איז אַנשטילט געבליבן. דאָס טיגערל האָט אים אָפּגעשלעפּט אין אַ זײַט און גענומען רײַסן פֿון אים שטיקלעך מיט ווילדער גירי־קײַט, אורטשענדיק פֿון גרויס פאַרגעניגן. ער האָט זיך אָנגעגעסן צו זאַט, זיך אָנגעטרונקען באַם טײַכל, פאַרקליבן זיך אין דער טײַגע און אַנדרימלט געוואָרן.

דער פרילינג איז אָנגעקומען לאַנגזאַם, אָפּט זיך געראַנגלט מיט די לעצטע זאַווערוכעס. כמאַרעס לויפן אָן, באַדעקן מיט שוואַרצן קריפּ

די טײַגע און שפּריצן, שפּײַען מיט נאַסע שטיקער שניי. דאָס יונגע גרינס בייגט זיך, פאַלט צו צו דער ערד, קען ניט כאַפּן דעם אָטעם. קומט די זון און טרײַבט פאַנאַנדער די כמאַרעס, דערזעט די ערד אין אומאָרדענונג, טוט זי א גלעט — די שוואַכינקע שפּראָצונגען טרייסלען אָפּ פון זיך דעם שניי־צודעק, גלײַכן זיך אויס.

ביז מײַ כּמעט קימאַט איז געגאַנגען דער געראַנגל צווישן דעם ווינטער און פרילינג. און ווען דער פרילינג האָט געזיגט, זײַנען אוועק די פינצטערע כמאַרעס מיט די זאַווערוכעס, און די טײַגע האָט אָפּ א לאַנגער צײַט אין זיי פאַרגעסן.

נאָר אין די געדיכטע קוסטן, אין די אָנטבלויזטע דיקע, צעקרומטע וואָרצל־שטאַמען פון די צעדערן איז נאָך געלעגן דער שניי.

איבער די וואַלד־אָזערעס, אין די זומפּן, איבער די טײַך־שטראָמען האָבן די מוקן פאַרצויגן זייער נודנע פּישטשענדיק געזאַנג. אין די שמעקנדיקע גרינסן פון טשערעט, אין דער אָסאָקע, אין די ברייטע בלעטער פון דער וואַסער־רויז האָבן גענומען קאָטערן די נימעסדיקע פליגן, ווי א פאַרצויגענע דינע נעץ.

דאָס לעבן האָט אויפגעוואַכט, א שלאָג געטאָן מיט א פרישן קוואַל. די טײַגע האָט אויפגעלעבט, זיך אײַנגעטוקט אין די העלע זונ־שטראַלן.

דאָס טיגערל האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אין זײַן מוטער. ער האָט קיין איין נאַכט ניט געהאַט, אַז ער זאָל ניט אָנטרעפן ערגעץ אָפּ א נײַ אָרט. ער איז אויסגעווען אָפּ אַלע בערג פון סיכאָטע־אַלין, איז אַרײַנגעגאַנגען צום ברעג פון אַמור. דאָרט האָט ער דערפילט א רייך און מענטשישן גערוך און מוירע געהאַט צוצוגיין נעענטער.

איצטער האָבן שוין קיין ווילדע ציגן פון זײַנע לאַפּעס זיך ניט אויסגעדרייט, און האָזן פלעגט ער כאַפּן מיט איין האַסטיקן שפּרונג. פאַרן פרילינג האָט ער זיך אויסגעצויגן, איז אויסגעוואַקסן און אַסאַך קרעפטיקער געוואָרן.

נאָר מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו כאַפּן פויגלען. איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפן צו דער אָזערע, ווו ער האָט אַמאָל זיך דערשראָקן פאַרן איילנהירש, און האָט דערזען, ווי א פעטע ענטל לאָזט זיך אַראָפּ צום טשערעט. די אַלטע מוירע פאַר וואַסער האָט אים געצויגן אָפּ צוריק, נאָר דער הונגער און די נײַגיריקײַט האָבן אים געצוווּנגען א שפּרונג טון אין טשערעט אַרײַן. ער האָט פּונקט אָנגעטראָפן אָפּ א נעסט פון אַן ענטל, האָט ער זי צעקוועטשט מיט דער לאַפּע און טאַקע דאָ אויפן אָרט אויפגעגעסן. דערנאָך האָט ער פאַרביסן מיט די פרישע אייער. זיי זײַנען אים אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז ער איז

אפנ צווייטנ אונ אפנ דריטנ טאָג ניט אוועקגעגאנגענ פונ דער אָזערע, האָט אַלע מאָל געפּאקט ענטלעכ אונ פארניכטעט זייערע נעסטנ.

נאָר דער בער האָט זיכ אויכ אהינ 'צוגעשארט. אינ א העלנ זוניקנ טאָג, ווענ דאָס טיגערל איז זיכ געמיטלעכ געלעגנ אינ די קוסטנ פונעם ווילדנ-ראָזמארינ, האָט דער בער געמאכט א טומל אונ אנ אופגעלויפ צווישנ די געפליגלטע איינוווינער פונ דער אָזערע. דאָס טיגערל איז ארויסגעקראָכנ אונ האָט וואָרענענדיק א ריטשע געטאָנ. דער בער, וואָס האָט געהאט זיכ א צי געגעבנ צו א זומפּ-ענטל, האָט אפ אימ קאָסע א קוק געטאָנ אונ זיכ אומגעקערט א בארויגעזער צומ ברעג. די קליינינקע שמאָלינקע אייגלעכ האָבנ זיכ אָנגעגאָסנ מיט בלוט. ער האָט זיכ אופגעהויבנ אפ די הינטערשטע לאפּעס אונ דראָענדיק א רעווע געטאָנ אפנ טיגערל. קאָנ זײַנ, ווענ ערגעני זאָל איצט דאָ געווענ זײַנ מיט דער מוטער, וואָלט ער פונעם דאָזיקנ שרעקלעכנ רעווענ אנטלאָפנ אינ די קוסטנ ארײַנ. איצט האָט אימ אָבער קיינער ניט אונטערגעהאלטנ, ער האָט געמוזט ניט בלויז זיכ באשיצנ, נאָר אויכ באשטראָפנ דעמ כאפּער, וואָרעמ דעמ ברעג-פּאס מיט די ענטל-נעסטנ האָט ער שוינ געהאלטנ פאר זײַנ אייגנס. דער בער האָט זיכ פארקליבנ אפ א פרעמדנ פלאצ. דאָס טיגערל האָט א פּאטש געטאָנ מיטנ ווײדל איבערנ הינטנ — דאָס איז געווענ א צייכנ, אז ער איז גרייט אָנצונעמענ דעמ שלאכט. דערנאָכ איז ער פּלוצלינג אופגעשפּרונגענ אונ אָנגעפאלנ אפנ בער.

דער בער האָט זיכ ניט געריכט אפ אזא האסטיקנ אָנפאל. ער האָט אָנגעהויבנ זיכ דרייענ, א ריטשע געטאָנ איבער דער גאנצער טײַגע אונ אומבאהאָלפנ זיכ גענומענ אָפּשלאָגנ מיט די לאפּעס. דאָס טיגערל האָט ניט אויסגעהאלטנ די קלעפּ, אויסגעריסנ א שטיק פונעם בערישנ האלדז אונ איז אָפּגעשפּרונגענ אינ א זײַט. דער בער האָט זיכ אויסגעקערעוועט, נאָר דאָס טיגערל האָט בליצ-שנעל א שפּרונג געטאָנ אונ זיכ אימ אײַנגעביסנ אינ דער זײַט. דער בער האָט זיכ א וואלגער געגעבנ, אונ איידער ער האָט באוויזנ זיכ אופשטעלנ צוריק אפ די לאפּעס, האָט דער טיגער אימ איבערגעביסנ דעמ גאָרגל. ער האָט א שלעפּ געטאָנ דעמ בער צו זיכ, אונ ווענ ער האָט זיכ איבערצײַגט, אז דער סוינע איז שוינ טויט, איז ער א פארסאפּעטער אָפּגעגאנגענ אינ א זײַט אונ זיכ צעלייגט פארנ טויטנ בערישנ קערפּער — וואָרענענדיק אונ גרייט צו א נײַעמ שפּרונג.

פונ דער אָזערע איז אָנגעלאָפנ א ווינט. ער האָט א רויש געטאָנ, צעבלאָזנ די לאנגע האָר אפנ בער. דאָס טיגערל האָט אָנגעשפּיצט די אויערנ, א קלאפּ געגעבנ מיטנ ווײדל אונ גענומענ אומרויִק ברומענ.

דאָס ווינטל האָט צוגעבויגן דעם טשערעט, א רודער געטאָן דאָס וואַסער און זיך אוועקגעטראָגן אין דער טײַגע.

V

אין טײַגע איז געוואָרן שווער די לופט. די זון האָט אויסגעבּרענט דאָס גרינס אַף די הויכע ערטער, אויסגעטריקנט די קליינע בּלאָטעס. די זומפּן האָבּן געאָטעמט מיט דעם דאמפּ, און ס'האָט געטראָגן פון זיי מיט א געשטאנק פון פוילעכץ.

ווילדע ציגן, געפלעקטע הירשן האָבּן זיך פארקליבּן אַף די פעלדזיקע אָפּריסן און זײַנען, ווי פון גראניט אויסגעטעסעטע, שאָענוויַז געשטאַנען אָן בּאוועגונג אונטערן דערפרישנדיקן ווינטל. די איילנהירשן האָבּן אײַנגעטונקען די פּיסקעס אין זומפּ און שווער געאָטעמט. אין די נעכט פלעגן זיי ארויסגיין אַפן בּרעג, אַהין זײַנען אויך ארויסגעקומען הירשן, ווילדע ציגן, איידלהירשן, זיי האָבּן גענאשט דאָס זאפטיקע בּײַבּרעגיקע גראָז.

די גראָזפרעסערישע בּאלעכאָים זײַנען אין דעם זומער געווען ווייניקער פאָרזיכטיק. יעדע בּאוועגונג, יעדער לײַכטער שפּרונג פון א רויבּ־חײַע האָט זיך ווײַט געלאָזט הערן אינעם אויסגעטריקנטן וואלד. די טרוקענע צווײַגן האָבּן זיך געבּראָכן מיט א טראַסקערײַ, און אז מע האָט זיי עטוואָס פארטשעפּעט, האָבּן זיי גענומען קנאקן און טראכקען, ווי ס'וואָלט פאָרגעקומען א מעסוקענע שיסערײַ אינעם געדיכטן טײַגע־וואלד. דערפילט א געפאר, האָבּן די הירשן פארוואָרפן די הערנער הויך אַף די רוקנס און אוועקגעיאָגט צו זייערע פעלדזן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאר קיין גריבּער, פאר קיין אָנגעדראָלענע בּיימער. די איילנהירשן זײַנען אוועק אין די פעלדזן־שפּאלטן, די איבּעריקע האָבּן זיך אויסבּאהאלטן אין די געדיכטע ערטער פון דער טײַגע.

פון די רויבּ־חײַעס האָט נאָר דער לוקס געקאָנט שטילערהייט אויסלאָקערן זיך רויבּ. ער פלעג זיך אויסציִען אַף א צווײַג ערגעץ איבּער דער סטעזשקע, וואָס פירט צום וואסער, און אָפּליגן אזוי שאָענוויַז אָן בּאוועגונג, ווי ער וואָלט צוגעוואָקסן צום בּוים. די פעל זײַנע איז א טונקעלע, א געפלעקטע, וואָס גייט פונקט אונטער צום קאָליר פון די בּיימער־שטאמען. נאָר קוים האָט דער הירש, צי די ווילדע ציג, צי דער לעפּישער איילנהירש זיך נאָר בּאוויזן נאָענט לעבּן דער צווײַג, האָט דער לוקס אופגעציטערט, אויסגעגלײַכט די נעגל און זיך אײַנגעבּיסן מיט די בּײַסציינער אינעם נאקן פונעם בּאלכײַ.

ערגעני איז פארן זומער אָפּגעצערט געוואָרן. די אויסגעטריקנטע

טײַגע האָט אים געשראָקן. קוים האָט ער זיך נאָר אָנגערירט עטוואָס מיט דער לאַפּע פאַר אַ בוים, צי אַ גליטש געטאָן מיטן ווײדל איבער אַ צווײַגל — איז אַוועק אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער טײַגע. און טאָמער האָט ער אויסגעשפּירט אַ ווילדע ציג און זיך גרייט געמאַכט אַ שפּרונג צו טון — איז דער לוקס מיט די לאַנגע אויערן אָנגעפאַלן און זי בא אים אויסגעכאַפּט פון אונטער דער נאָז.

איינמאָל האָט ערגעני אַ לאַנגע צײַט נאָכגעשפּירט נאָך אַ יונגער איילנהירשעכע. דער געריך פון איר פלייש איז אים פאַרגאַנגען אין דער נאָז. דאָס הייסע קלעפּיקע בלוט איז אים שוין געלעגן אויפן צונג. איר טונקל-ברוינער רוקן האָט עטלעכע מאָל אַ פינקל געטאָן פאַר אים, און ערגעני האָט זיך יעדע רגע געגרייט אַ שפּרונג צו טון. און פּלוצלינג איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן דער לאַנגהאָריקער לוקס און האָט זיך אַרופגעוואַלגערט אויף דער איילנהירשעכע. ערגעני האָט ביז זיך צעריטשעט, אַ מעכטיקן שפּרונג געגעבן און איז אַרויף אויפן רוקן פון דער איילנהירשעכע הינטערן לוקס. איינבײַסנדיק זיך מיט די ציין אין עם האַלדז פונעם לוקס, האָט ער אַוועקגעיאָגט מיט אים אויף דער איילנהירשעכע ווילדגעוואָרענער פון-שרעק. די צווײַגן פּאַטשן זיי, די טרוקענע שטעכיקע נאָדלען רײַסן פון זיי די הויט. דער לוקס קאָרטשעט זיך און רעוועט איבער דער גאַנצער טײַגע. אײַנגעשטעקט די נעגל אין די זײַטן פון דער איילנהירשעכע, האָט ערגעני אַלץ טיפער און טיפער זיך אײַנגעביסן מיט די בײַסציינער אין עם קערפּער פונעם סוינע... אַזוי זײַנען זיי עטלעכע מינוט אַרומגעשפּרונגען. נאָר אָט האָט זיך באַוויזן פאַר זיי אַ יונג צעדער-וועלדל. די איילנהירשעכע איז אַרײַן אַהין, האָט זיך אָנגעטשעפּעט פאַרן גראָבן צווײַג פון אַ רויט-בוים, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך בײדע רויבער און איז אַוועקגעלאָפן, קײַקלענדיק זיך און שווער קערעווענדיק מיט די זײַטן.

ניט אופמאַכנדיק דאָס מויל, האָט ערגעני מיט די שטאַרקע לאַפּעס צוגעדריקט דעם לוקס צו דער ערד. דער לוקס האָט אָנגעהויבן כראָפּען אין קראַמפן, אים אַ דראַפּע געטאָן מיט דער לאַפּע. ערגעני האָט פעסטער איבערגעכאַפּט מיט די ציין דעם גאָרגל זײַנעם, און דער לוקס איז שטיל געבליבן.

צוגעביסן מיטן לוקס, האָט דאָס טיגערל הינטערן צעדער-וועלדל אויפגעזוכט די פאַרווונדעטע איילנהירשעכע, שווער אַ שפּרונג געטאָן און פאַר איין אויגנבליק געמאַכט אַ סאָף צו אירע ליידן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף איר טויטן קערפּער און לאַנג געזויגן איר וואַרעם בלוט.

פלוצלינג האָט זיכ דאָס טיגערל אָנגעשפּיצט. פונ הינטער די בערג האָט ער דערהערט אַנ אומרויִק־רעוועוודיק קאָל פונ א טיגער. ער האָט געוואָרפנ די רויב אונ איז אוועק נאָכנ קאָל. ער איז אַרומגעגאַנגענ אַרומ א קליינ בערגל, וואָס איז געווענ באַוואַקסנ מיט בערעזע אונ ווילדנ ראָזמאַרינ אונ האָט זיכ דאָרט אָפּגעשטעלט. דער טיגער האָט גערעוועט ערגעצ דאָ ניט ווײַט. דאָס קאָל איז אימ געווענ עפּעס ווי באַקאַנט. ער האָט זיכ אײַנגעהערט, דערנאָכ איז ער צוגעפאַלנ צו דער ערד אונ האָט אָנגעהויבנ יאָמערלעכ הוילנ — ער האָט דערקענט דאָס קאָל פונ דער מוטער. ערגעני איז אופגעשפּרונגענ, א שמיצ געטאָנ מיטנ ווײדל אונ מיט מעכטיקע שפּרונג אוועקגעיאָגט צו דער מוטער. קלעטערנדיק דורכ בערג אונ טיפע טאָלנ, האָט ער גערעוועט איר אַנטקעגנ.

נאָר די טיגערטע האָט אַפילע אינ זינענ ניט געהאַט אימ צו ענטפערנ. זי האָט גערעוועט איבער דער גאַנצער צײַגע, אונ אינ איר ווילדנ געשריי האָט זיכ געהערט אומרו, ניט קיינ רופ. אַפנ ראַנד פונ א ברייטער לאָנקע, א באַגאָסענער מיט זילבערדיקער לעוואָנע־שײַנ, האָט ערגעני זיכ צוגע־דריקט צו דער ערד אונ שטיל א ריטשע געטאָנ.

אינ ווײַטנ ווינקל פונ דער לאָנקע איז געשטאַנענ די טיגערטע מיט צעשויבערטע האָר אונ אויסגעשטשירעטע ציינ. אונטער איר האָבנ זיכ געטרייסלט צוויי קליינינקע געשטרייפלטע קופּקעלעכ. פונ איר מויל האָבנ אַלע מאָל זיכ אַרויסגעריסנ אומרויִקע קוילעס. איר ווײדל האָט, ווי א בײַטש, געשמיסנ אינדערלופטנ אונ מיט א פײַפ זיכ אַראָפּ־געלאָזט אַפ די היפטנ. דרײַ אוסוריִער פּאַנטערעס זײַנענ געלעגנ פאַר איר, גרייט א שפּרונג צו טונ. איידער נאָכ ערגעני האָט באַוויזנ אַרויס־צוגיינ אַפ דער לאָנקע, האָט איינע פונ די פּאַנטערעס א פלי געטאָנ אַרופ, פּונקט ווי אַנ אַרויסגעלאָזטע ראַקעטע, אונ צוגעשפּרונגענ צו דער טיגערטע. זי האָט אָבער גלײַכ זיכ גענומענ אינ א זײַט, — די טיגערטע האָט באַגעגנט דעמ סוינע מיט א פּאַרטויבטער רעווערײַ אונ אימ אָפּגע־שלײַדערט מיט די פּעדערשטע לאַפּעס. די פּאַנטערע האָט זיכ איבער־געקײַקלט אונ איז מיט בייזנ ריטשענ אָפּגעפלויגנ צו די איבעריקע צוויי פּאַנטערעס. יענע זײַנענ ביידע אונטערגעשפּרונגענ אונ אָנגעפלויגנ אַפ דער טיגערטע. זי האָט גענומענ וואָרטשענ אונ מיט די שאַרפע געלע בײַסציינער זיכ אײַנגעביסנ איינ פּאַנטערע אינעמ רוקנ, א ריס געגעבנ זי מיט דער לאַפּע, דערנאָכ האָט זי זיכ אַרופגעוואָרפנ אַפ דער צווייטער. נאָר יענע האָט דערווײַל באַוויזנ, איבערבייגנדיק זיכ מיטנ קערפּער, אַרויסצושלעפּנ סאַמע פונ אונטער דער טיגערטעס נאָז איינס פונ אירע קינדער. די טיגערטע האָט מוירעדיק א ריטשע

געטאָנ, געוואָלט זיכ לאָזנ יאָגנ נאָכ איר, נאָר דאָס איבערגעבליבענע טי־
גערל האָט אָנגעהויבנ יאָמערלעכ פּישטשענ, האָט זי זיכ אומגעקוקט
צו דעמ אונ אינ גרויס צאָרנ גענומענ בײַסנ שטיקער פונ דער פאַר־
וווּנדעטער פּאַנטערע. די פּאַנטערע האָט געטאַנצט אונ געדרייט זיכ אינ־
אירע נעגל, ביז זי האָט ווי ניט איז זיכ אויסגעדרייט, צונויפגענומענ
דאָס לעצטע ביסל קויכעס אונ איז אָפּגעקראָכנ אינ א זײַט. דערווײַל
איז צוגעקומענ די ערשטע פּאַנטערע, האָט זיכ אוועקגעשטעלט צווישנ
דער פאַרוווּנדעטער כאַווערטע אירער אונ דער טיגערטע אונ זיכ גרייט
געמאַכט א שפּרונג צו טונ. די דריטע פּאַנטערע האָט אוועקגעשלעפּט
דאָס טויטע טיגערל אינ די קוסטנ אַרײַנ, דערנאָכ איז זי מיט ווײַ־
כע שפּרונג צוגעלאָפנ צו זײַ, אונ בעשאַס די טיגערטע איז געווענ
פאַרנומענ מיט דער ערשטער פּאַנטערע, איז זי דערווײַל צוגעשפּרונ־
גענ אונ מיט די לאַנגע שאַרפּע נעגל צעטרענט דעמ בויכ פונעמ אי־
בערגעבליבענעמ טיגערל. דאָס טיגערל האָט א פּישטשע געטאָנ אונ איז
אַנשטילט געוואָרנ. די טיגערטע האָט זיכ אויסגעקערעוועט אונ גענומענ
שטיל אונ יאָמערלעכ מורטשענ, ארומלעקנדיק מיטנ לאַנגנ צונג דאָס
טויטע קינד אירס. אינ דעמ מאָמענט זײַנענ די פּאַנטערעס אופגעשפּרונ־
גענ אונ האָבנ זיכ קימאַט ביידע מיטאַמאָל אַרײַנגעשטעקט אינ דער
טיגערטעס רוקנ. די טיגערטע האָט גענומענ וואָרטשענ, דערנאָכ האָט
זי א רעווע געטאָנ איבער דער טײַגע, אָפּגעוואָרפנ ביידע פּײַנט פונ
זיכ אונ גענומענ פאַמעלעכ אָנגרײַפנ אפ זיי, פאַרהילכנדיק די טײַגע
מיט ווילדע קוילעס. דער לאַנגער ווײדל אירער האָט זיכ געשלעפּט
איבערנ גראָז, אָפּשלאָגנדיק די בלעטער פונעמ ווילדנ ראָזמאַרינ, אונ
שטײַפ געקלאַפּט זיכ איבער די זײַטנ. די פּאַנטערעס האָבנ זיכ געררוקט
אפ צוריק אונ זײַנענ פאַמעלעכ אָפּגעטראָטנ. פּלוצלינג האָט די טיגער־
טע זיכ דערמאַנט אינ איר קינד, אונ פאַר אײנ שפּרונג איז זי שוינ גע־
שטאַנענ איבער דעמ. זי האָט עס עטלעכע מאָל ארומגעלעקט, באַרויִקנ־
דיק א מורטשע געטאָנ עפּעס, אונ פּלוצלינג האָט זי אינ ווילדנ צאָרנ
אָנגעהויבנ זיכ וואַרפנ לעבנ טויטנ קינדס קערפּער, אויסקערעווענדיק
צו די פּײַנט דעמ פאַרבלוטיקטנ פּיסק.

נאָר די לאָנקע איז שוינ געווענ א פּוסטע. די פּאַנטערעס האָבנ דער־
פילט, ווײַזט אויס, ערגעניצ, אונ פאַר עטלעכע שפּרונג זײַנענ זיי אוועק
אינ דער טײַגע.

די טיגערטע האָט זיכ ארומגעקוקט מיט די גרויסע, בלוט־אָנגעגאָ־
סענע אויגנ אפ דער לאָנקע, האָט זיכ אוועקגעלייגט לעבנ טויטנ טי־
גערל. אונ מיטאַמאָל, ווענ זי האָט, זעט אויס, פאַרשטאַנענ, אז דאָס

קינד אירס איז שוינ טויט, האָט זי א שפּרונג געטאָנ אינ דער הייכ, גענומענ דרייענ מיטנ ווײדל אונ שרעקלעכ רעווענ. זי איז ארומגעגאנגענ ארומ דער לאָנקע, זיכ ווידער אומגעקערט צומ טויטנ קינד, באטאפּט עס מיט די לאַפּעס, אונ פּלוצלינג האָט זי א דריי געגעבנ מיטנ ווײדל אונ אינ ווילדנ צאָרנ גענומענ רײַסנ פונ דעמ שטיקער.

ערגעני איז פּאַרזיכטיק פארקראָכנ אינ די קוסטנ אונ איז מיט שטילע טריט אוועקגעלאָפנ פונ דער שוידערלעכער לאָנקע.

VI

אינ סענטיאבער האָט די טײַגע אופגעלעבט, זיכ צעשפּילט. דער שווארצער ווּאלד האָט אופגעפלאמט אינ פײַערנ, זיכ צעוויגט אונ אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ די געלע בלעטער מיט פּורפּור־גלאנצ. די רויט־ביימער זײַנעג געל געוואָרנ פונ קינע, אונ פונ גרויס ערגערניש האָבנ זיי אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ די נאָדלענ זייערע. בלויז די צעדערנ, די סאָסנעס אונ טאנענ האָבנ, כמורענדיק זיכ איינער אפנ אנדערנ, שטרענג געקוקט אפנ וואלד־מאסקאראד. זיי האָבנ אינ אימ קיינ אָנטייל ניט גענומענ.

אינ די בערג האָבנ הילכיק גערעוועט די ווילדע בעק. ס'האָט זיכ בא זיי אָנגעהויבנ דער געיאָג. פרי פּאַרטאָג האָבנ אינ די בערג די „ערנ" שוינ געטאראכקעט, ווי די גאָלדנ־שאמאנענ, מיט די הערנער. די „זיענ" זײַנענ געשטאנענ פונדערווײַטנס, געקײַט די נאקעטע צווײַגנ אונ קימאט זיכ ניט אינטערעסירט מיטנ געשלעג, וואָס איז פאָרגעקומענ דערהויפּט צוליב זיי טאקע.

הויכ איבער דער טײַגע איז טאָג ווי נאכט געשטאנענ אנ אומופּהערלעכער געפּילדער. שארעס גענדז, ענטלעכ אונ שוואנענ האָבנ זיכ געײַלט אפ דאָרעמ.

איבערגייענדיק פונ די בײַבערעגיקע אמורער בערג צו סיכאָטע־אלינ, האָט ערגעני איינמאָל פּארטאָג דערהערט, ווי עס רעוועט עפּעס א באָק. ער איז געווענ שטארק הונגעריק אונ האָט זיכ גלײַכ אוועקגעלאָזט נאָכנ קאָל. אָט הערט ער שוינ דאָס רעווענ דאָ ניט ווײַט. ער האָט זיכ אויסגעצויגנ אונ גענומענ אויסקוקנ די רויב. פּלוצלינג האָט דער באָק א רעווע געטאָנ גאָר נאָענט, קימאט איבער זײַנ קאָפּ. דאָס קאָל האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ עפּעס א באקענטס. ווײַט אינ דנ בערג האָט זיכ אָפּגערופנ א נײַער באָק. דער נײַער האָט גערעוועט שטארק צעצויגנ. דאָס קאָל איז צוגעקומענ אלצ נעענטער. דער נאָענטער באָק איז אפ א ווײַלע שטיל געבליבנ. דערנאָכ האָט ער באפעלעריש אָנגעהויבנ רופנ

צו זיך דעם ווײַטן קעגנער. ערגעני האָט אויסגעקערעוועט צו אים דעם קאָפּ, און פּלוצלינג האָט ער נאָכן באָקישן רעווען דערהערט אזויווי דער מוטערס מורקעריי. ערגעני האָט זיך א לאָז געטאָן צו איר. די טיגערטע האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן און טריב א וואָרטשע געגעבן, נאָר זי האָט זיך באַלד באַרויִקט, אויסגעצויגן דעם האַלדז איבער דער ערד און געעפּנט דעם פּיסק. דאָ האָט ערגעני פאַרשטאַנען, אַז די טיגערטע מאַכט נאָך מיט איר קאָל דעם באָק.

דער רופּ פונעם באָק איז שוין געווען פיל נעענטער. די טיגערטע איז אנשוויגן געוואָרן, אָפּגעקראָכן ווײַטער א ביסל און האָט ווידער איבערגעכאַזערט דעם רופּ. ערגעני איז פון איר ניט אָפּגעשטאַנען. דאָס רעווען האָט אים געבריצט — דער מאָגן האָט געפאָדערט עסן. א וואָרף טון זיך פאָרויס פאַר דער מוטער האָט ער מוירע געהאַט. לעבן דער מוטער האָט ער זיך געפילט אין עפּעס א מאָדנעם אומפאַרשטענדלעכן צושטאַנד, וואָס האָט אים געצוווּנגען איר זיך אונטערוואַרפן.

נאָר דער הונגער־פּײַן האָט ניט לאַנג געדויערט. ווי נאָר דער נאָרישער באָק האָט זיך געלאָזט הערן לעבן דער טיגערטע, האָט זי פאַר איין אויגנבליק אים א וואַלגער געטאָן, זיך אָנגעגעסן צו זאַט, און א שטיקל איבערגעלאָזט פאַר ערגעניען.

פון דעמלט אָן האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן אַרויסגיין צוזאַמען אף געיעג. איצט פלעג שטענדיק די טיגערטע אָפּעסן די ערשטע, און ערשט דערנאָך, ווען זי איז שוין געווען גוט זאַט, האָט זי אָפּגעטראָטן די רויב ערגעניען.

נאָאיבער האָט גרויסע וואָלקנס אָנגעיאָגט, הויפנס שניי אָנגעשאָטן אין דער טײַגע, די ווינטן צעטריבן. אמאָל האָט אַרויסגעקוקט די זון, דער וועטער האָט נאָכגעלאָזט, נאָר דערנאָך האָט דער פראָסט פאַרקאָווערט די ערד און באַדעקט דעם שניי מיט א פעסטער אײַז־קאָרע.

די טיגערן האָבן זייער ניט ליב געהאַט, ווען די נאַסע שטיקער שניי האָבן זיך געקלעפּט צו זייער פעל. זיי האָבן זיך געריבן אין די ביימער, זיך געטרייסלט, אויסגעבאַהאַלטן זיך אין די באַרג־שפּאַלטן. און ווען די זאַווערוכעס האָבן זיך צעשפּילט, און ניט די שפּאַלטן, ניט די צעפלעטשטע טאַנען־צווײַגן האָבן זיי ניט געקענט באַשיצן, האָט די טיגערטע זיך געבייזערט אף ערגעניען, גלײַך ווי ער וואָלט שולדיק געווען, וואָס דער וועטער איז א שלעכטער. ערגעני האָט, ווי א קליינינקער, זיך געשלעפּט נאָך דער מוטער און געשמעקט די לופט.

איינמאָל נאָך א צוויי־טאָגיקן פאַסטן האָט ער געפונען אונטערן וואָרצל פון א רויטבוים א דאַר מײַזעלע, און ווי נאָר ער האָט זיך

געקליבן עס אײַנשלינגען, איז די טיגערטע צוגעשפרונגען און האָט אָפּגענומען בײַ אים די רויב. ערגעני האָט זיך אָנגעפּודלט און גענומען וואָרטשען אויף דער מוטער. די טיגערטע איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זײַט, און פֿון דעמלט אָן פֿלעג זי זיך מער ניט צורירן צו ערגעניס רויב, ביז ער האָט זיך גוט ניט אָנגעגעסן.

נאָר רויב פֿלעג זיך איצט טרעפֿן זעלטן, און די טיגערן זײַנען אָפּט אַרומגעגאַנגען מיט ליידיקע מאָגנס. זיי האָבן אַרומגעזוכט אַלע ווינקלען פֿונעם דעמבן־וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ סאַך ווערסט, איבער דעם מײַרעוו־רוקן פֿון סיכאָטע־אַלין, — און האָבן ניט געפֿונען קיינע סימאָנים פֿון קיין ווילדן כאַזער. זיי האָבן זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט פֿון די בערג צום טײַך לעפֿו. פּלוצלינג האָט פֿאַר זיי אַ פֿינקל געטאָן עפּעס אַ ווירעדיקע פֿיכקענדיקע באַשעפֿעניש. אַ לאַנגער פּאַס בײַסיקער רויך האָט אײַנגעהילט די כײַעס. זיי האָבן לאַנג געניסט, זיך געריבן די פּיסקעס מיט די לאַפּעס און ניט געוווּסט, וויאַזוי פֿון אים פּאָטער צו ווערן. דערנאָך האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ זאַווערוכע, און די טיגערן זײַנען געווען צופֿרידן — איצט האָבן זיי מער פֿון אַלץ מוירע געהאַט פֿאַרן בײַסיקן רויך.

עטלעכע טעג האָבן זיי ווידער אַרומגעבלאָנקעט צווישן די בערג, בײַם טײַך, דערנאָך האָט די טיגערטע דרייסט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל. פֿריער פֿון אַלץ האָט זיך איר געוואָרפֿן אין די אויגן אַ לאַנגער שוואַרצער שנור, וואָס ציט זיך אָן און עק אין דער ווײַט אַרײַן. בײַז וואָרטשענדיק, איז די טיגערטע צוגעקראָכן צו די רעלסן און אַ לאַנגע צײַט געלעגן אָן באַוועגונג. און ווען ס'האָט זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ די פֿיכקענדיקע, מיט היץ אָטעמענדיקע באַשעפֿעניש, און ס'איז געבליבן הינטן הענגען אַ טונקעלער שפּור פֿון רויך, איז די טיגערטע אין טײַגע ניט אַנטלאָפֿן, זי איז נאָר אַוועקגעגאַנגען אין די קוסטן און זיך גרייט געמאַכט צו שטעלן אַנטקעגן דעם סוינע.

דער ווינט האָט צעטריבן דעם רויך, און ס'איז קיינער ניט געווען, מיט וועמען זיך צו שלאָגן. די טיגערטע האָט זיך אומגעקוקט אויף די בערג. צווישן צוויי צעדערן האָט זי באַמערקט דעם פֿאַרזיכטיקן ערגעניס. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפֿן שניי און געשפּירט נאָך דער מוטער. די טיגערטע האָט צערטלעך אַ מורקע געטאָן, נאָר ערגעני איז געווען טויב און האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. זי האָט אים ווידעראַמאָל העכער אַ רוף געטאָן, נאָר דאָ איז צו אירע אויערן דערגאַנגען עפּעס אַ צאַרטע כריוקערײַ פֿון קליינע כאַזערלעך. די טיגערטע האָט זיך אָנגעשפּיצט. די כאַזערלעך האָבן געקוויטשעט ערגעץ דאָ ניט ווײַט. די

טיגערטע איז ווידער צוגעקראָכנ צום אײַזנבאַנ־וועג אונ באַטראַכט די געגנט. באַ די בערג הינטער די רעלסנ האָט זי באַמערקט א מענטשנ־ווױנונג. נעענטער אביסל איז געשטאַנענ נאָכ אײנ געבײַדע. דאָס קווי־טשענ פונ די כאַזערלעכ איז געגאַנגענ פונ דאָרטנ.

די טיגערטע איז אריבער די רעלסנ, ווײכ צוגעפאַלנ צו דער ערד אונ איז צוגעשפּרונגענ צום קלײנעם שטאַלכל, וואָס דער באַנ־וועכטער האָט צונױפגעשלאָגנ פונ שפּאַלנ־קלעצער. זי איז פאָרזיכטיק ארומגע־גאַנגענ ארום שטאַלכל, געפונענ א שמאָלע לאָכ אונ אריַנגעשטעקט אהינ די לאַפּע. די טיר אפ זשאַווערדיקע שאַרנירנ האָט א סקריפּע געטאָנ. די טיגערטע האָט אריַנגעשטעקט דעם קאָפּ אינ דער לאָכ, נאָר דער דורכגאַנג איז געווענ צו קלײנ. פונ שטאַלכל האָט א זעצ געטאָנ א באַטאַמטער כאַזער־געדוכ. די טיגערטע האָט גענומענ וואָרטשענ אונ זיכ אופגעהויבנ אפ די הינטערשטע לאַפּעס. אײנ לאַפּע אירע האָט זיכ א שפּאַר געטאָנ אינעם פלאָקנ, וואָס האָט פאַרשטעקט די טיר. דער פלאָקנ האָט זיכ אָפּגעריסנ, אונ די טיר האָט זיכ צעפּראַלט. מיט אײנ שפּרונג האָט זי צורעכט געמאַכט דעם גרויסנ כאַזער, דערנאָכ האָט זי גענומענ שטיקנ די קלײנע כאַזערלעכ. די כאַזערלעכ האָבנ אָנגעהויבנ יאָגנ איבערנ שטאַלכל, אופהײבנדיק א מעסוקענעם קוויטש. צווײ פונ זײ האָבנ זיכ ארויסגעריסנ, פאַרהילכט דעם הויף מיט קוויטשענדיקע קולעס אונ זיכ אוועקגעלאָזט צו דער מענטשנ־ווױנונג.

די טיגערטע האָט זיכ אפילע ניט אומגעקוקט אפ די אנטלאָפענע. זי איז געווענ שטאַרק הונגעריק אונ האָט זיכ גלײַכ גענומענ פאַרנ איבערבײַסנ.

נאָר זי האָט נאָכ ניט באַוויזנ זיכ אָפּפאַרטיקנ מיט אײנ כאַזערל אפילע, ווי די טיר האָט פלוצלינג מיט א טראַסק זיכ צוגעמאַכט, עפּעס האָט הינטנ א קנאַק געטאָנ, פונ יענער זײַט וואַנט האָבנ זיכ דערהערט טריומפירנדיקע מענטשלעכע קולעס. די טיגערטע האָט אינ טומל זיכ גענומענ וואַרפנ אינ אלע זײַטנ, נאָר וווּהינ זי האָט זיכ ניט קײנ קער געגעבנ, האָט זי אומעטום אָנגעטראָפנ אפ פעסטע הילצערנע שפּאַלנ.

ערגעני האָט געוואַרט א שטיקל צײַט אפ דער מוטער. ווי ער האָט נאָר דערהערט דאָס קוויטשערײַ פונ די כאַזערלעכ, האָט ער פאַרשטאַ־נענ, אז די מוטער האָט געפּאַקט עפּעס א רויב. נאָר די אײַזערנע פּאַסנ זײַנענ אים שטאַרק ניט געווענ צום האַרצנ, האָט ער זיכ דורכ די בערג אונ דער וואַלד־לאָנקע אראָפּגעלאָזט צו דער מענטשנ־ווױנונג. ווי ער האָט נאָר געוואָלט זיכ אראָפּלאָזנ אינ טאָל אריַנ, האָט ער דערהערט

די טריומפירנדיקע מענטשישע געשרייענ. ער האָט א דערשראָקענער זיכ אויסגעקערעוועט צו דער טײַגע און איז אוועק אינ די בערג.

פונ דעמלט אָנ האָט ערגעני מער די מוטער קיינמאָל ניט געזעענ.

VII

די ערשטע פרעסט האָבנ ערגענינ פלייש געבראכט. צופעליק האָט ער אָנגעטראָפנ אפ בארגהענער. באהאלטנדיק זיכ אינ שניי פונעמ שלעכטנ וועטער, האָבנ זיי זיכ פארגראָבנ אונטערנ דיקנ אײַז־הײַטל פונעמ אייבערשטנ שיכט. שפאנענדיק צווישנ די קופעס שניי, האָט ערגעני דערהערט אונטער זיכ עפּעס א פאָרקעניש. ער האָט געמיינט, אז דאָרט געפינט זיכ א נאָרע פונ א האָז, האָט ער מיט א שטארקנ זעצ צעקלאפּט דעמ שניי־צודעק און איז גלײַכ אָפּגעשפרונגענ אינ א זײַט. ראַשנדיק מיט די שווארצע פליגל זײַנענ פארבײַ זײַנ פיסק ארויסגעפלויגנ עטלעכע בארגהענער. פאר איינ אויגנבליק איז ערגעני געווענ בא דער עפענונג, און אינ זײַנע לאַפּעס האָט זיכ א פעטער פויגל געוואָרפנ.

דעמ צווייטנ טאָג האָט ערגעני געראָטנ אָנצוטרעפנ אפ א נאָרע פונ ווילדע כאזיירימ. דערנאָכ האָט ער אָפּגעשלאָגנ בא א לוקס א שטיקל אינדנ־פלייש.

נאָר וואָס מער ס'האָט גענומענ שיטנ שניי, אלצ שווערער איז געוואָרנ שפּײַז צו קריגנ. אינ אָקטיאבער איז ערגעני געווענ צופרידנ, ווענ ער האָט דערקוועטשט א האָז, צי ער האָט אראָפּגעשלונגענ א פּאָר בורונדוקעס.

איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפנ אפ א שמאָל שטעגל, וואָס האָט געשמעקט מיט מענטש. ווענ ער זאָל ניט געווענ זײַנ אזוי הונגעריק, וואָלט ער זיכ געסטארעט וואָס גיכער אָפּציִענ פונ דאָרטנ, נאָר דער הונגער האָט געטריבנ פאָרויס. מיט א צוגעשטיקטער וואָרטשערײַ האָט ער זיכ פאמעלעכ געלאָזט גיינ מיטנ מענטשישנ שפור, צופאלנדיק אלע מינוט צומ שניי. אינ עטלעכע שפאנ ארומ האָט ער אינ אנ אײַזערנער נעצ געפונענ א פעטנ האָז. ניט אָנרירנדיק זיכ אינעמ אײַזנ, האָט ער צעריזעט דעמ האָז, אימ אָפּגעשלעפּט אינ א זײַט און אויפגעפרעסנ. אינ א ווײַטערדיקער נעצ אונטערנ שטאמ פונ א דיקנ בוימ האָט ער געפּאַקט א בורונדוק.

שפעטער האָט ערגעני אינעמ יעגערס נעצ געפונענ צוויי פויגלענ, און אינאָוונט האָט ער געפראוועט א זאטע וועטשערע פונ א געזונטנ

וואָלף, וואָס האָט זיך מיט בײדע פֿעדערשטע לאַפּעס געפּאַקט אין דער נעץ אַרײַן.

װען דער דאָרער כינעזער, דער יעגער צי־יונ, איז אַרויסגעגאַנגען באַקוקן זײַנע נעצן, האָט ער באַלד דערקענט, אַז ס׳האָט זיך דאָרט געפּאָרעט אַ טיגער. די כינעזער־יעגער האַלטן דעם טיגער פֿאַר אַ הײליקער חיה. צי־יונ איז צוגעפֿאַלן צום שפּור, צוגעפֿגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין דער פֿאַנזע, פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף גאָטס באַראָט. הײַנט, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — איז דער טיגער דאָ, דאַרף מען ניט גײן צו די נעצן.

סאַמע לעבן דער פֿאַנזע האָט ער צופֿעליק געכאַפּט אַ קוק אין די קוסטן און געפֿונען אונטער ניט קײן גרויסע בײמער־שטאַמען עטלעכע װאַלד־הינער. די ווירטשאַפֿט־געווירנהײַטן האָבן איבערגעוויגן דעם געטלעכן אָפּשײַ פֿאַרן טיגער. ער האָט אויסגעקליבן עטלעכע הינער און ווידער אויפֿגעשטעלט די נעצן.

פינפ טעג האָט ערגעני אומגעבלאָנקעט לעבנ דער פאנזע פונעם כינעזער, איבערלאָזנדיק ברייטע שפורנ פארנ דערשראָקענעם יעגער. פאר די דאָזיקע טעג האָט ער אלע צײ־יונס נעצנ איבערגעדרייט, די שטריק איבערגעריסנ אונ די גאנצע רויב אופגעגעסנ.

אינאָוונט אפנ זעקסטנ טאָג האָט זיך אופגעהויבנ א שניי־שטורעם. ערגעני האָט זיך אוועקגעלאָזט אינ געדיכטנ וואלד ארײַנ. נאָר דער שארפער ווינט האָט געשפארט דורכ די נאקעטע צווײַגנ אונ דעם טיגער מיט פראָסט ארומגענומענ. ערגעני איז צוגעשפרונגענ צו א דיקנ שטאמ פונ א צעדערבוים. ער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אינ א קופקע, באהאלטנ דעם קאָפ צווישנ די לאפעס, נאָר ניט אפ לאנג. א ווירבער האָט גענומענ דרייענ, צעשויבערט די האָר זײַנע אונ אים אָפגעשאָטנ מיט שניי. ערגעני האָט ביז א ריטשע געטאָנ אונ גענומענ אוועקלויפנ פונעם ווינט. פלוצלינג איז פאר אים אויסגעוואקסנ א הויפנ שניי. הינטערנ הויפנ האָט זיך דער ווינט ניט אזוי געפילט. ערגעני האָט זיך צוגעדריקט צו אים, זיך א רײַב געטאָנ מיט דער זײַט אינעם שניי. דער שניי האָט זיך אָפגעשאָטנ, אונ ער האָט אָנגעטאפט א ברייטע שטיק קאָרע פונ א טרוקענעם בוים. צומאכנדיק די אויגנ פונ פארגעניגנ, האָט ער נאָכ שטארקער זיך אײַנגעגנורעט אינ שניי אונ אָנגעהויבנ שטיל מורטשענ.

צײ־יונ איז געזעסנ אפנ קאנ[1]), זיך צוגעהערט צום וויענ פונ ווינט אונ פאריכט זײַנע שיכ. פלוצלינג האָט די וואנט איבער זײַנ קאָפ א שוואכנ טרישטשע געטאָנ. דער כינעזער האָט פארווונדערט אופגעהויבנ דעם קאָפ אונ געכאפט א קוק אינ פענצטער. אָנשטאָט אָנגעטראָגענעם שניי האָט ער דערזענ אפ דער טאפליע עפעס א פינצטערע מאסע.

„זאָל עס זײַנ צווײַגנ, וואָס דער ווינט האָט אהערצו אָנגעוואָרפנ?“ — האָט דער כינעזער א טראכט געטאָנ. ער האָט אופגעהויבנ דעם קאנעצ אונ צוגעטראָגנ צום פענצטער. די הענט האָבנ בא אים אָנגעהויבנ ציטערנ, אונ דאָס פעטס פונעם קאנעצ האָט זיך צעגאָסנ אפנ פאָל. דער קנויט האָט גענומענ בליצלענ אינ צישנ. דער כינעזער איז געפאלנ אפ די קני פארנ פענצטער אונ אָנגעהויבנ שעפטשענ א טפילע, ניט אָפרײַסנדיק דעם בליק פונעם טיגערס געשטרייפלטנ רוקנ, וואָס האָט זיך צוגעשפארט צום פענצטער.

ווי נאָר די העלע שײַנ פונעם כינעזערס קאנעצ האָט א מינע געטאָנ איבערנ שניי, איז ערגעני אָפגעשפרונגענ אונ ער האָט גלײַך דערפילט דעם מענטשישנ גערוכ. דאָס פענצטער, וואָס איז געווענ אָפ־

[1]) א באנק לעבנ דעם אייזועלע.

געגאנגענ פונ דער ווארעמקײַט פונ זײַנ קערפּער, האָט נאָכ שטארקער אופגעשײַנט, אונ דער טיגער האָט דערזענ אינ דער פּינצטערער גרוב א קלײנינקנ מענטשנ. ערגעני האָט בײז זיכ צעריטשעט אונ א שפּרונג געטאָנ אפ דער קופּע שניי. נאָר אויבנ איז קײנ שײַנ ניט געווענ. ער איז פאָרזיכטיק ארומגעגאנגענ ארום דער קופּע. אונ פּלוצלינג האָט פונעם שווארצנ ווינקל אפ אימ א הויכ געטאָנ מיט מענטשישנ גערוכ. ער האָט א שמעק געגעבנ די לופט אונ א זעצ געטאָנ מיט דער לאפּע איבער דער טיר. זי האָט עפּעס א סקריפּע געטאָנ, נאָר זיכ ניט אונטערגעגעבנ. דער כינעזער האָט זי פעסט פארלײגט. ערגעני האָט ווידער זיכ צעריטשעט אונ איז באָכאמאָל ארומגעגאנגענ ארום דעמ מענטשנס ווױנונג. אז ער איז ווידער צוגעקומענ צו דער טיר, האָט ער דערהערט, ווי עמעצער שרײַט אפ א קאָל.

— גײ אוועק, געשטרײפלטער, גײ אוועק פונדאנענ, איכ בעט דיכ! אויב דו גײסט אוועק, גיב איכ דיר פלײש אסאכ. א כאזער קריג איכ דיר, אנ אײלנהירש קריג איכ דיר...— האָט דער כינעזער מיט א ווילד קאָל זיכ געבעטנ.

נאָר דער טיגער האָט בײז געוואָרטשעט אונ זיכ אלצ געדרײט ארום דעמ יעגערס פאנזע.

שפּעט באנאכט האָט צי־יונ זיכ אוועקגעלײגט אפנ קאנ. ער האָט גערעכנט, אז ווענ דער שניי־שטורעמ וועט איבערגײנ, וועט דער טיגער אימ לאָזנ צורו. ניט אומזיסט האָט ער דאָכ אימ אזויפיל זאכנ צו־געזאָגט. צי־יונ האָט געגלײבט, אז דער טיגער האָט אימ פארשטאנענ.

ס'איז געוואָרנ טאָג. פונ דעמ שניי־שטורעמ זײַנענ פארבליבנ נאָר אָנגעהויפנטע כוואליעדיקע הויפנס שניי אונ אָנגעבראָכענע צווײַגנ. צי־יונ איז שנעל ארויפגעשפּרונגענ פונעמ קאנ אונ זיכ א וואָרפ געטאָנ צומ פענצטער. די טאפּליע איז געווענ פארפרוירנ, אונ מע האָט גאָרניט ניט געזענ. ער האָט אנ אָטעמ געטאָנ אונ לאנג זיכ אײַנגעקוקט. קײנ שומ שפּורנ פונעמ טיגער איז אינערגעצ ניט געווענ צו זענ.

צי־יונ האָט זיכ מיט פרײד א לאָז געגעבנ צו דער טיר, אָנגענומענ א גרויס בינטל צווײַגנ, ארײַנגעשלעפּט אינ דער פאנזע אונ געוואָלט גײנ נאָכ א צווײט בינטל. ער האָט ניט באוויזנ צוקומענ צו דער קופּע צווײַגנ, ווי ס'האָט פונ הינטער איר א פינקל געטאָנ פאר זײַנע אויגנ די לאנגע אויסגעצויגענע פעל פונעמ רויבער. דער כינעזער האָט פארגעסנ אינ די צווײַגנ, אינ שרעק זיכ אוועקגעלאָזט צו דער פאנזע אונ באלד פארהאקט די טיר הינטער זיכ. ער האָט קױמ באוויזנ ארופלײגנ דעמ פארוקער אפ דער טיר, אונ ס'האָט זיכ דערהערט דאָס בײזע

ריטשענ פונעמ טיגער. דער כינעזער האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אפּ די קני אינ ווידער אָנגעהויבנ שעפּטשענ זײַנע צוזאָגעכצנ דעמ טיגער.

די ערשטע טעג האָט צי־יונ געהאלטנ אינ איינ בעטנ. ער האָט אימ שוינ צוגעזאָגט ניט איינ כאזער, נאָר גאנצע דרײַ. ענדלעכ, ווענ דער כינעזער האָט געזענ, אז דער טיגער הערט זיכ ניט צו צו זײַנ געבעט, האָט ער זיכ בייז אויסגעזידלט.

— וואָס פאר א גאָט ביסטו, א שרעקעוודיקער וואָלפ ביסטו! דו ווילסט מיכ נאָר אופעסנ, אונ א גאָט טוט ניט אזוי... אומזיסט, זעט אויס, האָב איכ זיכ צוגעהערט צומ זיידנס אונ צומ טאטנס מײַסעס.

דערנאָכ האָט שוינ צי־יונ לאנג זיכ געבראָכנ דעמ מויעכ איבער דעמ, וויאזוי זאָל ער פארטרײַבנ דעמ טיגער. קיינ געווער האָט ער ניט געהאט. פארנ געיעג האָט ער גענוצט בלויז נעצנ. די טעג זײַנענ לאנגזאמ אדורכגעגאנגענ. דעמ כינעזער איז אויסגעגאנגענ זײַנ קליינער רעזערוו עסנווארג, אונ ער האָט שוינ גענומענ קאָכנ בורונדוקישע פעל. די פאנזע האָט ער געהייצט איבער א טאָג. איינמאָל, אפּדערנאכטצו, האָט דער כינעזער פארגרייט האָלאָוועשקעס. ער האָט אנ עפנ געטאָנ פלוצלינג די טיר אונ מיט א געשריי גענומענ זיי ווארפנ אפּנ טיגער. וואָרטשענדיק אומצופרידנ, איז דער טיגער אָפּגעשפּרונגענ, זיכ אוועקגעלייגט אפּנ שניי אונ ניט אראָפּגעלאָזט פונעמ מענטשנ די גרויסע גרינע אויגנ זײַנע. אז דער כינעזער האָט זיכ אומגעקערט אינ דער פאנזע אונ צוגעמאכט די טיר, איז דער טיגער פאָרזיכטיק צוגעגאנגענ אונ לאנג געדראפּעט איבער איר מיט די נעגל.

צי־יונ האָט פונ פארדראָס זיכ א וואָרפ געטאָנ אפּנ קאנ. איצט האָט ער שוינ ניט געבעטנ, נאָר לאנג זיכ געזידלט אונ גערעדט אלדאָס בייז אפּ די געטער.

א צופאל האָט אימ געראטעוועט. א גרופּע יעגער, אָרטגעבירטיקע אודיגייער, איז איבערגעגאנגענ פונ איינ ראיאָנ אינ א צווייטנ, זיי זײַנענ דורכגעגאנגענ פארבײַ דעמ כינעזערס נעצנ אונ האָבנ דערזענ צעוואָרפענע שטריק אונ שפּורנ פונ א טיגער. צוקוקנדיק זיכ צו די שפּורנ, האָבנ די אודיגייער גאנצ לײַכט איבערגעלייענט די געשיכטע. זיי האָבנ געזענ אלטע, מיט שניי אָנגעטראָגענע שפּורנ פונ א מענטשנ, נאָר זיי האָבנ ניט געוווּסט, וואָס האָט מיט אימ געטראָפנ. די יעגער האָבנ אפּ יעדנ פאל אופגעהויבנ א ראַש, דערנאָכ האָבנ זיי זיכ דערקליבנ צו דער פאנזע אונ ארויסגעראטעוועט דעמ כינעזער.

צי־יונ האָט צנויפגעקליבנ די רעשטנ פונ זײַנע נעצנ אונ איז אוועקגעגאנגענ צוזאמענ מיט די אודיגייער. דורכלאָזנדיק די מענטשנ, איז

ערגעני ביז סאמע פרילינג געבליבנ לעבנ בא דער פאנזע פונעמ כינעזער אונ האָט אײַנגעשפארט געווארט, טאָמער וועט ער ווידער דערפילנ דעמ מענטשישנ גערוכ.

VIII

דעמ דריטנ פרילינג האָט ערגעני געהאט א זאטנ אונ א רויבפולנ. אינ מארט כוידעש נאָכ האָט ער איבערנ שניי־צודעק, אָנ שומ מי געפאנגענ איילנהירשנ אונ ווילדע ציגנ. זיי פלעגנ זינקענ אינ טיפנ שניי אונ קוימ זיכ דערקלײַבנ צו די בערג. ערגעני אָבער, וואָס האָט ווייכ געטראָטנ מיט די ברייטע לאפעס, האָט זיכ געקענט אײַנהאלטנ אפנ שניי, אויסשפירנדיק די רויב. ער פלעג זי פארטרײַבנ אינ א גרוב, אָדער אפ א נידעריק אָרט, אפ א לאָנקע, אינ טיפנ שניי אונ זי צערײַסנ דאָרט אפ שטיקער.

אינ אפרעל האָט ערגעני זיכ גענערט מיט פרישנ כאזער־פלייש, אונ אינ מײַ מיט יונגע כאזערלעכ. אונ דערפאר, וואָס ער איז שטענדיק געווענ זאט, האָט די פעל זײַנע שוינ אינ אפרעל אָנגעהויבנ אויסקריכנ, אונ זײַנע זײַטנ האָבנ געבלישטשעט אונ פעט געגלאנצט אפ דער זונ.

אָנזעטנדיק זיכ, פלעג ער אָפט זיכ שפילנ מיטנ רויב, אונ אמאָל פלעג ער אויכ זיכ פארווײַלנ מיטנ אייגענעמ ווידל. ער האָט געפאטשט מיט אימ איבער די קוסטנ פונעמ ווילדנ ראָזמארינ, קוימ צו באמערקנ א צרקע געטאָנ מיטנ קליינעמ שווארצנ פענדזעלע אפנ עק, אונ דערנאָכ, ווי א פארשײַט קעצל, זיכ געלאָזט יאָגנ נאָכ דעמ, מאכנדיק גיגאנטישע שפרונגענ איבער ליגנדיקע ביימער־שטאמענ, פעלדזנ־אָפריסנ אונ ניט־ברייטע טײַכלעכ.

דער פרילינג האָט אופגעוועקט אינ אימ אויכ נײַע פארלאנגענ. אינ די נעכט פלעג ער אָפט הערנ א רעווערײַ פונ א טיגער, א ניאווקערײַ, אונ אז ער פלעג זיכ צערטלעכ אָפרופנ, פלעג אימ קיינער ניט ענטפערנ. דאנ האָט ער מיט ווייכע באוועגונגענ גענומענ שפרינגענ איבער די טײַגע־קוסטנ אונ גיינ שטילינקערהייט נאָכנ קאָל, נאָר עס פלעג אימ אָבער דאָרט קיינמאָל ניט גליקנ דאָס מאזל — ער פלעג דאָרט טרעפנ פאָרלעכ אָדער אלטע טיגערנ.

ער איז נאָכ אָבער געווענ גאָר א יונגער, האָט ער געדולדיק געווארט אפ זײַנ פאָר. אונ אינאלגעמיינ איז אימ, זעט אויס, מער פונ אלצ געלעגנ אינ זינענ ניט דער פאמיליענ־אינסטינקט, נאָר דער פארלאנג זאט אָפצועסנ, אָפרוענ זיכ אינ שאָטנ פונ א קוסט אונ פארווײַלנ זיכ מיט האָזנ, מיט בורונדוקעס. פאר יענע, געוויינטלעכ, איז די שפיל מיטנ

געזונטן טיגער געווען א געפערלעכע טויט־שפיל. נאָר ווען זאָרגט זיך דען די קאַץ וועגן דער מויז?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער אלטער אוסורי:ער יעגער און כײַע־פאנגער איוואן סוכאָזשילאָוו איז אין יונג כוידעש אָנגעקומען אינעם גאָלדישן לאגער, וואָס איז געשטאנען באם ברעג אמור.

אָוונט־צו האָט ער אָפגערופן אין א זײַט בינו דעם פעמפיקס פאָטער, בינו דעם גרויסן:

— בינו, איך מוז נייטיק קריגן א לעבעדיקן ווילדן כאזער, א לוקס, א רויטן וואָלף, א געפלעקטן הירש. ווילסט מיר העלפן? באקומסטו בא מיר דערפאר א נײַע ביקס.

דער גאָלד האָט זיך א קראַץ געטאָן דעם בויך.

— שווער קריג, לוקס גיי מיט קינדער — א גרויסער בייזער. וואָלף אויך גיי מיט קינדער. ווײַט גיי... לאנג זוך דארף מען. א כאזער קריג גרינגער. נאָר נעצן דארף. הירש קען אין דער לודעווע [1]) טרײַבן, אן אלטע כינעזישע לודעווע קענסט מאַכן.

— נו, גוט. א נעץ מאכן איז ניט קיין שווערע זאך. העק, זעגן און אנדערע אינסטרומענטן איז בא מיר פאראן. נעם צונויף א מענטשן זיבן, און מירן זיך נעמען פאר דער ארבעט. אויב ס׳וועט גיין מיט גליק, וועל איך דיר גוט באצאָלן.

דער גרויסער בינו האָט געוויזן מיט די אויגן אף זײַנע לײַט:

— זיי זיץ און טאָלקעווע: מע דארף פיש כאפ, און דיר ווילט זיך כײַעס... גאָלד קיין פיש ניט כאפן, גאָלד א גאנצן ווינטער הונגעריק זײַ.

סוכאָזשילאָוו האָט א שמייכל געטאָן:

— צו וואָס טויג אײַך פיש כאפן? מײַן געצאָלטס וועט אײַך לוינען בעסער...

ער האָט צוגעפירט דעם גאָלד צו זײַן שיפל און אים געוויזן זעק מיט מעל, זאלץ, אסאך בלײַ און פולווער.

באם גרויסן בינו האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן. ער האָט א פאטש געטאָן סוכאָזשילאָוין איבער דער האנט און אפרעריגיך צונויפגעקליבן צען יונגע געזונטע גאָלדן.

1) לודעווע — אזא פארקן, וואָס פארצוימט דעם וועג פאר די כײַעס. אין פארקן מאכט מען עטלעכע לעכער, און אונטן גראָבט מען אויס גריבער, דערנאָך דעקט מען זיי צו מיט צווייגן; די לודעוועס ציען זיך אף צען־צוועלף קילאָמעטער מיט עטלעכע צענדליק גריבער. די כײַע שטויסט זיך אָן אף דער לודעווע, זוכט א דורכגאנג און פאלט זיך אין גרוב אריין.

סוכאָזשילאָוו מיטן גרויסן בינו און מיט די גאָלדן זײַנען עטלעכע טעג אומגעגאַנגען איבער דער טײַגע. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו די שפּורן פֿון די חיות, אָנגעמערקט זיך נאָרעס און גריבער, שטעגלעך, וואָס פֿירן צום וואַסער. אין אײניקע ערטער האָבן זיי אוועקגעשטעלט נעצן, פֿאַריכט די כינעזישע לודעווע און געטריבן צו איר די הירשן מיט די ווילדע כאַזײַרים.

שווערער פֿון אַלץ איז געווען צו כאַפּן אַ לוקס. ווי סוכאָזשילאָוו האָט זיך ניט געדרייט דעם מוחעך, האָט ער גאָרניט געקענט צוטראַכטן. דער גרויסער בינו און די גאָלדן האָבן געוויזן אַף די ביימער, און סוכאָזשילאָוו אַליין האָט אויך זייער גוט געוווּסט, אַז דער לוקס האָט ליב זיך באַהאַלטן אין די געדיכטע בלעטער. נאָר גיי טרײַב אים אַרויס פֿון דאָרטן! ענדלעך, האָט סוכאָזשילאָוו באַשלאָסן מאַכן אַ מין פּאַסטקע־שטיבל, וואָס די אָרטגעבוירטיקע פֿלעגן אין דעם כאַפּן בערן. מיט דער הילף פֿון די גאָלדן האָט ער צונויפֿגעקלאַפּט אַ קליין באַלקן־שטיבל, און אין וואַנט האָבן זיי דורכגעשלאָגן אַ טיר, אָנגעשטעלט זי, ווי אַ פּאַסטקע, און אין שטיבל האָבן זיי מיט פֿעסטע רימענס צוגעבונדן אַ קליין כאַזערל אַף צו פֿאַרנאַרן די חיות.

אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט אין לאַגער אַרײַן, האָט סוכאָזשילאָוו דערהערט אַ שרעקלעכע קוויטשערײַ. ער האָט מיט פֿרייד אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס קער זיך רײַסן דאָס כאַזערל, און עס וועט מיסטאָמע פֿאַרנאַרן אין שטיבל אַרײַן עפּעס אַ חיה.

פֿונעם ברעג טײַך לעבן לאַגער, וווּ סוכאָזשילאָוו האָט אוועקגעשטעלט די שטײַגן מיט די געפֿאַנגענע חיות, האָט זיך אָפּגערופֿן די אַלטע כאַזערטע. דאָס כאַזערל האָט דערהערט איר קאָל און נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן קוויטשען.

יענע נאַכט איז קימאַט קיינער פֿון די יעגער ניט געשלאָפֿן. סוכאָזשילאָוו האָט אומגעבלאָנקעט איבערן ברעג און באַטראַכט די טראָפּיעס זײַנע. אויסער דער כאַזערטע האָט ער שוין געהאַט געפֿאַנגען צוויי געפֿלעקטע הירשן און איין אַנטילאָפּע. דאָס גאָלדישע קליינוואַרג האָט אים געבראַכט דרײַ מאַרדערס, אַ קליין וועלפּעלע, צוויי פֿוקסלעך.

אינדערפֿרי, אַז ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט סוכאָזשילאָוו אויפֿגעוועקט דעם גרויסן בינו און איז אוועק מיט אים צו דער פּאַסטקע. אַהין איז געווען אַ קילאָמעטער דרײַ. זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען איבערן באַרג און זיך גענומען אַרײַנהערן. פֿון צווישן די קוסטן האָבן זיך אַרויסגעזען די פֿרישע באַלקנס פֿון זייער שטיבל און ס׳האָט זיך געהערט אַ צוגעשטיקט רעווען פֿון עפּעס אַ גרויסער חיה.

סוכאָזשילאָוו איז אומגעדולדיק צוגעלאָפנ צום־שטיבל. ער האָט א קוק געטאָנ אינעמ אײַנשניט אונ זיכ אזש צוגעזעצט. אינ קלעמ פונ דער פּאסטקע האָט זיכ געוואָרפנ א גרויסער טיגער.

— דו אפ אימ געריכט? — האָט רויִק א זאָג געטאָנ דער גרויסער בינו.

— זייער וויל!.. — האָט צעצויגנ געזאָגט כוכאָזשילאָוו. — איצט וועל איכ דיר צוגעבנ צו דער ביקס אסאכ פולווער, אסאכ בלײַ אונ נאָכ אסאכ מעל. דערלאנג גיכער אהער די שטײַג: מע דארפ אימ פירנ אינ שטאָט ארײַנ.

סוכאָזשילאָוו האָט א ברייטנ שמייכל געטאָנ אונ זיכ געריבנ די הענט פונ גרויס צופרידנקײַט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אז מע האָט געבראכט די הילצערנע שטײַג מיטנ טיגער אפ לאנגע שטעקנס אינ לאגער ארײַנ, האָט דאָס קליינוואַרג זי באלד ארומגערינגלט, דער ערשטער איז צוגעשפּרונגענ דער קליינער בינו. אז ער האָט דערזענ דעמ טיגער, האָט ער פלוצעמ אויסגעשריגנ:

— דאָס איז ערגעני! ער האָט זיכ געשפילט מיט אונדז אינ דער טײַגע. נאָר ס׳איז געװענ שוינ גאָר לאנג, ער איז נאָכ דעמלט, מיסטאמ, געווענ א קליינינקער, אזויווי איכ.

קײנער האָט אימ ניט געענטפערט, דער גרויסער בינו האָט בייז אָפּ־געטריבנ די קליינע כעוורע אינ א זײַט. ער האָט אוועקגעשטעלט איינעמ פונ די גאָלדנ, ער זאָל קײנעמ ניט צולאָזנ רייצנ די כײַע.

די שטײַג האָט זיכ ווייכ א הוידע געטאָנ אונ זיכ אָפּגעטײלט פונ דער ערד. פונ טײַכ האָט געבלאָזנ מיט פײַכטקײַט. דער טיגער האָט זיכ צוגעשפּארט צומ ווינקל, וואָס איז געווענ נעענטער צו דער טײַגע, ווי ער וואָלט דאָרט קענענ מיט עפּעס געהאָלפנ ווערנ, אונ האָט שטיל אָנגעהויבנ ריטשענ.

איינער פונ די טרעגער האָט א שמייכל געטאָנ:

— זע נאָר, דעמ ברעג וויל ער אָנטאפּנ... ער שרעקט זיכ...

ס׳האָט אימ געוואָלט עפּעס אָפּענטפערנ דער שאָכנ זײַנער, א מאָגע־רער בײטכײניקער כינעזער, נאָר אינ דער זעלבער צײַט איז פונ הינטער די פעלדזנ ארויסגעקראָכנ אנ אומגעהײער גרויסע ווײַסע באשעפעניש — א דאמפשיפ. מיט ראש, מיט קוויטשערײַ אונ מיט ווילדנ ניט־כײַישנ רע־ווענ איז זי צוגעשווומענ צומ ברעג, צעבויטעט דאָס וואסער, ארויסגע־וואָרפנ א פאָנטאנ מיט שפּריצנ פונ אלערלײ קאָלירנ אונ ווייכ זיכ א הוידע נצאָנ.

פון דער שיף האָט זיך אָפּגעטיילט א ברייטער באָט. אכט טרעגערס, צו צוויי בא יעדן ווינקל פון דער שטײַג, האָבן צוגעטראָגן דעם טיגער און אים אוועקגעשטעלט אפן באָט. דאָס שיפל האָט זיך א וויג געגעבן, ס׳האָבן עס נײַע מענטשן ארומגערינגלט, זיך צעשריִען. מ׳האָט א מאך געטאָן מיט די רודערס, און דער באָט האָט זיך אָפּגעריסן פון ברעג. ערגעני האָט פון שרעק אזש די אויגן צוגעמאכט און זיי אופגעעפנט ערשט דעמלט, ווען ס׳האָט אים א זעץ געטאָן אין נאָז ארײַן א רייעך פון פארב, רויך און באפּט. ער האָט אומצופרידן א קראץ געטאָן זיך די נאָז מיט דער לאפּע און הילכיק זיך צערעוועט. די מענטשן אפן באָרט פון דער שיף האָבן זיך צעלאכט, און איבערן קאָפּ האָט מיט א קוויטשערײַ גענומען ארבעטן דער הייב־קראַן.

אין א כוידעש ארום איז ערגעני געפלויגן אין א פינצטערן, שטויביקן וואגאָן שוין מיט א נײַער טראסקערײַ, מיט א רויש, וואָס איז טאָג און נאכט אים געשטאנען אין די אויערן. פארבײַ האָבן דורכגעפינקלט שארפע געקוויטלטע בארג־שפּיצן, קילע טײַכלעך און די הוידענדיקע טײַגע, וואָס ציט און רופט צו זיך. דעם טיגערס קאָפּ איז קעסיידער געלעגן אפּ די ברייטע לאפּעס, און ער האָט ניט אָפּגעריסן דעם טרויעריקן בליק פורבעם אלץ אָפּגייענדיקן פאס טײַגע־וואלד. ס׳האָט זיך געדוכט. אז ער געזעגנט זיך מיטן וואלד.

אינ די נעכט פלעג ערגעני אופשפרינגענ, זיכ וואַרפנ אַפ די אײַזערנע גראַטעס אונ פאַרהילכנ מיט זײַנ רעווענ דאָס קוויטשיקע פײַפנ פונעם לאָקאָמאָטיוו. נאָר די גראַטעס פונ דער נײַער שטײַג, אינ וועלכער סוכאָ־ושילאָוו האָט אים אריבערגעטריבנ, בעשאַס מע האָט זיכ איבערגעזעצט אינ צוג, זײַנענ געווענ גענוג פעסטע, אונ קײנ שום קראַפט האָט זײ ניט געקענט צעברעכנ. דאָס האָט ערגענינ נאָכ בײזער געמאַכט, פלעג ער נאָכ שטאַרקער אָנהײבנ רעווענ. אונ אויב ס'האָט זיכ געמאַכט, אַז דער צוג איז אינ דעם מאָמענט צוגעקומענ צו א סטאַנציע, פלעגנ די מענטשנ זיכ ארומקוקנ מיט שרעק אַפ די וואַגאָנעס אונ אָפגײנ אינ א זײַט.

נאָכ אינ א כורידעש ארום איז דער צוג צוגעקומענ צו מאָסקווע, אונ מע האָט ערגענינ געבראַכט אינעם זאָאָלאָגישנ גאָרטנ ארײַנ.

כ א ו ס

I

כאוס — אזוי האָט געהייסן איינער א קאָטער.

נאָר ניט אונדזערער א גרויער אָדער א שווארצער קאָטער מיט א לאנגן פוכיקן וויידל און מיט ווייסע וואָנצן.

ניין!

כאוס איז געווען א ווילדער קאָטער. ער האָט קיינמאָל ניט געזען ניט קיין דעכער, ניט קיין מיסט־גריבער, ניט געוווּסט פון קיין בוידעם, פון קיין קעלער, פון קיין שפּייכלער. ער האָט זיך אופגעהאלטן אין געדיכטן טשערעט.

און דערפאר, וואָס כאוס האָט געוווינט אין טשערעט, האָט מען אים נאָך גערופן — טשערעטענער קאָטער.

כאוס איז געווען זייער א ווילדער קאָטער. אזא ווילדער, אז ס'איז גאָר אומעגלעך געווען אים א גלעט צו טון. אז כאוס דערזעט א מענטשן פון־דערווייטנס, שפּרינגט ער באלד אוועק אין טשערעט אריין. און גיי פּאק אים דאָרטן! אויב דער מענטש וואָלט אים אפילע געפונען, און אויב ער וואָלט קענען צוקומען צו אים גאָר־גאָר נאָענט, וואָלט ער אים אויך קיין גלעט ניט געטאָן.

גלעטן גלעט מען מיט [illegible]נגער, און כאוס האָט ניט ליב צו שפּאסן. זאָל ער נאָר א פּאָר מאָל אן עפן טון דעם פּיסק און באווייזן די ווייסע ציין מיט די העל־ראָזע יאסלעס, איז... ווו זיינען די פינגער? אָפּגעביסן.

האָט אים קיינער ניט געגלעט. קיינער האָט אים אונטערן אויער ניט געקראצט, קיינער האָט אים אין האלדז ניט געקיצלט.

כאוס האָט ניט געבענקט נאָך דעם. ער האָט ניט געניאווקעט, ניט געבעטן זיך — „טו מיך א גלעט".

ער איז געווען א ווילדער קאָטער, און דער מענטש איז פאר אים געווען ניט קיין פריינט, נאָר א פיינט.

כאוס איז געבוירן געוואָרן א בלינד געל קאָטערל. ער האָט געהאט צוויי ברידער און צוויי שוועסטער. קיין שטוב האָבן זיי ניט געהאט — זיי האָבן פּאָשעט געוווינט אַפּ א הויפן טרוקענעם טשערעט.

װען בא די קעצלעך האָבן זיך די אײגלעך געעפנט, און די פיסלעך זײַנען שטײַפער געװאָרן, האָבן זײ אָנגעהױבן אומלױפן ארום דער װױנונג זײערער. די מוטער פלעג אָפט אװעקגײן אפ גײעג, און אָן איר האָט מען געקענט א שטיפ טון.

די קעצלעך האָבן געכאפט באבעלעך און פרעש, זיך געשפילט אײנער מיטן צװײטן, און אז זײ פלעגן מיד װערן, פלעגן זײ זיך צונױפקלײַבן צוזאמען און אנדרימלט װערן.

אינגיכן האָט די קעצלעך דערעסן דער מאמעס מילך. ס׳האָט זיך זײ געגלוסט עפעס אנדערש. זײ האָבן אלײן ניט געװוּסט, — װאָס זײ װילן, נאָר די מוטער האָט יאָ געװוּסט.

זי האָט זײ געבראכט א פארװוּנדעט פײגעלע.

כאוס האָט דערזען דאָס פײגעלע און האָט זיך א װאָרף געטאָן צו דעם. דאָס פײגעלע האָט גענומען שפרינגען איבערן טשערעט — ס׳זײַנען בא דעם בײדע פליגעלעך געװען איבערגעבראָכן. כאוס האָט געפרוּװט עס אָניאָגן, נאָר דאָס פײגעלע איז אזױ פלינק געשפרונגען, אז ער האָט זיך שטארק אײַנגעמידט, און דאָס פײגעלע האָט ער דאָך ניט געקענט פאקן.

ער האָט עס ענדלעך אָנגעיאָגט, נאָר דאָס פײגעלע איז אונטערגעשפרונגען און האָט אים א פּיק געטאָן גלײַך אין דער נאָז ארײַן. כאוס האָט א פירכקע געגעבן, גענומען ניסן און ביאװוקען. ער האָט זיך א צי געטאָן צוריק פונעם פײגעלע. דאָס פײגעלע איז געלעגן אפ א זײַט און

אלע מאָל געעפנט דאָס פּיסקל. כּאוס האָט זיך דערשראָקן, טאָמער וועט עס אים ווידער א פּיק טון, און איז אַנטלאָפן.

צום פייגעלע איז צוגעקומען כּאוסעס ברודער. ער האָט עס א קלאַפּ געטאָן מיט דער לאַפּע, א שלײַדער געגעבן, און דערנאָך זיך גענומען צום עסן.

כּאוס האָט דערזען, ווי דער ברודער עסט דאָס פייגעלע. ער איז צוגעקומען צו אים, נאָר יענער האָט אזוי בייז גענומען מורקען, אז כּאוס האָט ניט געוואגט א בעט טון — „לאָמיר זיך טיילן". דערפאַר אָבער איז ער געווירע געוואָרן, אז פאר פייגעלעך איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. דאָס צווייטע פייגעלע האָט ער שוין געכאפּט און אויפגעגעסן אסאַך גיכער פונעם ברודער.

ס'איז פאַריבער א האלב יאָר. כּאוס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. די האָר זײַנען געוואָרן גלײַכע און געדיכטע, גרוי־געלע. א ווײַדל האָט ער א קורצן און ער האלט אים אָפּט אויסגעשטאָרצט אַרוף, ער האָט א גראָבן פּיסק, און זײַנע אויגן זײַנען שוין ניט קיין קינדערשע. בייזע אויגן האָט כּאוס, אזויווי עס פּאסט פאר א טשערעטענעם קאָטער.

כּאוס איז אוועק פון דער מוטער, אוועק פון די ברידער און שוועסטער. און עפּשער איז ניט ער פון זיי אוועק, נאָר זיי פון אים? ווער קען דאָ דערגיין א טאָלק! געלעבט אלע אינאיינעם, און ווי זיי זײַנען אונטערגעוואָקסן, האָט עס זיי פאַרטראָגן יעדערן אין אן אנדער ווינקל, איבער די טשערעטן, איבער די קוסטן. געבליבן אלע באַם זעלבן טײַכל, און זיך קיינמאָל צוזאמען ניט געטראָפן. און ווען זיי פלעגן זיך יאָ אַמאָל טרעפן באַנאַכט אפן געיעג, איז קיין גוטס דערפון ניט ארויסגעקומען — געריסן שטיקער אײנעם פונעם צווייטן.

כּאוס האָט גענומען לעבן איינער אליין.

די ערשטע צײַט איז אים געווען שווער: נאָך א שוואַכער יעגער געווען.

כּאוס האָט דערזען א העזל אין די קוסטן, א שפרונג געטאָן און עס געפּאַקט. נאָך גאָר א קליין העזל געווען — ווי קומט צו דעם זיך אויסדרייען פון א קאָטער?

כּאוס האָט אויפגעגעסן דאָס העזל, און עס ווילט זיך אים נאָך. איז ער אוועק איבערן טשערעט. הערט ער — עס שורכעט עפּעס. האָט ער זיך אוועקגעלייגט אפן בויך, צוגעקראָכן און זיך באַהאַלטן אין קוסט.

כּאוס קוקט ארויס פונעם קוסט, און אפן דער לאָנקע איז א גרויסער פויגל ארויסגעלאָפן. אזא שיינער פויגל — מיט א לאַנגן עק, וואָס שלעפּט זיך נאָך איבער דער ערד, און אלײן פינקלט ער אזוי אפן דער זון.

כאוס פארטײַעט זיך אינ קוסט, שאָקלט נאָר מיט די וואָנצעלעך. אונ דער פויגל — דאָס איז געווענ א פאזאנ — שפאצירט זיך איבער דער לאָנקע, פיקט עפּעס. כאוס קענ ניט אויסהאלטנ, אזוי ווילט זיך אימ א שפרונג טונ! נאָר צומ פויגל איז ווײַט. כאוס האלט זיך קוימ אײַנ אונ ווארט, ביז דער פאזאנ וועט צוקומענ צו אימ נעענטער.

דער פאזאנ איז צוגעקומענ צומ קוסט. כאוס האָט א שפרונג געטאָנ.

פ ר ר ר ר ר ר!.. דער פאזאנ איז אוועקגעפלויגנ, אונ בא כאוסנ אינ די צײנ איז נאָר א לאנגער פעדער געבליבנ פונעמ פאזאנס עק.

כאוס האָט פארפעלט, א כאפּ געטאָנ דעמ פאזאנ ניט פאר דעמ אָרט וואָס מע דארפ. געדארפט געווענ פארנ האלדז אָנכאפּנ, אונ ער האָט גאָר געטראָפנ צומ עק.

כאוס האָט נאָכגעקוקט נאָכנ פאזאנ, ארויסגעלאָזט דעמ פעדער פונ מויל. אונ דאָס ווינטל האָט אימ אונטערגעכאפּט, גענומענ דרײענ איבערנ גראָז. כאוס האָט ניט אויסגעהאלטנ — א שפרונג געטאָנ נאָכנ פעדער.

אזוי האָט ער זיך געשפּילט מיטנ פעדער, אינעמ הונגער אפילע פארגעסנ. ער איז דאָך נאָך גאָר א יונגינקער געווענ, אפילע נאָכ־קײנ קאָטער ניט, נאָר אזוי זיך — האלב־קאָטער אונ האלב־קעצל.

II

ווי ס׳איז נאָר פינצטער געוואָרנ, איז כאוס ארויס אפנ געיעג. ארויסגעקראָכנ פונעמ געדיכטנ וואלד, ווו ער איז געשלאָפנ באטאָג, אונ ־איז אוועק אינעמ טשערעט.

ער איז געגאנגענ שטיל אונ פאָרזיכטיק. זײַנע גרינע אויגנ האָבנ זיך אײַנגעקוקט אינעמ טשערעט, די וואָנצעלעך האָבנ אלע מאָל אופגעציטערט. דער ווײדל האָט קימאט אינגאנצנ געשטאָרצט ארופ, ווי א פענדל. דאָס איז געווענ א מינ סיגנאל. „איך בינ אפנ געיעג“, — האָט כאוס מיטנ ווײדל געלאָזט וויסנ.

אינעמ טשערעט האָט זיך אָט דאָ, אונ אָט דאָרט א שאָרך געהערט. כאוס האָט זיך צוגעהערט אונ איז געגאנגענ ווײַטער. דאָס האָבנ געשאָרכעט קלײנע פײגעלעך אונ כײַעלעך. כאוסנ איז די דאָזיקע רויב ניט געווענ צומ הארצנ. ער איז געווענ שטארק הונגעריק, נאָר פונדעסטוועגנ האָט ער זיך אוועקגעלאָזט זוכנ, טאָמער וועט זיך אימ פאקנ עפּעס א גרעסערע זאך.

פונדערווײַטנס האָט זיך דערהערט א שאָרך, א טופּערײַ. עמעצער האָט א לײַכטנ קויטש געטאָנ, עמעצער האָט א כריוקע געגעבנ.

כאוס האָט זיך אָנגעשפּיצט, צו דער ערד צוגעפאַלן, פאַרשטאַרבן גע־וואָרן.

ווילדע כאַזירים זײַנען זייער געפּערלעכע שכינים. נאָר כאַוס איז געווען הונגעריק, און אין דער סטאַדע זײַנען אויך געווען קליינע כאַזערלעך. די דאָזיקע רויב איז פאַר כאַוסן ווי אָנגעמאָסטן.

כאַוס איז געלעגן און געדולדיק געוואַרט. זײַנע אויגן האָבן געבערענט. דער ווינדל האָט קוים־קוים געציטערט: די כאַזירים זײַנען צוגעקומען אַלץ נעענטער און נעענטער.

אָט שטייט לעבן אים אַ כאַזער. כאַוס זעט, ווי עס ציטערן שאָטנס אַיִנעם טשערעפּ. ער הערט, ווי עס אָטעמען די גרויסע כאַזירים, ווי עס טופּטשען די כאַזערלעך, ווי זיי שטופּן איינער דעם צווייטן.

אָט איז לעבן אים אַ כאַזערל.

כאַוס האָט אַ שפּרונג געטאָן.

— אי־הי־הי־הי־אי־אי־אי־אי...— האָט זיך דאָס כאַזערל צעקוויטשעט.

כאַוס האָט שנעל אַ ביס געטאָן דאָס כאַזערל אין האַלדז, עס געכאַפּט און אוועקגעשפּרונגען מיט דעם אין די קוסטן אַרײַן. דער כאַזער האָט זיך צעכריוקעט מיט ווילדע קוילעס, אויסגעשטשירעט די שרעקלעכע בײַסציינער און זיך געלאָזט יאָגן נאָך כאַוסן.

כאַוס איז איבערגעשפּרונגען איבער אַ קוסט, איבער אַ צווייטן, אַ דריטן. דאָס כאַזערל שטערט אים שטאַרק. דער גרויסער כאַזער שטייט ניט אָפּ פון אים; ער איז ניט געשפּרונגען, נאָר געשפּאַרט זיך דורך די קוסטן מיט אַזאַ קראַפט און שנעלקייט, אַז ער האָט אָנגעיאָגט דעם שפּרינגענדיקן קאָטער.

אָט האָט כאַוס אַ שפּרונג געטאָן נאָך איבער אַ קוסט, און דער כאַזער, לאָזט זיך אויס, שטייט שוין דאָרט אונטער דעם זעלבן קוסט.

דער כאַזער האָט זיך צעכריוקעט און אַזאַ קלאַפּ געטאָן כאַוסן, אַז ער האָט אַזש אַ פלי געגעבן אינדערהייך. כאַוס איז אַנידערגעפאַלן אויף איין זײַט קוסט, דאָס כאַזערל — אויף דער צווייטער זײַט.

כאַוס האָט זיך ניט געשטעלט שלאָגן — ער איז אַנטלאָפן מיט ביי־זוויען.

דער כאַזער האָט לאַנג זיך געטופּטשעט לעבן קוסט — געזוכט דעם סוינע. דערנאָך האָט ער אַ כריוקע געטאָן און איז אוועק צו דער סטאַדע.

כאַוס האָט זיך באַהאַלטן ניט ווײַט אין די קוסטן. פון דער זײַט, וואָס די כאַזערשע ריִסציין האָבן צעריסן, איז בלוט גערונען. כאַוס האָט צו־געלעקט די ווונד און בייז געמורטשעט. אַז ער איז אַביסל געקומען צו

זיך, איז ער אויפגעשטאַנען און זיך גענומען אײַנהערן. ס׳איז געווען שאַשטיל. דאַן האָט ער זיך פּאַמעלעך אוועקגעלאָזט צוריק צום קוסט.

ער האָט זיך שטיל געגאַנוועט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן פּאַנגענען א לעבעדיקע זאַך. געקראָכן אויפן בויך, זיך אײַנגעהערט און צוגעקוקט, געשמעקט די לופט. ער האָט ווײַער געציטערט פאַרן כאַזער.

דאָס כאַזערל איז געלעגן אויפן פריִערדיקן אָרט. כאַוס האָט עס א כאַפּ געטאָן און אוועקגעשלעפּט דורך די קוסטן.

ס׳האָט אים שטאַרק וויי געטאָן די זײַט. דערפאַר אָבער האָט כאַוס געהאַט איצט אזא מאָלצײַט, אז ער האָט אים קוים געקענט בײַקומען. ס׳האָט געסטײַעט ניט נאָר פאַר כאַוסן — א טוץ שאַקאַלן האָבן דערנאָך זיך געהאַרגעט פאַרן כאַזערלס ביינער.

אײנמאָל האָט כאַוס בעשאַס די באַנאַכטיקע שפּאַצירן פאַרבלאָנדזשעט ווײַטער פון די געוויינלעכע ערטער זײַנע. ער איז אַרויס פונעם טשערעט, איבערגעלאָפן א גרויסן ליידיקן פלאַץ און זיך אָנגעשטויסן אָן א פּאַרקן. געפונען א לאָך און איז אַרײַן אין א סאָד.

אין סאָד אויף די ביימער זײַנען הינער געשלאָפן. כאַוס האָט דערשמעקט, אז מע קען דאָ עפּעס כאַפּן. ער האָט נאָר נאָך ניט געוווּסט, ווי אַזוי זאָל ער זיך קערן.

— קאָ־קאָ־קאָ... — האָט א הון פונעם שלאָף זיך צעקוואָקעט.

כאַוס האָט זיך אָנגעשפּיצט.

די הון איז געזעסן אויף א צווײַגל, ניט ווײַער הויך איבער דער ערד. כאַוס האָט זיך צוגעקוקט און דערזען א טונקעלע קופּקע פעדערן.

דער קאָטער האָט א שפּרונג געטאָן.

— קאָ־קאָקכככככ... — דער געשריי פון דער הון האָט זיך איבערגעריסן. כאַוס האָט איר איבערגעהריזעט דעם האַלדז.

אין סאָד איז געוואָרן א טומל. די הינער האָבן געקוואָקעט, פאַרשלאָפענערהייט זיך אַראָפּגעוואַלגערט פון די ביימער, געפּלאָנטעט זיך אינעם געדיכטן גראָז. דער האָן האָט זיך צעגוואַלדעוועט. די הינט האָבן אָנגעהויבן בילן.

כאַוס האָט שנעל א גליטש געטאָן זיך אין גראָז, אוועק פונעם סאָד און זיך פאַרקליבן אין די קוסטן. ס׳איז אים נאָך קיינמאָל אַזוי גרינג ניט אָנגעקומען די וועטשערע — איין שפּרונג נאָר.

פון אָט דער נאַכט אָן האָט כאַוס אָנגעהויבן גיין אין סאָד אַרײַן אויף געיעג.

אַלעמאָל איז אים אָנגעקומען א הון אויף וועטשערע. אין סאָד איז

וואָס אמאָל ווײניקער הינער געוואָרנ. דערנאָכ האָבנ זײ פלוצלינג ניט געסטײַעט.

כאוס האָט ניט געקאָנט פארשטײנ, ווּהינ זײַנענ עס אהינגעקומענ די הינער. אינ טשערעט זײַנענ קעסײדער פאראנ פאזאנעס, אונ דאָ...

ער האָט גענומענ בלאָנקענ איבערנ סאָד. איצט האָט ער געזוכט די היבער פונקט אזוי, ווי ער פלעג טונ אינ טשערעט מיט די האָזנ אונ פאזאנעס.

אונ ער האָט די הינער געפונענ טאקע. אָבער שוינ ניט אינ סאָד, אונ ניט אפ די בײמער, נאָר אינ א שטאלכל דאָ ניט ווײַט. דאָס שטאלכל איז געווענ ניט קײנ פארשפארטס, ס'איז נאָר געווענ צוגעמאכט די טיר. כאוס האָט זי א שטופ געטאָנ אונ איז ארײַנ אינ שטאל.

דאָ איז שוינ געווענ אײנמאָל א געיעג! די שטאל איז פול געוואָרנ מיט געשרײענ אונ מיט פעדערנ. די הינער זײַנענ געפלויגנ איבער דער שטאל, געפאלנ אפנ פאָל, ווידער אופגעפלויגנ. זײ האָבנ אזוי געשריענ, אז כאוס איז אנטלאָפנ אונ איבערגעלאָזט פאר שרעק די הונ זײַנע.

די דאָזיקע נאכט איז ער געבליבנ אָנ וועטשערע. נאָר אפ מאָרגנ איז ער ווידער געקומענ אינ שטאל ארײַנ, אונ דאָס מאָל האָט ער שוינ ניט געגענעצט. געכאפט א הונ אונ זיכ געלאָזט לויפנ.

אורטשענדיק, האָט ער געגעסנ די הונ אינ די קוסטנ. אונ פונדערווײַטנס האָבנ זיכ געהערט גוואלדנ אונ געשרײענ, — אינ שטאל איז ווידער געווענ א טומל.

III

— פאראנ דאָ בא אײַכ קאָטערס אינ די קוסטנ? — האָט געפרעגט אנ אָנגעפאָרענער יעגער פונ צאָפנ. — גרויסע געלע קאָטערס?

פאראנ, — האָט מענ אימ געענטפערט, — אלע הינער האָבנ זײ בא אונדז דערשטיקט.

דער יעגער האָט זיכ זײער דערפרײט, אז ער האָט דאָס דערהערט. די דערשטיקטע הינער זײַנענ אימ ווײניק־וואָס אָנגעגאנגענ.

דער אָנגעפאָרענער יעגער פלעג פאנגענ כײַעס פארנ זאָאָלאָגישנ גאָרטנ. ער האָט געדארפט האָבנ עטלעכע ווילדע קאָטערס, אונ צוליב דעמ טאקע איז ער געקומענ אהער. געבראכט האָט ער מיט זיכ אָנ א שיר פארשײדענע נעצנ, פאסטקעס אונ אנדערע פאנג־מאכשירימ.

די אלע זאכנ זײַנענ געווענ צוגעגרײט פאר כאוסנ. כאוס האָט גאָרניט געוווּסט דערפונ אונ האָט אומגעבלאָנקעט איבערנ טשערעט אונ ווילדנ וואלד־געוויקס, געזוכט פאזאנעס, אונ באטאָג זיכ געוואָרעמט

אפ דער זון, אלע מאָל זיך געקערעוועט מיטן בײַכל צו דער זון. א געשמאק קײַלעכיק בײַכל מיט אזויפיל געשמאקע עסעכצן!

כאוס האָט זיך ניט גריכט אפ קיין ביין. און דאָס ביין שטייט אים שויך הינטער די פלייצעס.

— מירן אים כאפן מיט א נעץ, — האָט דער יעגער געזאָגט צו זײַנע געהילפן.

פון איין זײַט קוסטן האָט מען אָנגעצויגן א נעץ, און פון דער צווייטער זײַט זײַנען די יעגער ארײַנגעקומען.

כאוס האָט זיך געצערטלט אפ דער זון נאָך א געלונגענעם געפאנג. פלוצלינג האָט ער אָנגעשטעלט די אויערן.

א רויש...

כאוס האָט אויפגעמאכט איין אויג. אין דער זעלבער צײַט האָט ערגעץ א שאָס געטאָן. דאן האָט ער ביידע אויגן אויפגעעפנט און איז אויפגעשפרונגען

דער רויש איז צוגעקומען נעענטער.

כאוס האָט א שפרונג געטאָן אין וואלד ארײַן און איז אוועק פונעם גערויש. ער איז געגאנגען פאמעלעך, זיך אלעמאָל אָפגעשטעלט און זיך. אײַנגעהערט, געפאטשט מיטן קורצן ווידל איבערן טשערעט. כאוס איז שטארק בארויגעז געווען, — מע לאָזט אים זיך ניט ווארעמען.

אינעם טשערעט האָט אָנגעהויבן עפעס טרישטשען, — עמעצער איז צוגעקומען גאָר נאָענט. כאוס איז אָפגעשפרונגען אין א זײַט.

— בוך־בר־בוך!... בא־בא־בא־אך!...

ס'האָט א שאָס געטאָן קימאט איבער כאוסעס אויער. כאוס האָט זיך געלאָזט לויפן אָן אן אָטעם.

ער איז געלאָפן, ווי א פארסאמטער, אלץ פאָרויס און פאָרויס, ניט זעענדיק, וואָס עס טוט זיך אונטער די פיס.

— הא־הא־הא־הא!.. אָ־אָ־אָ־אָ־אָ!... — האָט זיך געלאָזט הערן א קאָל פונהינטן.

פונפאָרנט האָט א בלענד געטאָן שײַן. דער טשערעט האָט זיך אויסגעלאָזט.

אין א געוויינלעכער צײַט וואָלט כאוס אזוי ניט ארויסגעשפרונגען מיטאמאָל פונעם טשערעט. ער פלעג זיך פאַרטײַען אין די קוסטן און זיך צוהערן, צי ס'איז ניטאָ עמעצער פונפאָרנט. איצט איז אים דאָס ניט געלעגן אין זינען. ער האָט געהאט א פרווו געטאָן אײַנהאלטן זיך אביסל פון דער האסטיקער יאָגעניש, נאָר הינטן האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן קוילעס, און כאוס האָט א שפרונג געגעבן פאָרויס, ניט קוקנדיק איבערגעץ.

און דאָ האָט אים באַלד א פּעסטע נעצ אײַנגעפּלאָנטעט.

כאוס האָט ניט געקענט פאַרשטײַנ, װאָס האָט זיכ מיט אים אזױנס געטראָפנ. װער האלט עס אים און לאָזט אים ניט אָפּ? ער האָט אָנגעהױבנ מורטשענ, די אױגנ האָבנ בײַז א בלישטשע געטאָנ. די פּעסטע נעגל מיט די צײנ האָבנ א ריס געטאָנ די נעצ.

כאוס האָט זיכ פאַרדרײט אינ דער נעצ, געריסנ זי מיט די צײנ און מיט די נעגל.

נאָר די נעצ האָט זיכ נאָכ פעסטער ארומגעװיקלט ארום אים.

אינ א פּאָר מינוט ארום האָט כאוס זיכ שױנ ניט געקענט קײנ דרײ טונ, געלעגנ שטילינקערהײט, װי א געװיקלט קינד.

פונ דער נעצ האָט מענ כאוסנ ארױסגעטרײסלט גלײַכ אינ שטײַג ארײַנ. ער האָט גאָרניט באמערקט, װיאזױ איז עס אלצ פאָרגעקומענ. זײער א פלינקער יעגער געװענ.

פלוצלינג — כאוס איז אפ דער פרײַ. ער האָט א שפרונג געגעבנ און זיכ א זעצ געטאָנ אָנ די הילצערנע שטעקלעכ פונ דער שטײַג.

דאָ האָט שױנ כאוס ארױסגעװיזנ, װער ער איז. געשפּרונגענ, װי א װילדער! געניאװקעט און געמורטשעט. געביסנ און געדראַפּעט די שטײַג. געשפּרונגענ אפ די װענט און אפ דער סטעליע. זיכ געקײַקלט איבערנ פּאָל. װאָס האָט ער נאָר ניט איבערגעטאָנ! אפילע זיכ איבערגעקוליעט מיטנ קאָפּ אראָפּ.

די שטײַג איז געװענ א פעסטע. און װיפל כאוס האָט ניט געװילדעװעט, האָט ער זי ניט געקענט צעברעכנ.

— דעקט אים צו, — האָט דער יעגער געזאָגט.

און פלוצלינג איז פינצטער געװאָרנ. מע האָט צוגעדעקט די שטײַג מיט א ברעזענט.

IV

טוק־טוק־טוק... טוק־טוק־טוק...

א קלאפּערײַ, א טראכקעניש מיט א הוידעניש, די שטײַג מיט כאוסנ טרײסלט זיכ. כאוס טרײסלט זיכ אויכ.

אינ װאגאָנ איז פינצטער. נאָר כאוס האָט שארפע אױגנ — זײ זעענ אפילע אינ דער פינצטער: ניט װײַט פונ אים שטײט א שטײַג, אינ שטײַג שטײט נאָכ א טשערעטענער קאָטער.

— אורררררר... — האָט כאוס אפ אים געגומענ אורטשענ.

— אורררררר, — האָט דער קאָטער אָפּגעענטפערט און פאנאנדערגעלאָזט די װאָנצעס.

נאָר שלאָגן קען מען זיך ניט — די שטײַג לאָזט ניט.

אין וואָגאָן איז א מענטש אַרײַנגעקומען. כאוס האָט זיך א הייב געטאָן, צעשפּרייט די וואָנצעס, די האָר אופגעשטעלט.

— אורררר...

— נאָ, נאָ, צעלאָז זיך ניט אזוי! — האָט דער מענטש געזאָגט און א שטופּ געטאָן אין שטײַג אַרײַן א שטיק פלייש.

אז דער מענטש איז ארויסגעגאנגען, האָט כאוס אופגעגעסן דאָס פלייש. געניש־טערט איבער דער שטײַג, געזוכט — טאָמער איז דאָ נאָך.

אסאך טעג האָט כאוס געהוידעט און געטרייסלט, און דערנאָך האָט אופגעהערט. א גאנצע נאכט איז שטיל געווען — דער צוג איז געשטאנען.

אינדערפרי האָט זיך אופגעהויבן א ראַש, א געפּילדער, א לויפעניש. מע האָט ארויסגעשלעפּט די שטײַג מיט כאוסן פונעם וואָגאָן. כאוס האָט געפירכקעט און געציִשעט, געוואָלט אפילע זיך בײַסן. נאָר וועמען זאָל ער בײַסן, אז ארום און ארום איז הוילע שטעקלעך.

ווידער פינצטער, ווידער טרייסלט. דערנאָך איז צוריק שטיל געוואָרן. כאוס עפנט אוף די אויגן — ס'איז ליכטיק.

מע האָט געעפנט די שטײַג. כאוס האָט זיך דערשראָקן. זיך פארוקט אין א ווינקל און ניט געוואָלט ארויסקריכן.

— נאָ, קריך ארויס! — און מע האָט אים אונטערגעשטופּט מיט א שטעקל.

כאוס בײַזערט זיך, טוט א שפּאַן און... זע, ס'איז דאָך פרײַ, א מעכײַע. טוט א שפּרונג איין מאָל, און נאָך א מאָל, און שטויסט זיך ווידער אָן אף שטעקלעך. נאָר איצט זײַנען שוין דאָס געווען אײַזערנע גראַטעס...

כאוס האָט מער ניט געווילדעוועט. ער האָט זיך ארומגעקוקט, דערזען א קופּע שטרוי און זיך פארוקט אהינצו.

— הענגט אויס א שילד!

— טוק־טוק־טוק!

מע האָט צוגעקלאַפּט מיט א העמערל א שילד. אפן שילד איז געווען אָנגעשריבן:

„טשערעטענער קאָטער. געפאנגען אין אוזערבײַדזשאַן".

V

אָוונט. כאוס איז ארויסגעקראָכן פון אונטער דער שטרוי און גענומען אומבלאָנקען איבער דער שטײַג. געשטופּט דעם קאָפּ צווישן די גראַטעס, געקלעטערט ארוף, דערקליבן זיך ביז צו דער סטעליע, נאָר אומעטום זײַנען געווען די גראַטעס.

כאוס האָט זיך אַלץ ניט באַרויִקט. געקראָכן און געקלעטערט, געשטופּט דעם קאָפּ אין אַלע לעכער. שמאָלע לעכער געווען, און דער קאָפּ קען ניט דורכקריכן.

און פּלוצלינג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איין לאָך איז געווען אַביסל ברייטער פון די איבעריקע. דער קאָפּ האָט זיך ביזן האַלדז דורכגעשטופּט.

— אוררררר...— האָט כאוס געמורטשעט און אַ שטופּ געטאָן דעם קאָפּ ווײַטער אַביסל.

און באַלד האָט ער אַ גיאַווקע געטאָן — די גראַטעס האָבן אים שטאַרק צונויפגעקוועטשט דעם קאָפּ.

כאוס האָט אַ ריס געגעבן דעם קאָפּ און לאַנג אים געטרייסלט. דער אויער איז געווען צעריסן. דערנאָך האָט זיך אים אַלץ אויסגעוויזן, אַז די גראַטעס קוועטשן אים נאָך דעם קאָפּ.

און דאָך איז ער ווידער צוגעקומען צום זעלבן אָרט און ווידער דורכגעשטופּט דעם קאָפּ אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

אָט האָט זיך דער קאָפּ שוין דורכגעגליטשט צווישן די גראַטעס.

דער בייגעוודיקער קערפּער איז געבליבן הענגען אינדערלופטן. כאוס האָט זיך געהאַלטן איצט נאָר פאַר די הינטערשטע פיס. דערנאָך האָט ער זיך דורכגעגליטשט ווײַטער אַביסל, זיך אַראָפּגעהאַנגען אַראָפּ, אַראָפּגעלאָזט די פיס און ווייך אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד.

ער איז פרײַ!

כאוס שפּרינגט דערוויַל ניט. ער האָט פאַרזיכטיק איין מאָל אַ שפּאַן געטאָן, נאָך אַ מאָל, אַ דריט מאָל — ניטאָ קיין גראַטעס.

דאַן איז ער מיט עטלעכע שנעלע שפּרונג אַפּגעלאָפן פון דער שטײַג און האָט זיך אומגעקוקט.

פינצטער. ס'זעען זיך קוים־קוים די ביימער און די טונקעלע סילועטן פון די שטײַגן.

פונוויַטן הערן זיך געשרייען פון עפּעס אַ כײַעלע.

כאוס איז אַוועק איבערן פּאַרק...

לעבן סאַמע ברעג אויף דער סאַזשלקע האָבן געדרימלט קאַטשקעס, הוידענדיק זיך פּאַמעלעך אויף דער וואַסער. אויפן ברעג זײַנען וואַכזאַם געשלאָפן די גענדז מיט איין פוס אונטער זיך.

כאוס האָט דערהערט אַ פאַרשלעפערט קראַקען. ער איז אַוועק פאַרויס און זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גראַטע־ווענטל. דאָס ווענטל איז געווען ניט זייער קיין הויכס, און ער איז לײַכט איבער דעם אַריבערגעשפּרונגען.

כאוס האָט זיך דערפילט גאָר ווי בא זיך אינדערהיים. און ווי ער פלעג

דאָרטנ זיכ אונטערגאנוועגנ צו די קוסטנ פֿונ הינטערנ טשערעט, אַזוי האָט ער דאָ אויכ גענומענ זיכ גאנוועגנ, נאָר דאָ האָט ער זיכ באַהאַלטנ ניט אינ טשערעט, נאָר אונטער א שיפּל, וואָס איז געשטאַנענ אַפֿנ ברעג פֿונ דער סאַזשאַלקע.

— גאַ־גאַ־גאַ! — האָט זיכ אַפֿ דער סאַזשאַלקע אופֿגעהויבנ א געפֿילדער. ס'האָבנ געשריִענ די קאַטשקעס אונ די גענדז. פֿעדערנ זײַנענ געפֿלויגנ איבערנ וואַסער.

כאוס האָט א כאַפּ געטאָנ א גרויסע פֿעטע קאַטשקע.

ער איז צוגעקומענ צומ וועגטל, ווי ניט איז איבערגעקראָכנ איבער דעמ אונ איז אוועק מיט דער סטעזשקע.

קײנ נאָרע האָט כאוס ניט געהאַט. נאָר דאָס האָט אימ ווייניק געאַרט. ער איז צוגעלאָפֿנ צו עפּעס א געבײַדע. אופֿגעזוכט א לאָכ אונ איז דורכגעקראָכנ דורכ איר. כאוס האָט אָנגעטראָפֿנ אַפֿ א גוט אָרט. נאָר וואָס איז דאָס פֿאַר אַנ אָרט, האָט ער ניט געוווּסט.

ער האָט אופֿגעגעסנ די קאַטשקע אונ איז געשמאַק אַנשלאָפֿנ געוואָרנ.

דעמ צווייטנ טאָג איז כאוס ווידער אַרויס אַפֿנ געיעג. ער איז אוועק מיט דער באַקאַנטער סטעזשקע אונ איז צוגעקומענ צומ ברעג. איצט האָט ער זיכ צוגעקליבנ צו א גאַנדז אונ די פֿאַרשלעפּט „אַהײמ".

ערשט אַפֿנ דריטנ טאָג האָט דער וועכטער באַמערקט, אַז דער קאָטער איז ניטאָ אינ שטאַלג.

— דער טשערעטענער קאָטער איז אַוועק, — האָט ער פֿאַרלוירנ געזאָגט דעמ פֿאַרוואַלטער. — דורכגעקראָכנ, ווײַזט אויס, צווישנ די גראַטעס...

— געפֿונענ א וועג! ניט קײנ פֿעפֿער, זעט אויס! — האָט דער פֿאַרוואַלטער געשמייכלט.

דער וועכטער האָט געשווויגנ, געפֿילט זיכ שולדיק. ער האָט ניט געוווּסט פֿינקטלעכ, ווענ איז כאוס אַנטלאָפֿנ: הײַנט באַנאַכט, נעכטנ, צי אייערנעכטנ. נאָר וועגנ דעמ, געוויינטלעכ, האָט ער קײנ וואָרט ניט דערמאָנט.

— זע־זשע נאָר איצט, זײַ ניט קײנ פֿאַרשלאָפֿענער, — האָט דער פֿאַרוואַלטער געזאָגט. באַנאַכט וועט ער אַרויס אינ גאָרטנ, דאַרפֿ מענ אימ דאָרט אונטערוואַרטנ. טו נאָר א קוק, צי האָט ער זיכ ניט באַהאַלטנ ערגעצ אונטער־די שטאַלנ.

מע האָט זיכ גענומענ זוכנ כאוסנ. אומעטומ אַרומגעקוקט הינטער די שטאַלנ, אינ די שטאַלנ אונ אינ די קאַמערנ, אַרומגעזוכט אַלע לעכער: דער קאָטער איז ניט געווענ אינערגעצ.

אונ אַפֿנ צווייטנ טאָג האָבנ ווידער די קאַטשקעס געפֿילדערט, איבער דער סטעזשקע זײַנענ ווידער פֿעדערנ געפֿלויגנ.

כאוסנ האָט זיכ געלעבּט גאָר ניט שלעכט. ער איז געווענ זאט: דער פאנג איז געווענ זייער א גרינגער אונ א גליקלעכער. ס'איז אים אויכ זייער רויִק אונ גוט געווענ צו שלאָפנ.

— דער קאָטער שלעפּט די קאטשקעס, — האָט דער פארוואלטער געזאָגט צום וועכטער. ער האָט בּאמערקט, אז ס'האָבּנ אָנגעהויבּנ אויספעלנ אסאכ קאטשקעס. — מע מוז דערצו מאכנ אנ ענדע. שפּיר נאָר גוט בּא דער סאזשלקע!

דער וועכטער איז אָפּגעזעסנ א גאנצע נאכט אונ גאָרניט ניט בּאמערקט. כאוס איז ניט ארויס אפנ געיעג, — ער האָט אופגעגעסנ אזא פעטע גאנדז, אז ער איז זאט געווענ צוויי טעג נאָכאנאנד.

VI

דער פארוואלטער איז א גאנצע נאכט אָפּגעזעסנ אינ גאָרטנ.

— איצטער ווייס איכ שוינ, ווו ער בּאהאלט זיכ אויס. ער ליגט אונטער דער וועראנדע, וואָס פארנ אָרקעסטער.

מע האָט געזוכט אונטער דער וועראנדע, ארומגעטאַפּט דעמ בּוידעמ איבּער דער וועראנדע: דער קאָטער איז דאָרט אינערגעצ ניט געווענ.

— אונ איכ זאָג איַכ, אז ער איז פאָרט דאָרטנ, — האָט זיכ דער פארוואלטער געאַקשנט אונ איז אַלײנ ארונטערגעקראָכנ אונטער דער וועראנדע.

דעמ קאָטער האָט ער דאָרטנ ניט געפונענ, אונ דאָכ איז ער געבּליבּנ בּא זײַנעמ. ער איז נאָכ א נאכט אָפּגעזעסנ בּא דער סאזשלקע. אונ ער האָט דערזענ כאוסנ, דערזענ דעמ קאָטער, ווי ער האָט געפּאקט א קאטשקע אונ זי פארשלעפּט אונטער דער וועראנדע.

דער פארוואלטער האָט זיכ גענומענ פאר כאוסנ. צוערשט האָט ער געהייסנ פארשלאָגנ אלע לעכער אונטער דער וועראנדע. כאוס האָט אופּגעזוכט א נײַעמ ארויסגאנג. נאָר ער האָט זיכ געמוזט איבּערקלײַבּנ אפנ בּוידעמ. דאָס האָט אימ ניט געארט — אפנ בּוידעמ איז אימ אויכ געווענ גוט אונ רויִק.

בּאטאָג איז דער פארוואלטער ארופגעקראָכנ אפנ בּוידעמ אונ ארומגעזוכט אלע ווינקעלעכ. ער האָט דאָרט געפונענ פוכ, פעדערנ אונ ארומגעהריזעטע בּײנער.

איבּערנ בּוידעמ האָט מענ אויסגעשאָטנ זאמד. אפנ זאמד האָבּנ בּאדאַרפט בּלײַבּנ שפּורנ פונעמ קאָטער. לויט די שפּורנ האָט דער פארוואלטער געוואָלט דערגיינ, ווו דער קאָטער בּאהאלט זיכ אויס אינ פארלויפ פונעמ טאָג.

דעם צווייטן טאָג האָט כאוס אליין באַוויזן דעם וועג צו זײַן וווינונג — אפֿן זאמד האָבן זיך דײַטלעך אָפּגעשטעמפּלט די שפּורן פֿונעם קאָטער. זיי האָבן געפֿירט צו אײנער א לאָך אין די ברעטער פֿונעם בוידעם.

— געפּאקט! איצטער דרייסטו זיך שוין ניט ארויס פֿון אונדזערע הענט.

מע האָט פֿארשלאָגן אלע לעכער אפֿן בוידעם. אזוי פֿארשלאָגן, אז כאוס האָט איבערגעצן ניט געקענט ארויס פֿון דאָרטן. א גאנצע נאכט איז דער קאָטער ארומגעקראָכן, געזוכט ערגעץ א שפּארונע, און גאָרניט ניט געפֿונען. ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן א הונגעריקער.

כאוס האָט נאָך א נאכט אָפּגעהונגערט—קיין ארויסגאנג איז אלץ ניטאָ.

די דריטע נאכט האָט כאוס געפֿונען אן ארויסגאנג. ער איז ארויסגעקראָכן און זיך געפּאקט אין נעץ ארײַן.

דער פֿארוואלטער האָט כאוסן איבערגעקליגט.

— אנו, קריך נאָר ווידער אין שטײַג ארײַן!

איצט איז דאָס שוין געווען אן אנדער שטײַג. וויפֿל כאוס האָט זיך ניט געפּרוווט, האָט ער קיין ארויסגאנג ניט געקענט געפֿינען. און אזוי איז ער שוין געבליבן זיצן אין שטײַג. ער זיצט נאָך איצט אויך דאָרט. אפֿ דער שטײַג הענגט א שילד:

„טשערעטענער קאָטער. געפֿאנגען אין אזערבײַדזשאן“.

א. פינאאר

פיצל און בעהעמאָטל

I

פיצל איז געשטאַנען באַם ראַנד זומפּ און אומרויִק געקוקט אַף זײַנע עלטערן. זיי זײַנען געגאַנגען אינעם טשערעט ביז די קני אין וואַסער. גאָר אַ קלײנער פאַרגעניגן צו טיאָפּקען אין דער בלאָטע אין אַזאַ קאַלטן וועטער! עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד זײַנען טאָג און נאַכט געגאַנגען רעגנס. און פיצל האָט זיך שטאַרק דערפרײט, וואָס די זון האָט זיך איצט ווידעראַמאָל באַוויזן. ער האָט זיך נאָרוואָס געהאַט אויסגעצויגן לעבן אַ קוסט און רויִק אײַנגעדרימלט אַף דער זון, און פלוצלינג האָבן בײדע עלטערע נאָזהאָרנס פאַרקערעוועט צום זומפּ. פיצל האָט זיך דערשראָקן און איז אופגעשפּרונגען.

פאַר וועמען האָט פיצל מוירע געהאַט? אַז ער האָט סאָנים, דאָס האָט שוין פיצל געוווּסט. דאָ ניט לאַנג, ווען זיי זײַנען אײַנדרײַען איבערגעגאַנגען דעם פלײן, זײַנען אַף אים אָנגעפאַלן לײבן, און ווען דער פאָטער מיט דער מוטער זאָלן ניט געווען אונטערקומען צו הילף, וואָלטן די לײבן אים געווען צעריסן אַף שטיקלעך. און נאָך אײן מאָל איז ער שיר ניט אַרײַן אין אַן אומגליק: אומקערנדיק זיך פון די בערג, האָבן זיי באַגעגנט אַ סטאַדע העלפאַנדן. די נאָזהאָרנס — דער פאָטער און די מוטער — האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַף זיי. אַף פיצלען איז אָנגעפאַלן אַ ווילדע שרעק, און פון דעמלט אָן האָט ער אָנגעהויבן מוירע האָבן פאַר העלפאַנדן.

פיצל האָט געשפּירט מיט אומרויִקן בליק נאָכן פאָטער מיט דער מוטער. די עלטערע נאָזהאָרנס האָבן, פליוסקענדיק זיך אין וואַסער, געשפּאַנט צו די פּאַפּירוסן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אַ שפּאַן פערציק ווײַט פונעם ברעג. פיצל האָט פון צײַט צו צײַט אומגעדולדיק געטופּעט מיטן פעדערשטן פוס — ס׳האָבן אים געביסן די פליגן. פון דער פײַכטקײַט איז די פעל זײַנע געוואָרן אַ צאַרטע אַזאַ; און ער האָט זיך שטאַרק צעדראַפּעט דאָס בײַכל אָן די וואָרצלען און קאָרטשן, בעשאַס ער איז געלאָפן נאָך די עלטערן.



פיצל האָט אין שרעק זיך געטאָפּטשעט באַם ברעג. צי וועלן די עלטערן פאַרשווינדן אין פּאַפּירוס, אָדער ניט? צי דאַרף ער לויפן נאָך זיי איבערן וואַסער? צום גליק, האָבן ביידע עלטערע נאָזהאָרנס אויסגעריסן אַ פּאָר בינטלעך פּאַפּירוס און באַלד פאַרקערעוועט צוריק, צופנדיק ערטערווײַז אויפן וועג דאָס גראָז. באַם ברעג האָבן די עלטערן ווידעראַמאָל זיך אוועקגעלייגט אין וואַסער און זיך אויסגעוואַלגערט אַביסל אין דער בלאָטע. דערנאָך האָט פּיצלס מוטער זיך שנעל איבערגעהויבן, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל עפּעס באַשלאָסן, און איז אַרויס פון וואַסער. זי האָט ליבלעך אַ שטויס געטאָן איר זון מיטן פּיסק, און פּיצל האָט איר אָפּגעענטפערט מיט אַ צאַרט קוויטשעלע, אַזאַ דינינקס און פּישטשענדיקס, וואָס האָט גאָר ניט געפּאַסט צום דאָזיקן גראָבהויטיקן כײַעלע. דערנאָך האָט זיך די נאַזהאָרנטע אָפּגעקערט פון אים און זיך געלאָזט גיין איבער דער ברייטער סטעזשקע באַרג־אַרויף.

דאָ איז צו פֿײַכט געווען, און די נאָזהאָרנס האָבן זיך אוועקגעלאָזט ערגעץ העכער זוכן אַ מער טרוקן אָרט. ס'האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן די צײַט פון די גרויסע רעגנס — אַלע גריבער און היילן אומעטום אין די וועלדער און אויף די טרוקענע פליינען זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָזערעס. מע דאַרף זיך דעריבער ניט וווּנדערן, וואָס די נאָזהאָרנס איז אויסגעקומען צו קלעטערן אויפן באַרג, קעדיי צוצוקומען צום פליין: זיי האָבן זיך געפונען אין אַ טיפן קראַטער. מע האָט געדאַרפט פריִער לאַנג זיך דראַפּען איבער די באַרג־אָפּריסן, וואָס האָבן פון אַלע זײַטן

פארצוימט דעם קראטער, און ערשט דערנאָך זיך אראָפּלאָזן צום פליין. אפן אָרט, ווו ס'האָט פריער געקאָכט און געזאָטן א מעכטיקער ווולקאַן, האָבן זיך איצט צעוואקסן ווונדערבארע סעדער, און אלערליי מינים כײַעס פלעגן זיך צונויפקומען אהערצו. אין מעשעך פון יאָרהונדערטער איז דער פרוכטבארער באָדן צוזאמען מיט דעם וואסער געפלאָסן אראָפּ־בארג אפן דנאָ פונעם קראטער. ס'האָט זיך דאָ אָנגעקליבן אסאך פײַכטקײַט, און די זון האָט געגליט, האָבן זיך שטורמיש צעוואקסן פרעכטיקע געוויקסן. דער קײַלעכיקער דנאָ פונעם קראטער איז געווען גלײַך און פלאַטשעכיק. א מײַל צוויי אין דער ברייט. ריזיקע ביימער האָבן זיך געהויבן אינדערהייך, לאָנקעס האָבן געגרינט מיט פרעכטיקע זאפטיקע גראָזן, און אין א זײַט האָט געגלאנצט א זומפּ מיט פאפירוסן, — דער זעלבער זומפּ, פונוואנען עס זײַנען איצט אוועקגעגאנגען די צוויי נאָזהאָרנס מיט זייער זון פיצל. ארום און ארום האָבן זיך געהויכט בערג — רעשטן פון יענע שרעקלעכע אויסברוכן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען דאָ אין לאנג־פארגאנגענע צײַטן. אומעטום אף די בארג־רוקנס האָבן זיך געדיכטע וועלדער געשווארצט.

קעדיי ארופצוקומען אף דער גרויסער סטעזשקע, האָט די נאָזהאָרנטע געדארפט פארקערעווען פריער אף רעכטס און זיך מאכן א וועג צווישן די דורכויסיקע געדיכט־פארוואָקסענע קוסטן, מיט ווילדן ווײַנטרויב ארומגעפלאָכטענע. זי האָט זיך דורכגעקליבן צווישן די קוסטן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך א שפור פון אײַנגעטאָפּטשעטע בלעטער און צווײַגן אין דער בלאָטע. דערנאָך האָט פיצל מיט אומרו און דערשרעק דערזען, אז די מוטער לאָזט זיך גיין גלײַך איבער א גרויסער בלאָטיקער קאליוזשע. דאָס וואסער אין דער קאליוזשע האָט אויסגעזען קימאט שווארץ. פיצל האָט ניט געקענט באמערקן אין איר די טיפע גריבער פון די העלפאנד־שפורן און האָט זיך גלײַך א טוק געטאָן אין איינעם פון אָט די גריבער. אינגיכן האָבן זיי זיך ארויסגעקליבן אף אן אלטער נאָזהאָרן־סטעזשקע, וואָס איז געווען דורכגעטראָטן אין די געדיכטע קוסטן, און דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט טיפער אינעם טונקעלן אור־וואלד.

דאָ איז געווען גוט — א מעכײַע! ביימער־שטאמען, ווי די זײַלן, האָבן געשטיגן ארויף, און די אייבערשטע צווײַגן האָבן אזוי געדיכט זיך צונויפגעפלאָנטערט, אז די זון האָט דורך זיי ניט געקענט דורכדרינגען. ס'האָט געמעגט גיסן דער שטארקסטער רעגן, האָט דאָס רעגן־וואסער גלײַך זיך דורכגעזאפט דורכן מאָך און די אָפּגעפאלענע בלעטער אינעם ווייכן באָדן. קיין בלאָטע האָט פיצל אין דעם דאָזיקן וואלד ניט געזען איבעראַל. שפעטער אביסל זײַנען די נאָזהאָרנס צוגעקומען צו א גרויסער העלפאנד־סטעזשקע, וואָס האָט איבערגעהאקט דעם קראטער און איז געווען

דער איינציקער וועג פאר די גרויסע כּײַעס. ווי יונג פּיצל איז ניט געווען, איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט די גרעסערע נאָזהאָרן־סטעזשקעס. אַף דער איצטיקער סטעזשקע איז ער שוין געהאַט עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען מיט זײַנע עלטערן אַפן וועג צום גרינעם סטעפּ. ער זאָל נאָר געווען וויסן, וואָס פאר א וויסטער מאַזל עס וואַרט אים דאָ אָפּ! ס'האָט אַף זיי געלאָקערט א סוינע, וואָס פּיצל האָט פאר זײַן קורץ לעבן קיין מער געפערלעכן ניט באַגעגנט.

די אַלטע נאָזהאָרנס האָבן זיך אין וועג לאַנג ניט פאַרהאַלטן און זײַנען אײַנגיכן צוגעקומען צום ראַנד פון עם קראַטער. א טיף דורכגעטראָטענע סטעזשקע האָט זיך געשלענגלט צווישן די געציינדלטע באַרג־שפּיצן — די העלפאַנדן האָבן דאָ זייער פלינק דורכגעלייגט א וועג צווישן די געפערלעכע ערטער אין די פעלדזן־אָפּריסן. די נאָזהאָרנס האָבן ניט באַוויזן צוקומען צום שפּיץ, ווי ס'האָט ווידער אָנגעהויבן גיסן א רעגן, און דער טאָג איז אומבּאַמערקט איבערגעגאַנגען אין פאַרנאַכטיקן טונקל. ווען זיי האָבן אַרופגעקלעטערט צום ראַנד פון עם קראַטער, איז שוין צוגעפאַלן א פינצטערע נאַכט. נאָר די נאָזהאָרנס האָט דאָס ניט געאַרט. זיי האָבן געוווּסט יעדן שפּאַן אינעם דאָזיקן וואַלד, וואָס האָט באַדעקט די זײַטן פון די בערג. דער וואַלד איז געווען א פינצטערער, און די שוואַרצע נאַכט האָט זיך אין אים אויסגעוויזן נאָך שוואַרצער.

דאָס רעגן־וואַסער איז ריטשקעסווײַז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, און אומעטום זײַנען געווען קאַליזשעס. עטלעכע מאָל האָבן אַלע דרײַ נאָזהאָרנס זיך פאַרקליבן אײַן די קאַליזשעס און זיך אויסגעוואַלגערט. אַפן וועג האָבן זיי אָפּגעריסן עטלעכע צווײַגלעך און זיי געקײַט. א גאַנצע נאַכט זײַנען די כּײַעס שנעל געגאַנגען פאָרויס, און צו טאָג זײַנען זיי אַרויסגעקומען אַף א לאָנקע לעבן א גרויסן וואַלד. דורכקלײַבנדיק זיך צווישן הויכן געדיכטן גראָז, זײַנען זיי מיטאַמאָל אַרויס אַפן הוילן פּליין.

איידער ס'איז נאָך אויפגעגאַנגען די זון, האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון די געדיכטע געוויקסן. פון זינט ס'האָבן זיך דאָ באַוויזן די ווײַסע מענטשן, האָבן די דאָזיקע גרויסע כּײַעס שטאַרק מוירע געהאַט פאַר די אָפענע ערטער — זיי האָבן דאָ געשפּירט א געפאַר. די נאָזהאָרנס האָבן זיך צוגעשטעלט אָפּרוען אונטער א ריזיקן פײַגנבוים.

דער נאָזהאָרן, פּיצלס פאָטער, איז אָפּגעגאַנגען אַביסל אין א זײַט און גענומען קײַען די זאַפטיקע צווײַגן פון די קוסטן. די נאָזהאָרנס פרײַנט, די קליינע גרויע פייגעלעך מיט די רויטע שנאָבלען, וואָס פלעגן פאַרטרײַבן פון זיי די נימעסע פליגן און זיי וואָרענען פון א געפאַר, זײַנען פון נעכטיקן טאָג אוועקגעפלויגן פון זיי. דעם נאָזהאָרן האָט זיך שטאַרק

געוואָלט שלאָפן, נאָר ער האָט געטריבן פון זיך דעם שלאָף — מע דארף זיך אונ די פאמיליע היטן פון די סאָנים. אף יענער זײַט פײַגנבוים, אף א גלײַכן אײַנגעטאָפּטשעטן פלאצ, איז געלעגן די נאָזהאָרנטע אונ שלעפעריק געפאטשט מיט די אויערן, אָפּטרײַבנדיק די פליגן. פיצל איז שטארק מיד געווען פונעם לאנגן וועג, האָט ער זיך אָפּגעזוכט א גוט ערטל צווישן די וואָרצלען אונ אָנגעהויבן אײַנדרימלען, קוקנדיק דער מוטער אין די אויגן. אינגיכן האָבן זײַנע קלײנע אײגעלעך זיך צוגעמאכט, אונ ער איז פארזונקען געוואָרן אין א טיפן שלאָף.

די נאָזהאָרנישע מישפאָכע איז זיך פרידלעך געלעגן אונ גערוט, אונ ס'האָט זיך זײ ניט געכאָלעמט פון קײן שום בײז. אונ דאָס בײז איז געווען גאָר נאָענט. שוין עטלעכע טעג, אז צווײ ווײַסע יעגער בלאָנקען אום אין די דאָזיקע קאנטן. זײ האָבן באמערקט פרישע שפורן פון דרײַ נאָזהאָרנס באם ראנד פונעם וואלד אונ זיך געלאָזט גײן נאָך זײ. ווען די נאָזהאָרנס האָבן, ווי געווײנלעך, זיך אוועקגעלאָזט קעגן ווינט, האָבן די יעגער גענומען אומבאמערקט זיך גאנווענען צו זײ. די נאָזהאָרנס האָבן זײער שארפע נעזער, אונ זײ דערשפירן באלד נאָכן ווינט, וואָס פאר א כוינע געפינט זיך פאר זײ. אפילע ווען דער נאָזהאָרן שלאָפט געשמאק, כאפט ער זיך די מינוט אוף, ווי פון אן עלעקטרישן שטויס, אויב דער

ווינט ברענגט אים צו טראָגן פון דער ווײַט דעם גערוך פון א מענטשן.

דער נאָזהאָרן, פּיצלס פאָטער, האָט פון צײַט צו צײַט אופגעהערט קײַען די צווײַגן פונעם קוסט, זיך אָנגעשפּיצט און זיך אײַנגעהערט. דער גרויסער וואלד איז פול מיט קלאנגען, און מע דארף זיי קענען אלע אונטערשיידן, קעדיי צו דערשפּירן דעם פײַנט.

וואָס איז עס: א רויש? צי די בלעטער שורשען?

דער נאָזהאָרן האָט זיך אײַנגעהערט מיט פארדאכט...

ס׳האָט א שאָס געטאָן. דער נאָזהאָרן איז געפאלן, נאָר באלד אין דעם אויגנבליק איז ער אופגעשפּרונגען און זיך געלאָזט לויפן א צעווילדע־וועטער. די נאָזהאָרנטע מיט פּיצלען זײַנען אופגעשפּרונגען און אוועק נאָכן נאָזהאָרן.

ס׳איז געווען קלאָר, אז דער נאָזהאָרן וועט ווײַט ניט אנטלויפן. בא יעדן נײַעם אָנשטרענגונג האָט זיך פון זײַנע נאָזלעכער געלאָזט שטראָמען בלוט און ס׳האָט אים פארכאפּט דער אָטעם. אין טויט־שרעק איז ער גע־פלויגן דורך די ווילד־געוויקסן מיט אזא שנעלקײַט, וואָס איז קימאט אומווארשײַנלעך פאר אָט דער דיקער כײַע. פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און, ניט זעענדיק דעם וועג פאר זיך, זיך אראָפּגעקײַקלט אונטער א פעלדזיקן אָפּריס. ס׳איז אים טונקל געוואָרן אין די אויגן. ער איז ארופגעפלויגן אפ א יונגן ביימל, האָט עס צעבראָכן און א שטיקל צײַט עס געטראָגן אפ דער פּלייצע. דערנאָך האָט ער פּלוצלינג א גראָב געטאָן די ערד מיט דער נאָז, זיך איבערגעקוליעט איבערן קאָפּ און איז פארקילט געוואָרן אפן אָרט. צוויי קוילן — ביידע יעגער האָבן אויסגע־שאָסן מיטאמאָל — האָבן דורכגעלעכערט זײַנע לונגען און דאָס הארץ.

די נאָזהאָרנטע, וואָס איז, פירכקענדיק, געלאָפן נאָכן נאָזהאָרנס טריט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט אים אופהייבן. ס׳איז אָנגעלאָפן אויך פּיצל א פארסאָפּעטער. ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זײַנע יונגע קויכעס און זיך געיאָגט נאָך די עלטערן, שטרויכלענדיק זיך אין די וואָרצלען פון דיביימער.

דער נאָזהאָרן וואָרפט ניט קיינמאָל דעם כאווער זײַנעם, וואָס פאלט אַרײַן אין אן אומגליק, ער באמיט זיך אים ראטעווען פון אומגליק, פּרוווט אופהייבן דעם געפאלענעם און פארווונדעטן. נאָר דאָס מאָל זײַ־נען אלע באמיִונגען פון דער נאָזהאָרנטע געווען אומזיסטע: מע וואָלט געקענט מיינען, אז דער נאָזהאָרן איז געשטאָרבן נאָך פריִער, איידער ער איז געפאלן, און אז נאָר די אומגעהײַערע שנעלקײַט האָט אים געהאלטן אפ די פיס, — ער איז געלעגן צעפּלעטשט אפ דער ערד אָן שום באווע־גונג, ווי א קלאָץ. פּיצל האָט זיך לעבן אים געטאָפּטשעט און געקוויטשעט

אפ א דינ קעלעכל. ענדלעכ, האָט די נאָזהאָרנטע אופגעהערט זיכ באָברענ און אָפּהענטיק זיכ אוועקגעשטעלט לעבנ דעם טויטנ קערפּער.

טופּ, טופּ, טופּ... איר שאַרפער אויער האָט אופגעכאַפּט טויבע קלאַנגענ פונ מענטשישע טריט. זי האָט זיכ אויסגעקערעוועט, אָנגעבויגנ דעם קאָפּ מיטנ שרעקלעכנ האָרנ און געוואַרט. אײנ ווײַלע האָט א שאָרכע געטאָנ אינ די קוסטנ, און ס׳האָבנ זיכ באַוויזנ צוויי פיגורנ. די נאָזהאָרנ־טע האָט מיט ווילדער פירכקערײַ זיכ א לאָז געטאָנ אפ זיי. ס׳האָבנ גלײַכ א טראַכקע געטאָנ צוויי שאָס, נאָר דאָס האָט זי ניט אָפּגעשטעלט. בײדע יעגער האָבנ פאַרפעלט. נאָכ א שאָס — די נאָזהאָרנטע האָט אופגעציטערט פונ ווײטעק. נאָר בלויז אפ א ווײַלע. די יעגער האָבנ צו שפּעט זיכ גע־כאַפּט, אַז מע דאַרפ אַנטלויפנ. אײנער האָט באַוויזנ זיכ פאַרוקנ הינטער א דיקנ בוים. דער צווייטער האָט זיכ שוינ געהאַט אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט פאַר א צווײַג, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, ווי די ערד האָט אָנ־געהויבנ ציטערנ הינטער אים. נאָכ אינ א ווײַלע אַרום האָט ער שוינ א פלי געטאָנ גאַנצ הויכ אינדערלופטנ. דער יעגער איז געפאַלנ און געבליבנ ליגנ קימאַט אָנ באַוווּסטזײַנ אינ עטלעכע טריט ווײַט פונ דער צעווילדע־וועטער כײַע. א גליק, וואָס די נאָזהאָרנטע האָט זיכ געראַנגלט מיט מעסוקענע ווײטעקנ. זי איז אומגעהײער שנעל אַנטלאָפנ און געלאָזט ווײַט הינטער זיכ די סאָנים אירע. נאָר מיטנ לויפנ האָט זי ניט געקענט זיכ ראַטעווענ דאָס לעבנ — מיט יעדנ טריט זײַנענ די ווײטעקנ שטאַרקער געוואָרנ. ענדלעכ, האָט דער ווילדער געלויפ זיכ איבערגעריסנ: זי האָט זיכ מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, געגומענ רעווענ און האָט זיכ פאַרוקט אינ די קוסטנ.

פונ נאָכפאָלגנ האָבנ די יעגער אפילע ניט געטראַכט. ווענ דער פאַר־וווּנדעטער איז ביסלעכווײַז געקומענ צו זיכ, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז זײַנ לאַגע איז זייער אַנ ערנסטע. ער איז געווענ אפ א האָר פונ טויט — דעם טויט האָט ער אויסגעמיטנ בלויז דערפאַר, וואָס די נאָזהאָרנטע האָט צו נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם האָרנ, און זײַנ קערפּער האָט ניט אָנגע־טראָפנ אפנ האָרנ־שפּיצ.

פיצל איז געווענ שטאַרק מיד און האָט אָנ אופהער שווער געאָטעמט. ער האָט געפילט, אַז עס קומט עפּעס פאַר א גרויסער אומגליק. אינ וויל־דער שרעק האָט ער געשמעקט דאָס בלוט, וואָס האָט געשטראָמט פונ דער מוטערס קערפּער און זיכ אָנגעקליבנ אפ דער ערד אינ א קאַליזשע. ציטערנדיק פונ גרויסע ווײטעקנ, איז די נאָזהאָרנטע פריִער געשטאַנענ אומבאַוועגלעכ, דערנאָכ האָט זי אָנגעהויבנ זיכ טאָפּטשענ אָנ א שום צוועק. פיצל איז צו איר צוגעלאָפנ מיט א דערשראָקענעם קוויטש. זי האָט

אימ ארומגעשמעקט און גענומענ קרעכצנ. די ווייטעקנ זײַנענ געוואָרנ אומדערטרעגלעכ, און די נאָזהאָרנטע איז אוועקגעלאָפנ ווײַטער. זי האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ א טײַכל און גענומענ טרינקענ, דערנאָכ האָט זי זיכ אנידערגעלייגט אינ וואסער, נאָר ניט אפ לאנג. די ווייטעקנ האָבנ זי ווידער אופגעשטעלט אפ די פיס.

ביסלעכווײַז האָט די נאָזהאָרנטע זיכ דערנעענטערט צום פּלייצ. פארמאטערט ביז לעצט, האָט זי זיכ פארקליבנ אינ די געדיכטע נאָזהאָרנקוסטנ, אפנ ראנד פונ אנ אָפּענעמ טאָל. אינגיכנ האָט זי זיכ אוועקגעלייגט און איז מער שוינ ניט אופגעשטאנענ. אינ לעצטנ געראנגל מיטנ טויט האָט זי צעגראבלט מיטנ האָרנ די ערד, צוויי־דרײַ מאָל שארפ א קאווטשע געטאָנ — און א סאָפ. פינפ שאָ האָט געדויערט דאָס לויפעניש אירס. פּיצל האָט געזענ, אז די מוטער ליגט, האָט ער זיכ אויכ אוועקגעלייגט לעבנ איר. ער איז זייער מיד געווענ און איז באלד אנשלאָפנ געוואָרנ.

ער האָט זיב אופגעכאפּט פונ א מוירעדיקנ ברילנ פונ א לייב. פּיצל איז אופגעשפּרונגענ און האָט זיכ אומרויִק אומגעקוקט. דער הימל איז געווענ לויטער, און די בלוט־רויטע זונ האָט זיכ געזעצט הינטער די פינצטערע בערג. די נאָזהאָרנטע איז געלעגנ אומבאוועגלעכ אינ דער זעלבער לאגע, וואָס פריִער. קוויטשענדיק, האָט פּיצל גענומענ ארומלויפנ ארום דער טויטער מוטער און שטופּנ די נאָז אינ איר קערפּער. ער האָט געכאַפּעשעט א טרונק, נאָר נאָכ מער האָט ער געליטנ פונ שרעק, ווײַל דאָס ברילנ

פונ די לייבנ האָט זיכ ווידעראמאָל דערהערט, און שוינ גאָר נאָענט. פונ דערווײַטנס האָט זיכ געלאָזט הערנ א מוירעדיקער בריל פונ א צווייטנ לייב. ס'האָט זיכ אראָפּגעלאָזט די נאכט, און פּיצל האָט געציטערט פונ שרעק.

אינ די קוסטנ האָט א טרישטשע געטאָנ: עמעצער האָט זיכ געגאנוועט צווישנ די צווײַגנ. פּיצל האָט זיכ אָנגעשפּיצט און אָנגעשטעלט דעם בליק אפנ אָרט, פונוואנענ ס'האָט זיכ דערנעענטערט דער אומבאוווּסטער סוינע. דאָס הויכע גראָז אפנ נאָזהאָרנ־שטעגל, א טריט צענ פונ פּיצלענ, האָט זיכ א וויג געטאָנ, און מיטאמאָל האָט זיכ ארויסגעשטעקט א פּאטלאטער קאָפּ.

לייבנ! פּיצל האָט זיי גוט געדענקט. ס'האָט אים אָנגעהויבנ ווארפנ פונ שרעק, און ער האָט א קוק געגעבנ אפ דער מוטער, ווארטנדיק, אז זי זאָל זיכ א לאָז טונ אינ ווילדנ צאָרנ אפנ סוינע. דער לייב האָט א קוק

געטאָן אַף פּיצלען, אופגעשטעלט די אויערן און זיך ניט באַשלאָסן אַ שפּרונג צו טון. ער האָט דערזען ליגן די נאָזהאָרנטע און האָט מוירע געהאַט פאַר איר. דעם לייב איז גוט געווען באַקאַנט די מוירעדיקע קראַפט פון די נאָזהאָרנס.

פלוצלינג האָט דער לייב זיך צעבּרילט און שנעל זיך אַ רוק געטאָן. פּיצל האָט זיך אויסגעקערעוועט און איז, פּירכקענדיק, אַוועק אין די קוסטן. ציטערנדיק פון שרעק און ניט וויסנדיק, וואָס צו טון, האָט פּיצל אַרומגעבלאָנקעט ניט ווײַט פון דער מוטער. ער האָט מוירע געהאַט צוגיין נעענטער און זיך אויסגעבאַהאַלטן אין די געדיכטע ווילד־געוויקסן.

די נאַכט־פינצטערניש איז געדיכטער געוואָרן. פּיצל האָט געהערט, ווי די לייבן לויפן זיך צונויף צו דער מוטערס קערפּער. צווײ צי דרײַ שרעקלעכע רויבער האָבן זיך געשלאָגן איבערן פעטן ביסן, און דאָס ברילן פון די לייבן האָט זיך מוירעדיק פאַרשטאַרקט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געריטשעט. קיין שום אַנדער חיה האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט צוצוקומען נאָענט צו דעם אָרט, וווּ די לייבן האָבן געפּראַוועט זייער מאָלצײַט.

פאַרטאָג האָט פּיצל געשטילט דעם דאָרשט אין אַ קאַליזשע אונטער גרויסע ביימער. און אַז ס'איז ליכטיק געוואָרן, איז ער פאָרזיכטיק צוגעקומען צו דער טויטער מוטער. עטלעכע לייבן האָבן זיך געפּאָרקעט לעבן דעם קערפּער, און פּיצל איז ווידער שטיל אָפּגעטראָטן אין די קוסטן אַרײַן. די זון איז שוין לאַנג אויפגעגאַנגען, און די לייבן האָבן זיך אַלץ ניט געקליבן וואַרפן די רויב. ס'איז זיי זייער שווער געווען אײַנצובײַסן אָדער צו צערײַסן מיט די נעגל די דיקע נאָזהאָרן־פעל, און זיי האָבן אויסגעהריזעט דאָס פלייש בלויז אין די ווייכע ערטער. פאַר דער נאַכט האָבן די לייבן ניט באַוויזן זיך אָנזעטיקן, דערצו נאָך האָבן זיי זיך דאָ אין די געדיכטע קוסטן געפילט אויסער געפאַר.

פּיצל איז אַוועק זוכן דעם פּאָטער. עטלעכע שאָ איז ער געלאָפן מיט יענעם שלענגלדיקן בלוטיקן שפּור, וואָס די פאַרווונדעטע מוטער האָט נעכטן דאָ איבערגעלאָזט, און ער האָט זיך ענדלעך דערקליבן צום אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע. דער נאָזהאָרן איז רויִק געלעגן, ווי אין אַ טיפן שלאָף. קוויטשענדיק, איז פּיצל צוגעלאָפן צום פּאָטער. מיט גרויס פרייד האָט ער אָנגעהויבן שטופּן די נאָז אין עם פּאָטערס קערפּער. נאָר לאַנג האָט עס ניט געדויערט. פּיצל האָט זיך אָפּגערוקט און אַ קוק געטאָן. דער פּאָטער האָט זיך ניט גערירט, זיך ניט אָפּגערופן אַף פּיצלס קוויטשערײַען. ער איז געלעגן פונקט אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי די מוטער...

צי האָט דערהערט פּיצל טריט פון אָנקומענדיקע מענטשן? דער יעגער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּשנײַדן דעם האָרן פון עם אומגעקומענעם נאָז־

האָרנ און האָט זיכ איצט אומגעקערט פונעם לאגער, ווו עס האָט זיכ געפונענ דער פארוווּנדעטער־כאוועד זײַנער. פיצל האָט זיכ ארויסגעגעבנ מיט זײַנע קוויטשערײַענ, און אז ער האָט זיכ אומגעקוקט, האָט ער זיכ דערזענ ארומגערינגלט פונ שווארצע מענטשנ. דאָ האָט אינ פיצלענ גלײַכ אופגעוואכט דער אינסטינקט פונעם נאָזהאָרנ. פירכקענדיק, ווי זײַנע עלטערנ פלעגנ טונ, האָט פיצל גלײַכ זיכ א וואָרפ געטאָנ אפנ פײַנט. דער דאָזיקער אומגעריכטער מאנעווער האָט געצווונגענ די שווארצע מענטשנ זיכ א וואָרפ צו טונ אינ א זײַט. נאָר דער ווײַסער יעגער האָט באוויזנ אָנצוכאפנ פיצלענ פונהינטנ און האָט אָנגעשטרענגט אלע זײַנע קרעפטנ אימ אײַנצוהאלטנ. פיצל האָט זיכ ווילד א ריס געגעבנ. און אײדער נאָכ די שווארצע מענטשנ האָבנ באוויזנ צוקומענ, האָט ער שוינ אוועקגעיאָגט אינ א זײַט, ברעכנדיק די קוסטנ און די ווילד־געוויקסנ. איצט האָט פיצל אײנ פארלאנג געהאט: אנטלויפנ וואָס ווײַטער פונ זײַנע פײַנט.

אינעמ ווילדנ געלויפ האָט פיצל זיכ אראָפגעשלאָגנ פונ וועג. ווענ ער איז אינ א אנדערהאלבנ שאָ ארום געקומענ אביסל צו זיכ און האָט א קערעווע געטאָנ לינקס, קעדײ צו דערקלײַבנ זיכ צו די גוט באקאנטע ערטער, האָט ער דערזענ פאר זיכ א טיפנ יאר. פיצל האָט גענומענ לויפנ אהינ און זוכנ אנ אָרט אפ איבערצוגײנ. וואָס ווײַטער, איז דער יאר אלצ טיפער געווענ, און כאָטש אינ אײניקע ערטער איז ער געווענ זײער שמאָל, און א פלינקער מענטש וואָלט אימ גאנצ לײַכט געקענט אריבערשפרינגענ, האָט זיכ פיצל אָבער ניט אײַנגעשטעלט עס צו טונ.

איבערנ יאר האָט פיצל זיכ ווײַט אָפגענײגט פונ זײַנ וועג. ווענ ער איז ארום האלבנ טאָג ענדלעכ צוגעקומענ צום ראנד פונ א היכנ וואלד, האָט ער דערזענ פאר זיכ עפעס גאָר אומבאקאנטע ערטער. אָנשטאָט א זונ־באלויכטענעם פלײנ, וואָס ווימלט מיט ווילדע באלעכאַימ, איז געלעגנ פאר אימ א פינצטערע שטרעקע, א באדעקטע מיט היכנ העלפאנדגראָז, שטעכלקעס און זומפנ. נאָר דער טיפער יאר האָט זיכ דאָ אויסגעלאָזט, און פיצל האָט, ענדלעכ, געקענט פארקערעווענ אפ לינקס. ער האָט געוווּסט, אז אינ דער זײַט געפינט זיכ דער ברײטער פלײנ. אויסער דעמ, האָט פיצלענ די גאנצע צײַט געפלאָגט אנ אנגסטלעכער באגער זיכ אומקערנ צו דער מוטער. אומעטום האָט ער אָנגעטראָפנ אפ זומפנ, אָדער גריבער מיט וואסער, וואָס ער האָט זײ געמוזט ארומגײנ ארום. אינ א פאָר שאָ ארום איז ער צוגעלאָפנ צו א גרויסער אָזערע, מיט דערנער ארומגערינגלט, און האָט דערהערט, ווי בעהעמאָטנ פיכקענ און שפילנ זיכ דאָרט. פיצל איז דורכגעלאָפנ פארבײַ א צווײטער אָזערע אזא, און דער פלאצ האָט אימ פלוצלינג אויסגעוויזנ ווי באקאנט. און טאקע, ער

פֿלעגן קומען אהערצו מיט די עלטערן אין די צײַטן, װען ס'איז ניט געגאנגען קײן רעגן, װען די װאסער אין די באַרגיקע ערטער פֿלעגן אויסטריקענען. איצט האָט ער געפֿװוּסט, אז דער פֿלײן איז שוין ניט װײַט.

בא דער לעצטער אָזערע האָט פּיצל זיך ארויסגעקליבן אפֿ א טיפֿער סטעזשקע, װאָס די בעהעמאָטן האָבן אויסגעטראָטן. פֿון אײן זײַט אָזערע האָט זיך געשװאַרצט א געדיכטער הויכער װאלד, פֿון דער צװײטער זײַט האָט זיך פֿון יענער זײַט הויכן גראָז און קוסטן געשפּרייט דער פֿלײן. די נאכט האָט זיך אראָפּגעלאָזט, און פּיצל האָט גענומען מאכן גיכע שפּאַן.

די סטעזשקע האָט זיך געצויגן לענגאויס דער אָזערע, און אין די ברײטערע ערטער האָט זיך פּיצל געלאָזט אפֿילע יאָגן אין גאלאָפּ. אין גרויס אײַלעניש איז ער אָנגעפֿלויגן אפֿ דרײַ בעהעמאָטן, װאָס זײַנען ארויסגעגאנגען פֿון װאסער — צװײ עלטערע און אײנער א קלײנינקער. פּיצל האָט נאָך פֿריִער געהאט זיך באגעגנט מיט די דאָזיקע לעפּישע כײַעס. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און רוִיק צוגעװוּארט. די גרויסע כײַעס זײַנען צוגעקומען נעענטער און אים ארומגעשמעקט, דערנאָך זײַנען זײ אָפּגעגאנגען װײַטער. איצט איז געקומען די רײ צום קלײנעם בעהעמאָטל. די כײַעלעך זײַנען ארומגעגאנגען אײנער ארום דעם צװײטן. ס'האָט זיך גערוכט, אז זײ שטודירן דעם אונטערשײד אינעם אויסערלעכן אויסזען צװישן זיך. פּיצל האָט א פּאָר מאָל זײער האמעטנע אונטערגעשפּרונגען, און דאָס װאסער־כײַעלע האָט זיך א רײַב געטאָן מיט דער זײַט אין פּיצלען און עפּעס א ברום געטאָן מיט א װײכן באס. און אָנשטאָט צו דראפּען זיך דורך די קוסטן, װאָס האָבן אים אָפּגעטײלט פֿונעם פֿלײן, האָט פּיצל זיך



אוועקגעלאָזט מיטן בײַעם כאַוועך אין די געדיכטע געוויקסן. נאָך דער שווערער שרעקפולער רײַזע האָט זיך פּיצלען שטאַרק געוואָלט עסן.

II

דעם צווייטן טאָג איז פּיצל גאַנצפריִ אײנזאַם געשטאַנען אױפֿן ברעג פֿון דער אָזערע. ער האָט געקוקט אױפֿן וואַסער, וווּ ס'זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן זײַנע דרײַ פֿרײַנט. זײַן קלײנער באַנאַכטיקער כאַוועך, דאָס קײַלעכדיקע בעהעמאָטל, איז פֿריִער געבליבן מיט אים אױפֿן מעשופּעדיקן ברעג. זײ זײַנען זיך בײדע געזעסן און געקײַט דעם טשערעט. נאָר אַז די עלטערע בעהעמאָטן זײַנען אַראָפּגעשוווּמען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, איז בעהעמאָטל אומרויִק געוואָרן. די בעהעמאָטכע האָט זיך אױסגעקערעוועט, פֿאַנאַנדערשפּריצנדיק מיטן ריזיקן קערפּער דאָס רויִקע וואַסער, אַ פּירכקע געגעבן, צוגעקומען צום ברעג און אַ ברום געטאָן צו איר זונדל, ער זאָל אַראָפּגײן אין וואַסער אַרײַן. באַנאַכט האָט זי צוגעלאָזט פּיצלען, ער זאָל זיך פּאַשען צוזאַמען מיט זײ אין די ווילד־געוויקסן, נאָר איצט דאַרף מען זיך אומקערן אין די מער זיכערע ערטער אױפֿן וואַסער. בעהעמאָטל האָט גענומען לעפּיש זיך באַוועגן אױף זײַנע קרומע פֿיסלעך, אַ פּליוך געטאָן פֿונעם ברעג אין וואַסער אַרײַן און איז אוועקגעשוווּמען נאָך דער מוטער. פּיצל איז געבליבן אײנזאַם אַלײן.

בעהעמאָטן פֿאַרברענגען זײער לעבן מערסטנטײל אין וואַסער. און אױך איצטער, נאָך דעם, ווי זײ האָבן זיך אָנגעגעסן אין וואַלד צו זאַט, זײַנען זײ אוועק צוריק צום וואַסער. אײנאָנהײבס האָבן זײ זיך באַהאַלטן אין דער טיף, דערנאָך האָבן זײ אַרױסגעשטעקט די קעפּ פֿונעם וואַסער און אָנגעהויבן פּירכקען. בעהעמאָטל האָט ווידער זיך אומגעקערט צום ברעג און געוואָלט, זעט אױס, פֿאַרפֿירן פּיצלען אין וואַסער אַרײַן. אונטערהײבנדיק די אײבערשטע ליפּ, האָט פּיצל פֿאָרזיכטיק אין עטלעכע ערטער אַרומגעשמעקט דעם ברעג. נאָר אַרײַן אין וואַסער האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט. און ער איז גערעכט געווען. דער ברעג האָט זיך שרופּיק אַראָפּגעלאָזט צו דער אָזערע, און דאָס וואַסער איז דאָרט געווען שטאַרק טיף.

פּירכקענדיק און שטיפֿנדיק אױף זײער לעפּישעוואַטן שטײגער, זײַנען די בעהעמאָטן אָפּגעשוווּמען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. בעהעמאָטלס פֿאָטער איז געשוווּמען פֿאָרויס אַביסל. ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו די גרינע אינדזלען אינמיטן דער אָזערע, וווּ ס'האָט זיך געהערט אַ פּירכקערײַ פֿון אַנדערע בעהעמאָטן. ס'קאָן גראָד זײַן, אַז דאָרט פֿלײסקעט זיך די זעלבע סטאַדע, פֿון וועלכער זײ זײַנען עטלעכע וואָכן צוריק

אָפּגעשטאַנען צוליב זייער שוואַך קינד. בעהעמאָטל האָט זיך אויך ביז־לעכווײַז דערוווײַטערט פונעם ברעג, נאָכשווימענדיק נאָך די עלטערן. פּיצל האָט ווידער זיך דערפילט איינזאַם. צוערשט האָט ער אומגעדולדיק געפּירכקעט, קעדייַ ארויסצונאַרן בעהעמאָטלען פון וואַסער, און איז אומגעלאָפן אַן אופגערעגטער איבערן ברעג, שמעקנדיק די שיטערע בלאָטע אין די קײַלעכיקע שפּורן פון די בעהעמאָטן, און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן יאָמערלעך קוויטשען. ענדלעך, איז פּיצל אַנשוויגן געוואָרן. די בעהעמאָטן זײַנען אַוועקגעשווומען און זיי קימערן זיך וועגן אים, זעט אויס, גאָר ווייניק.

פּיצל האָט זיך געטאָפּטשעט אָפן ברעג. אַוועקגייַן פונדאַנען האָט זיך אים ניט געגלוסט. די רויִקע, אַנגענעמע נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט זײַנע נײַע פרײַנט, האָט אים אָפּ אַ צײַט געמאַכט פאַרגעסן אָן דער מוטער. נאָר איצט איז ער ווידער צערודערט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן זוכן די מוטער.

גרויסע נאָזהאָרנס זײַנען בייזע, גרויזאַמע, פּיצל אָבער איז געווען קינדיש־ליבלעך און גוטמוטיק. און אַלע יונגע נאָזהאָרנס זײַנען אַזוינע. די שטענדיקע נייטיקײַט אָבער צו באַשיצן זיך, די אַלע קונצשטיק, וואָס זיי ווענדן קעסיידער אָן קעגן די פײַנט, פאַרוואַנדלען ביסלעכווײַז די יונגע נאָזהאָרנס אין קריגערישע בייזע וועזנס, וואָס זײַנען גרייט צו ראַנגלען זיך מיט וועמען נאָר איר ווילט. אַז אַ יונגער נאָזהאָרן ווערט קינדווײַז אָן זײַנע עלטערן, קען ער זיך באַפרײַנדן מיט וואַסער ווילדער חײַע ס'ניט איז. און אַז ער פאַלט אַרײַן אין געפענקעניש צום מענטשן, געוויינט ער זיך אויך צו אים צו זייער שנעל. די מוירע פאַרן מענטשן גייט גיך איבער, דער קליינער נאָזהאָרן טרעט ניט אָפּ פונעם באַלעבאָס, ווי אַ הונט, און קוויטשעט אפילע פון בענקעניש, אויב דער מענטש לאָזט אים איבער איינעם אליין.

פּיצל האָט גרינג און גיך זיך באַפרײַנדעט מיט די בעהעמאָטן, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן ענלעך אָפּ נאָזהאָרנס. ווען די בעהעמאָטן זײַנען אָפּגעשווומען, איז פּיצלען געוואָרן זייער ניט גוט. ער איז געשטאַנען אָפן ברעג און יאָמערלעך געקוויטשעט, אויסציִענדיק דעם קאָפּ, ער זאָל וואָס ווײַטער קענען זען מיט זײַנע קליינע קורצזיכטיקע אייגעלעך. ער האָט אויסגעזען זייער דערשלאָגן און פאַריאָסעמט.

איבער דער אָזערע האָבן זיך אָנגעהויבן קלײַבן געדיכטע רעגן־כמאַרעס. די זון איז שוין לאַנג אופגעגאַנגען, נאָר דער הימל איז פון גאַנצפרי אָן געווען פאַרצויגן מיט קנוילנדיקע כמאַרעס, און מע האָט זיך געאָנט ריכטן אינגיכן אָפּ אַ שלאַקס־רעגן. בײַ דער גרויער, טריבער שײַן

האָט דער וואלד אויסגעוויזנ שווארצ אונ פינצטער, אונ אויבנ איבערנ וועלדערדיקנ בארג האָט זיכ אָנגעקליבנ א בלײַענער נעפל. ס'איז אָנגעקומענ די צײַט פונ די טראָפּישע רעגנס.

אינ דער באטאָגיקער טונקלקײַט האָט פיצל אויסגעזענ קימאט שווארצ. אויכ אזוי שווארצ האָבנ אויסגעזענ די גרויסע אנטילאָפּעס, וואָס האָבנ זיכ, ווי בלאסע שאָטנס, דורכגעשמוגלט אינ די ווילד־געוויקסנ אפנ צווײטנ ברעג אָזערע.

פיצל איז, ענדלעכ, אָפּגעגאנגענ פונ דער אָזערע אונ פאמעלעכנ אוועקגעקראָכנ אינ די קוסטנ. זײַנע קורצע גראָבע פיס האָבנ צוועקלאָז געשפאנט אינעמ טשערעט לענגויס דער אָזערע. דערנאָכ איז ער דורכגעקראָכנ דורכ די שווארצע ווילד־געוויקסנ אונ איז ווידער ארויסגעקומענ צומ זומפ, וואָס איז געווענ געדיכט באדעקט מיט הארטנ גראָז אונ האָריקשטעכיקע קוסטנ.

פיצל האָט זיכ אראָפּגעשלאָגנ פונ וועג. די זומפּנ זײַנענ אימ ניט געווענ באקאנט, אונ ווײַטער האָט זיכ געצויגנ פינצטערער אורוואלד. נײַנ, דער גרויסער פלײַנ ליגט, זעט אויס, ניט אינ דער זײַט. מע דארפ גײנ צוריק, צו די אָזערעס, אונ איבער דער ברײטער בעהעמאָטנ־סטעזשקע דאָרט זיכ דורכקלײַבנ מיטנ ברעג דורכנ הויכנ טשערעט. פיצל איז אוועקגעלאָפנ צוריק. יאָ, אָט זײַנענ די שטעכיקע קוסטנ אונ די הויכע געלע דערנער — א זיכערער באווײַז, אז עס ענדיקט זיכ דאָ דער שווארצער וואלד, אונ דער פלײַנ איז שוינ ניט ווײַט. אָנ שיר נאָזהאָרנ־שטעגלעכ האָבנ זיכ איבערגעקרײצט אינ די ווילד־געוויקסנ אינ אלע זײַטנ, אונ פיצלענ איז שווער געווענ צו געפינענ דעמ ריכטיקנ וועג. נאָר פיצל האָט גוט געקענט די דאָזיקע ערטער. זײַנע עלטערנ פלעגנ דאָ אָפט דורכגײנ מיט אנדערע נאָזהאָרנס, אומקערנדיק זיכ פונ בארג נאָכ א נאכט פארברענגענ אפנ פלײנ. אונ פיצל האָט דרײסט ארײַנגעשטופט דאָס טעמפּע פּיסקל אינ די געדיכטע ווילד־געוויקסנ, ווו דאָס שטעגל האָט זיכ אויסגעלאָזט, אזויווי אינ דער ערד ארײַנ, אונ איז אוועקגעקראָכנ פאָרויס, אונטערהײבנדיק מיט דער פלײצע די איבערגעפלאָכטענע צווײַגנ. די קוסטנ האָבנ זיכ הינטער אימ פארמאכט, אונ נאָר דאָס טרישטשענ פונ די צווײַגנ אונ דאָס הוידענ פונ די בלעטער האָבנ אָנגעוויזנ אפנ וועג, ווו פיצל האָט זיכ דורכגעריסנ. ענדלעכ, האָט אײנס פונ די שטעגלעכ אימ ארויסגעפירט צומ פלײנ.

דער פלײנ, אײגנטלעכ, האָט זיכ אָנגעהויבנ ניט באלד נאָכ די קוסטנ. אפ עטלעכע הונדערט שפאנ האָט זיכ נאָכ געצויגנ א צעריסענער פלאצ מיט גריבער אונ בערגלעכ. צווישנ די זעלטענע צעוואָרפענע בײמער — מימאָזע,

דרויטבוימ און אנדערע — איז געוואקסנ הויכ גראָז קופּקעסווײַז אָדער אינ שמאָלע פּאסנ. באַזונדערס שווער איז פּיצלענ אָנגעקומענ, ווענ ער איז ארײַנגעפאלנ אינ א נידעריקנ טאָל, ווײַל פונדאנענ האָט ער גאָרניט געזענ ניט פאָרויס, ניט צוריק.

אמאָל פלעגט זיכ אנ אנטילאָפּע א הײַב טונ פאר אימ און זיכ א וואָרפּטונ אינ די קוסטעס, אויסצײַענדיק די הינטערשטע פיס. אינ אײנער פונ די פילצאָליקע בלאָטיקע גריבער האָט פּיצל דערהערט א ווילדנ כאזער כריוקענ. שטארק צופרידנ, וואָס ער האָט ווידער אָנגעטראָפּנ אפ די באַקאַנטע באַלעכאַימ, האָט ער אפילע אָנגעהויבנ ערטערווײַז בײַסנ און קײַענ צווײַגלעכ.

גרויסע בײמער האָבנ זיכ דאָ זײער זעלטנ געטראָפּנ, און דאָס גראָז האָט שוינ ניט פארצוימט דעמ וועג. אַראָפּלאָזנדיק זיכ איבער א שרויפּיקנ באַרג־אראָפּ, האָט פּיצל זיכ דערווײַטערט פונעמ שווארצנ, וווּלקאנישנ באָדנ מיט די רײַכע זאפטיקע געוויקסנ און האָט זיכ ארויסגעקליבנ אפ א הארטנ גלאטנ פּליינ, וואָס איז געווענ פארוואָקסנ מיט נידעריקנ גראָז.

פּיצל האָט אומרויִק אָנגעשפּיצט זײַנע טרײַבלדיקע אויערנ און שארפ זיכ אײַנגעקוקט אינעמ פּליינ. נאָר פאר אימ האָט זיכ באווויזנ ניט יענצ זורניק בילד, וואָס ער האָט אמאָל דאָ געהאט געזענ. א גרויער רעגנ־פאַרהאנג האָט פארשטעלט די ווײַט, די טריבע לופט האָט זיכ געהוידעט, נעפּלקנוילנ האָבנ געשוועבט איבערנ פּליינ, און ס׳האָט זיכ געדוכט, אז אלע פריִערדיקע אײַנוווינער האָבנ אימ פארלאָזט. פּלוצלינג האָט גאָר נאָענט א טרישטשע געטאָנ א טרוקענע צווײַג, און פּיצל האָט דערזענ צווישנ די בײמער א סטאדע אנטילאָפּעס. זײ האָבנ געהערט, ווי פּיצל לאָזט זיכ אראָפּ פונעמ בארג, זײַנענ זײ געשטאַנענ אזוי שטיל, אז ער האָט זײ א לאַנגע צײַט ניט באמערקט, ביזוואַנענ אײנ אנטילאָפּע האָט אומגערנ מיט א לײַכטער באַוועגונג זײ ניט אויסגעגעבנ.

פּיצל האָט ניט אנטשלאָסנ א קוק געגעבנ אפ די אנטילאָפּעס און זיכ אוועקגעלאָזט ווײַטער. ער איז געווענ צופרידנ, ו ער גײט איבערנ אָפענעמ פּליינ, און ניט אינ די געפערלעכע ווילד־געוויקסנ. אפנ וועג האָט ער אָנגעטראָפּנ אפ גרויסע פארשײדענע סטאדעס כײַעס, נאָר פּיצל האָט געקוקט אפ זײ גלײַכגילטיק. די באגעגעניש מיט די אנטילאָפּעס האָט אימ אביסל פארהאלטנ. עטלעכע יונגינקע אנטילאָפּעס האָבנ פונ אָנהײב א קוק געטאָנ אפ אימ מיט דערשרעק, און דערנאָכ האָבנ זײ מיט פרײלעכער נײַגיריקײַט ארומגערינגלט דעמ לעפּישנ וואלד־פארשוינ. דאָס אנטילאָפּישע קלײנוואַרג שפּילט זיכ געוויינלעכ א גאַנצע טאָג אלײנ, און די סטאדע מיט די עלטערע אנטילאָפּעס פּאשעט זיכ פונדערווײַטנס און שפּירט נאָכ,

טאָמער טרעפט זיך עפּעס א געפאר. די יונגע אנטילאָפּעס פארברענגען דעם גאנצן לאנגן טאָג, ווי עס גלוסט זיך זיי, און נאָר ווען עס קומט די צײַט פון טרינקען, קלײַבן זיך צונויף די גרויסע מיט די קליינע אין איין סטאַדע. די שטיפערישע אנטילאָפּעס האָבן אָנגעהויבן טאנצן און זיך דרייען ארום דעם לעפּישן גאסט.

פיצל האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אף די יונגע אנטילאָפּעס, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט און געוואָלט, זעט אויס, מיט אים זיך באקענען. צו אָנהייבס האָבן זיי זיך אביסל געשראָקן, נאָר דערנאָך זײַנען זיי דרייסטער געוואָרן, זעענדיק, אז דער כמורנער גאסט קלײַבט זיך ניט שלאָגן. אייניקע פון זיי האָבן זיך אפילע אײַנגעשטעלט פיצלען פאָרזיכטיק ארומשמעקן. פיצל האָט שווײַגנדיק זיי דערלויבט עס צו טון. דאן האָבן זיי גענומען שפּרינגען ארום פיצלען, ווי זיי וואָלטן אים ארויסגערופן, ער זאָל גיין זיך שפּילן מיט זיי. נאָר פיצל איז געווען ערנסט און האָט ניט געלאָזט פאלן די נאָזהאָרנישע ווירדע זײַנע. אינגיכן האָט ער זיך אוועקגעלאָזט ווײַטער, און מער זיך ניט אומגעקוקט אף די יונגע אנטילאָפּעס. בא די קוסטן איז דער כמורנער רײַזנדער פארשווונדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דאָס אנטילאָפּישע יונגוואַרג.

אינגיכנ האָט פּיצל זיכ דערקליבנ צו די ערטער, וווּ די מוטער איז איבערגעבליבנ. ער האָט דערקענט די געגנט און אָנגעהויבנ זיכ צוויילנ-פלוצלינג האָט פּיצל דערשפּירט א שטאַרקנ גערוכ, וואָס האָט אים דער־מאָנט אינ דער מוטער, און נאָכ עפּעס א באַזונדער זאַכ. פאַרזיכטיק, קעגנ ווינט, האָט פּיצל זיכ דערנעענטערט צו די קוסטנ באַם ראַנד וואַלד. ער האָט דערקענט דאָס אָרט, וווּ ס'איז געפאַלנ די פאַרווונדעטע מוטער. אפ דער סטעזשקע האָט פּיצל דערזענ פאַר זיכ אַסאַכ לייבישע שפּורנ, און דאָס גראָז ארום דער טויטער כײַע איז געווענ שטאַרק אײַנגעטאָפּשעט. וויפל לייבנ זײַנענ דאָ אויסגעווענ! די נאָזהאָרנטע איז אלצ נאָכ געלעגנ אפנ זעלבנ אָרט. נאָר ווי זי איז געענדערט געוואָרנ! לייבנ און היענעס האָבנ איר אינ עטלעכע ערטער דורכגעהריזעט די פעל, ס'האָט געפעלט דער גרעסטער טייל פונ איר קערפּער. פּיצל איז צוגעקומענ צו דער מוטער און אָנגעהויבנ יאָמערלעכ קוויטשענ, שמופנדיק די נאָז אינ איר אויסגעהריזעטנ קערפּער.

פּיצל איז א לאַנגע צײַט אָפּגעשטאַנענ לעבנ דער מוטער. נאָר אינ די ווילד־געוויקסנ האָט זיכ דערהערט א מוירעדיקער געבריל. פּיצל האָט זיכ דערשראָקנ. ער איז אומגעגאַנגענ ארום דער מוטער און זיכ צוגעהערט צום שאָרכ אינ די קוסטנ.

ס'האָט זיכ ווידער דערהערט א שרעקלעכ ברילנ. פּיצל האָט אופגעציטערט פונ דערשרעק. מע דאַרפ אנטלויפנ! ער האָט אויפגעזוכט די סאַמע ברייטע סטעזשקע אינ די ווילד־געוויקסנ און פאַמעלעכ זיכ אוועקגעלאָזט צום פלײַנ.

ס'האָט געגאָסנ א רעגנ, און איבערנ פלײַנ האָט זיכ געקנוילט א געדיכטער נעפּל. פונ די בערג איז קיינ סימענ ניט געווענ, גלײַכ ווי זיי וואָלטנ פאַרשווונדנ געוואָרנ פונ דער וועלט, און די גאַנצע געגנט האָט זיכ אײַנגעהילט אינ א גרויענ צודעק, דורכ וועלכנ ס'האָבנ ערגעץ־ווו געבלאַנקט בלאַסע שאָטנס פונ ביימער.

פּיצל וואָלט איצטער זייער גערנ זיכ באַגעגנט מיט די אַנטילאָפּעס — ער האָט זיכ געפילט זייער אײנזאַם. נאָר ווו זײַנענ זיי איצט? אפנ פּלאַץ, ווו פּיצל האָט זיי פריער געזענ, איז איצט ניט געווענ קיינער, ס'האָט זיכ נאָר געהערט, ווי זעברעס הירזשענ ערגעץ ווײַט.

גאָר נאָענט האָט א לייב זיכ צעברילט. דעריבער טאַקע זײַנענ די אַנטילאָפּעס אַנטלאָפּנ פונדאַנענ. צום גליק, האָט דער לייב איבערנ נעפּל פּיצלענ ניט באַמערקט.

אינ אײנ ציטערניש האָט פּיצל גלײַכ פאַרקערעוועט אפ רעכטס און זיכ געלאָזט לויפנ, און ווענ אינ א מינוט ארום האָט דער לייב ווידער־אַמאָל זיכ צעברומט, האָט פּיצל באַמערקט, אז דער גרויזאַמער רויבער איז

געבליבן פונהינטן. נאָר גלײַך דערנאָך האָט זיך דאָס לײַבישע ברילן דערהערט פֿון עטלעכע זײַטן מיטאַמאָל. דער רעגן האָט אויפֿגעהויבן די ליבן אַף די פּיס פֿריִער פֿון דער געווײנלעכער צײַט. אין אַזאַ וועטער גײען די לײבן אַרויס אַף געיעג מיט גוואַלדיקע ריטשערײַען, ווי זײ וואָלטן באַגריסט דעם שלעכטן וועטער. די שטורמישע נאַכט רופֿט בײַ זײ אַרויס פֿרײד און מוטיקע, געהויבענע שטימונגען.

פּיצל האָט זיך פֿאַרסאַפּעט פֿונעם לויפֿן און זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַ בוים. דאָס ברילן פֿון די לײבן האָט זיך געטראָגן פֿון אַלע זײַטן, און פּיצל האָט ניט געוווּסט, וווּהין אַנטלויפֿט מען. ער איז געווען שטאַרק דערשראָקן און האָט אויפֿגעציטערט פֿון יעדן שאָרך. אַפֿילע דער אײגענער אָטעם, וואָס האָט זיך מיט אַ פּײַפּ אַרויסגעריסן פֿון די נאָזלעכער זײַנע, האָט אים געמאַכט ציטערן פֿון שרעק! בלײַבן דאָ אַף נאַכט, האָט ער געפֿילט, איז זײער געפֿערלעך. ער האָט געוואָלט זיך אומקערן צוריק צו די אָזערעס. אויב זיך אַ לאָז טון רעכטס אין די ווילד־געוויקסן, וועט ער אַוועקגײן ווײַט פֿון די לײבן, און אויב ער וועט זיך פֿאַרקלײַבן אין געדיכטן וואַלד אַרײַן, איז ער גאָר געראַטעוועט, ווײַל פּיצל האָט דאָרט פֿריִער קײנמאָל קײן לײבן ניט באַגעגנט, זײער געבריל טראָגט זיך קעסײדער לעבן פּלײן. פּיצל האָט אָפּגערוט אַביסל אונטערן בוים און זיך געלאָזט לויפֿן איבער דער סטעזשקע צו די אָזערעס.

צו פּיצלס גליק, האָבן די לײבן דערשפּירט דעם גערוך פֿון די טויטע באַזהאָרנס און זיך אַוועקגעלאָזט אַלע אַהין. ס'איז שוין נאַכט געוואָרן, ווען פּיצל האָט זיך דערקליבן צו דער ערשטער גרויסער גרופּע בײמער, צווישן וועלכע ס'האָבן, ווי טורעמס, זיך געהויבן שוואַרצע אומגעהײער גרויסע מילבן־הויפֿנס. ער איז אַרײַנגעלאָפֿן אין יענעם טײל וואַלד, וואָס האָט זיך מיט אַ ווינקל אַרײַנגעריסן אין פּלײן אַרײַן. טיף אין וואַלד האָט פּיצל באַמערקט אַ קײַלעכיק גראָזיק זומפּל. ס'האָבן דאָרט געקוואַקעט הונדערטער פֿרעש. אין דער ווײכער גראָזיקער פֿאַרטיפֿונג, וווּ די פֿרעש האָבן זיך באַזונדערס געלאָזט הערן מיט זײער קוואַקעניש, האָט פּיצל דערזען אַ קאַליזשע רעגן־וואַסער. ער איז צוגעלאָפֿן אַהין זיך אָפּפֿרישן. פּלוצלינג האָט ער דערהערט עפּעס מאָדנע קלאַנגען. ס'האָבן זיך דערהערט ניט ווײַט מענטשישע קולעס, און צווישן די בײמער־שטאַמען האָט געפֿינקלט אַ בלאַס פֿײַערל. די אומגעריכטע שטערונג האָט פּיצלען גאָר צעשלאָגן די געדאַנקען, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. פּלוצלינג האָט ער פֿון רעכטס אין די קוסטן דערהערט אַ געברום. ער האָט זיך דערשראָקן און איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײַט. נאָר אַז ער האָט זיך אײַנגעהערט, האָט דאָס קול זיך אים אויסגעוויזן באַקאַנט.

— פרר! — האָט פיצל פרעגנדיק א פּירכקע געטאָנ. דאָס האָט ער זיכ אויסגעלערנט פונ דער מוטער.

ס'האָבנ נאָענט ערגעצ א טרישכשע געטאָנ צווײַגנ, אונ עמעצער האָט יאָמערלעכ א ברום געטאָנ: „או, או, או, הו, הו־הו!“

פיצל האָט אָנ קווענקלעניש זיכ א לאָז געטאָנ דורכ די ווילד־געוויקסנ. באַם ראַנד פונעם גראָזיקנ זומפּ צווישנ הויפנ גראָז האָט ער דערזענ בעהעמאָטלענ, מיט וועלכנ ער האָט נעכטנ פאַרבראַכט די נאַכט. פיצל האָט פונ פרייד זיכ צעקוויטשעט, צעפירכקעט אונ פונ אַלע זײַטנ גענומענ שטופּנ אינעם בעהעמאָטל דעם טעמפּנ פּיסק זײַנעם. פיצל פלעג שטענדיק אַזוי טונ, ווענ ער האָט זיכ שטאַרק געפרייט מיט עפּעס. אַלע נאָזהאָרנס טוענ אַזוי, זיי דריקנ דערמיט אויס זייער צוגעלאָזטקייט.

בעהעמאָטל האָט אָנ צווייפל ניט ווייניקער פונ פיצלענ זיכ געוווּנדערט אַפ דער אומגעריכטער באַגעגעניש אונ איז אויכ געווענ צופרידנ, נאָר עפּעס האָט אים, זעט אויס, שטאַרק געפּלאָגט. דעריבער האָט ער שוואַכ זיכ אָפּגערופנ אַפ פיצלס פריידיקע שטויסעניש. ער האָט אים נאָר אָפּגעענטפערט מיט א ווייכנ געברום: „אר־אר־או, הר־הו!“

ווּהינ־זשע זײַנען אהינגעקומען די עלטערע בעהעמאָטן? פּיצל האָט אײַנגיכן זיי אויך דערזען. ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן, האָט בעהעמאָטל צוגעפירט פּיצלען צום זומפּ. אפּן געדיכטן גראָז באַם ברעג פונעם וואַסער זײַנען דאָ געלעגן בײדע גרויסע בעהעמאָטן — אומבאַוועגלעכע, טריטע.

אין יענע קאַנטן האָבן זיך ווידער באַוויזן די יעגער, וואָס מע האָט זיי פון פאַראײַאָרן אָן ניט געזען. די בעהעמאָטן האָבן אַ געוווינהײַט הויך צו ציאָמקען און צו סאָפּען, בעשאַס זיי עסן די וואַסער־געוויקסן, און די סאָבים דערוויסן זיך גלײַך לויט אָט די קלאַנגען, ווו זיי פּאַשען זיך.

בעהעמאָטל האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און האָט זיך געטאָפּטשעט לעבן פּאָטער און מוטער. פּיצל האָט שוין געוווּסט, אַז מענטשן זײַנען פֿײַנט. די קוילעס פון די מענטשן האָבן זיך געהערט גאָר נאָענט, און פּיצל האָט זיך געסטאַרעט צונעמען בעהעמאָטלען פון די געפערלעכע שכנים.

זיי האָבן פאַרבראַכט די פינצטערע רעגנדיקע נאַכט אין די געדיכטע ווילד־געוויקסן. ביזוואַנען פּיצל האָט געשטילט דעם הונגער מיט די קוסטנצווײַגן, האָט זײַן כאַווער אומגעבלאָנקעט הין און צוריק. אָט שטייט ער לעבן די טויטע כײַעס, אָט קערט ער זיך אום צו פּיצלען, צום עסן רירט ער זיך קוים צו.

אַ גאַנצע נאַכט איז שטיל געגאַנגען דער רעגן. די וואַסער האָט געקאַפּעט פון די בלעטער און צווײַגן. אונטער די ביימער איז געווען פינצטער, ווי אין אַ גרוב. און נאָר ווען פּיצל מיט בעהעמאָטלען זײַנען אַרויסגעקומען אפּן שמאָלן וואַלד־פּליך, וואָלט אַ שאַרפּ אויג געקענט באַמערקן די שטילע באַוועגונג פון די כײַעלעך. דער וועטער איז געווען אין דער דאָזיקער נאַכט זייער אַ שלעכטער, אפּילע פאַר די נאַכט־מאַלפּעס. זיי האָבן זיך אַ צוויי־דרײַ מאָל איבערגערופן און זײַנען אַנשוויגן געוואָרן. זעלטן נאָר האָט זיך אינעם טויבן רעגנ־שאָרך דורכגעריסן דער געשריי פונעם לעאָפּאַרד, אָדער ס׳האָט זיך פונוויַטנס געלאָזט הערן דער מער גרויזאַמער געבריל, וואָס איז פּיצלען איצט גוט געווען באַקאַנט. פּיצל האָט אויפגעהערט קײַען און זיך אָנגעשפּיצט. ער האָט אַזוי־ווי אויסגערעכנט, ווי ווײַט איז ער איצט פון די שרעקלעכע לייבן.

פאַרטאָג האָט דער רעגן בּיסלעכווײַז אויפגעהערט. ווען ס׳איז ליכטיק געוואָרן, האָבן זיך דערהערט אין דער נאָענט קוילעס פון מענטשן. פּיצל און בעהעמאָטל האָבן שטילינקערהייט זיך פאַרוקט טיף אין די ווילד־געוויקסן. נאָך דערנאָך, זײַנען די מענטשן צוגעקומען צו די טויטע בעהעמאָטן, און די כײַעלעך האָבן זיך שנעל אַוועקגעלאָזט ווײַטער, צו די גרויסע אָזערעס.

די מענטשנ האָבֿנ פֿונקט פֿארנומענ די סטעזשקע, וואָס די בעהעמאָטנ זײַנענ נעכטנ געגאנגענ איבער איר, אומקערנדיק זיך פֿונ דער אָזערע. פֿיצל האָט דעריבער פֿארקערעוועט אפֿ לינקס, געפֿונענ אנ אנדער סטעזשקע, אונ בײדע פֿרײַנט האָבֿנ זיך אינגיכנ דערקליבֿנ צו א הויכנ שרויפֿיקנ בערעג. זײ האָבֿנ זיך דאָ אָפגעשטעלט אונ זיך אײַנגעקוקט אינ דער פֿארוואָקסענער אָזערע. צווישנ די טונקל־גרינע ווילד־געוויקסנ האָט אונטנ שפיגלדיק געגלאנצט דאָס וואסער, שלענגלענדיק אונ צעגײענדיק זיך אינ אלע זײַטנ צווישנ די קוסטנ. די זונ האָט זיך דורכגעשלאָגנ צווישנ נעפל אונ העל באלויכטנ דעם גרינעם פלאצ. בײַ די בערעגנ האָט זיך לײַכט געוויגט דאָס גראָז מיט די צווײַגנ, אָנגעלאָדענע מיט שווערע רעגנ־טראָפנס.

מיט דער דורכגעטראָטענער בעהעמאָטנ־סטעזשקע האָבֿנ די צווײ פֿרײַנט זיך אראָפגעלאָזט צו דער אָזערע. ארומ האָט געשאָרכעט דער געדיכטער וואלד, די געלע דערנער־קוסטנ, אונ די ווילד־געוויקסנ האָבֿנ זיך צוזאמענ געפֿלאָכטנ אינ אנ אומדורכדרינגלעכער געדיכטעניש. דער פלאצ איז געווענ גוט פֿארשטעלט פֿונ אלע זײַטנ, אונ ס'זײַנענ זיך גערנ אהער צונויפֿגעלאָפֿנ אלערליי כײַעס אונ פֿײגל. אפֿ די צווײַגנ פֿונ די בײמער, דורכגעפֿלאָכטענע מיט קריכיקע געוויקסנ, האָבֿנ שווארצע מאלפעס ארומגעטאנצט. ווײַטער אביסל האָבֿנ אָנ א שיר קלײנינקע מאלפעלעך געשריִענ איבערנ וואלד מיט הײזעריק־ציטעריקע קוילעס, איבערופֿנדיק זיך צום פֿרימאָרגנ. גרויסע שארעס ווילדע גענדז זײַנענ געקומענ צו פֿליִענ אונ זיך אראָפגעלאָזט אפֿנ וואסער. נאָך זײ זײַנענ אָנגעקומענ זשוראַוונ אונ צאפליִעס, אונ אײדער נאָך די צווײ פֿרײַנט האָבֿנ זיך אראָפגעלאָזט צו דער אָזערע, האָט זי שוינ געטומלט מיט פֿײגלשנ לעבֿנ.

בעהעמאָטל האָט זיך אראָפגעלאָזט שווימענ אביסל אינ דער גרינ־געלבלעכער וואסער, אונ פֿיצל האָט דערווײַל זיך צוגעלײגט דרימלענ אפֿנ בערעג אונטער די אָנגעהאנגענע צווײַגנ. בײַ די וואָרצלענ פֿונ די בײמער האָט שטיל געמורמלט דאָס וואסער אונ אײַנגעשלעפֿערט פֿיצלענ אינ א זיסנ שלאָף. אמאָל פֿלעג פֿיצל אופֿציטערנ, אויב ס'האָט אינ דער נאָענט עמעצער א מעקע געטאָנ, צי א אנטילאָפע האָט זיך דורכגעריסנ פֿונ די קוסטנ צום וואסער. ארום האלבנ טאָג איז בעהעמאָטל צוגעשווּומענ צום בערעג אונ האָט זיך אוועקגעלײגט ניט ווײַט פֿונ זײַנ פֿרײַנט אינ דעם ניט טיפֿנ וואסער. פֿיצל האָט זיך אינגאנצנ בארויִקט אונ איז געשמאק אײַנגעשלאָפֿנ.

פֿיצל האָט זיך אופֿגעכאפט, ווי געוויינלעך, ארום אזײגער פֿיר. ער האָט זיך פֿריִער אָנגעטרונקענ, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעבאָדנ בײַם בערעג סאפענדיק אונ פֿירכקענדיק, פונקט ווי א גרויסער נאָזהאָרנ. ארויסגײענ־

דיק פונ וואסער, האָט ער זיכ געכומענ רײַבנ מיט אימפּעט אינ א בוים. פּונעם רויש האָט דער כאווער זײַנער בּיסלעכווײַז געכומענ אופוואכנ פונ שלאָפ. ער האָט זיכ צערודערט אונ אומרויִק זיכ ארומגעקוקט, אזויווי אופרישנדיק אינ זיקאָרנ אינ דאָזיקנ אומבאקאנטנ אָרט אלע זאכנ, וואָס האָבנ מיט אים געשענ. צו נאכצו האָט זײַנ אומרויִקײַט זיכ פארשטארקט. בּא דער שײַנ פונ דער זונ האָט בּעהעמאָטל פארגעסנ אינ זײַנ אומגליק, נאָר איצט האָט אים ווידער א ציִ געטאָנ צום פאָטער אונ צו דער מוטער.

נאָכנ זונ־פארגאנג האָבנ בּיידע פרײַנט, צופנדיק אונ קײַענדיק די צווײַגנ, פאמעלעכ זיכ אװעקגעלאָזט דורכ די געדיכטע וואלד־געוויקסנ צו דעם אָרט, וווּ ס׳איז געשטאנענ דער יעגער. פּיצל איז געגאנגענ אהינ אָנ כיישעק, נאָר ער האָט נים געוואָלט אָפּשטײנ פונ בּעהעמאָטלענ, אונ זיי זײַנענ בּיידע ארויסגעגאנגענ אפנ פרײַענ האלד־פּלאצ. פונ די אומגעהייערע בּעהעמאָטישע טויטע קערפּערס זײַנענ געבּליבּנ נאָר עטלעכע בּעהאקטע טיילנ. שווארצע מענטשנ האָבנ צעשניטנ די בּעהעמאָטנ אפ שטיקער אונ אוועקגעטראָגנ דעם גרעסטנ טייל צו זיכ.

פארנאכט האָט ווידער געכומענ גיסנ א רעגנ, אונ אינעם מענטשנ־לאגער איז שטיל געוואָרנ. נאָר פּיצל האָט דערשפּירט דעם גערוכ פונעם שײַטער־רויכ אונ האָט פארשטאנענ, אז די פײַנט זײַנענ נאָכ אלצ דאָ.

בּעהעמאָטל האָט זיכ ענדלעכ צוגעוווינט צו זײַנ בּיטער מאזל, אונ איז געהאָרכזאם נאָכגעגאנגענ נאָכ זײַנ כאווער. פּיצל האָט געוואָלט אוועקצוגײנ וואָס ווײַטער פונ די דאָזיקע ערטער.

ווּהינ זאָל ער זיכ לאָזנ גײנ?

אינ אלע זײַטנ — ווילדגעוויקסנ מיט בּעהעמאָטנ־סטעזשקעס, וואָס פירנ צו די שטיל־רויִקע אָזערעס. איצט, אז פּיצל אונ בּעהעמאָטל זײַנענ בּיידע געבּליבּנ אָנ עלטערנ, איז יעדער פּלאצ געווענ פאר זיי גוט, נאָר דער מער געניטער פּיצל — ער איז געווענ דער פירער — האָט זאָרגזאם געזוכט א סטעזשקע צו דער טיפער אָזערע אינ קראטער. דאָרט האָט ער פארבראכט אמאָל טעג אונ נעכט מיט זײַנע עלטערנ, דאָרט איז געווענ רויִק אונ געפּארלאָז. ווענ די ווינטערדיקע זונ האָט ארום צענ אזייגער אינדערפרי זיכ דורכגעשלאָגנ דורכנ גרוי־בּלויענ נעפּל, זײַנענ בּיידע פרײַנט געלעגנ אפנ בּרעג פונ דער זעלבּער שטילער אָזערע, וווּ זיי האָבנ פארבּראכט נעכטיקנ טאָג. זייערע לעפּישע קערפּערס האָבנ זיכ שארפ ארויסגעטיילט צווישנ די שטאלטנע פיגורנ פונ די אנטילאָפּעס, וואָס האָבנ זיכ געפּאשעט אינעם גרינעם טשערעט.

א לאנגע צײַט זײַנענ די פרײַנט געלעגנ אפנ הוילנ פּלאצ צווישנ די קוסטנ אונ זיכ געוואָרעמט אפ דער זונ. פונ פּיצלס גראָבּער הויט האָט

געשלאָגן אַ פּאַרע, און פֿונעם גלאַטן בעהעמאָטל זײַנען אַראָפּגערונען די־
לעצטע טראָפּנס וואַסער. פּיצל האָט געפֿינטלט מיט די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן.
ער וואָלט שוין לאַנג פֿאַרמאַכט די אויגן און אַנשלאָפֿן געוואָרן, נאָר ער
האָט מוירע געהאַט, אַז דער כוואַר זאָל אים ניט איבערלאָזן אַליין. בע־
העמאָטל האָט אומרויִק געבישטשערט אין וואַסער, ווי ער וואָלט זוכן עפּעס
אין דער טיף.

נאָך האַלבן טאָג האָט די זון זיך באַהאַלטן, און ס'האָט ווידער גענו־
מען גיסן אַ רעגן. די ריזיקע שניי־בערג, וואָס האָבן אין האַלבן טאָג הויך
געשטיגן אין דער ווײַט מיט זייערע נעפּלדיק־בלויע היטלען, זײַנען פֿאַר־
שווונדן געוואָרן, ווי דער רעגן וואָלט זיי פֿאַרשוועונקט.

גיך און אָן גערויש איז צוזאַמען מיטן רעגן אָנגעשוווּמען אַ נעפּל.
אַלץ איז מיטאַמאָל גרוי געוואָרן, ווי די גאַנצע פּײַכטע לופֿט וואָלט פֿאַר־
וואַנדלט געוואָרן אין דאַמף. פֿינצטערע נעפּל־וואָלקנס האָבן זיך אָנגע־
רוקט פֿונונטן און פֿאַרדעקט דעם נאָענטן וואַלד, וואָס לעבן דער אָזערע.
אויף דער צווייטער זײַט אָזערע האָבן די פֿאַרוואַקסענע ברעגן שוין זיך ניט
אַרויסגעזען, און נאָר די בלאַסע סילועטן פֿון די ביימער־שפּיצן האָבן
פֿינצטער געשטאַרצט איבער די נעפּל־קנוילן.

אין דער נעפּלדיקער אָזערע האָבן געשריִען וואַסער־פֿייגל. צוויי זשו־
ראַווען זײַנען אַרויסגעפֿלויגן פֿונעם טשערעט און מיט יאָמערלעכן געשריי
געבישטשערט אינעם נעפּל, זוכנדיק אין דער ווײַט אַ צווייטע קלענע אָזע־
רע. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט געשרייען; אייניקע זײַנען פּיצלען
באַקאַנט געווען, אַנדערע — כּמעדעסדיקע און ביזגיריקע, ווי אָט דער גאַנ־
צער שוואַרצער מוירעדיקער וואַלד. די פֿאַרנאַכטיקע טונקלקייט איז אומ־
באַמערקט איבערגעגאַנגען אין נאַכט־פֿינצטערניש. דער ווינט איז שטיל
געוואָרן. דער רעגן האָט אָן אויפֿהער און אײַנגעשפּאַרט געגאָסן. די נאַ־
סע בלעטער זײַנען אומבאַוועגלעך געהאַנגען אויף די כמורנע, פֿינצטערע
קוסטן.

III

די שלאַקס־רעגנס האָבן גענומען גיסן גאָר ערנסט. די וווּנדערבאַרע
געוויקסן אויף רײַכן ווולקאַנישן באָדן צופֿוסנס פֿונעם קראַטער האָבן זיך
צעלאָזט מיט ווילדן פּראַכט. דאָס העלפֿאַנד־גראָז האָט זיך אַלע טאָג אויפֿ־
געהויבן אַלץ העכער, און די סאַמע גרעסטע נאָזהאָרנס האָבן איצט גע־
קענט זיך באַהאַלטן דאָרט איבערן קאָפּ. די גראָבע קוסט־געוויקסן, וואָס
די נאָזהאָרנס מיט די העלפֿאַנדן האָבן זיי הויל אַרומגעהריזעט און צוגע־

קוועטשט צו דער ערד, האָבנ שנעל גענומענ אַרויסלאָזנ נײַע גרינע צווײַגנ און איבערפלעכטנ די כײַישע שטעגנ.

אינ וואַלד, ווו די רעגנ־וואַסער האָט אָנ אופהער געקאַפּעט און געפלאָסנ פונ די בלעטער, האָט זיכ געהויבנ אַ וואַרעמער דאַמפּ פונ די פוילנדיקע געוויקסנ. צווישנ פײַכטנ מאָכ האָבנ גענומענ וואַקסנ גיפטיקע שוועמלעכ און ווייכע שוואָמ־געוויקסנ. די אומגעוואַלגערטע צעפוילטע ביימער, וואָס זײַנענ באַדעקט געווענ מיט מאָכ און מיט אַ שווערנ שיכט טויטע בלעטער, האָבנ אָנגעהויבנ אויסקריכנ און צעשאָטנ ווערנ — די שטורמישע געוויקסנ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ צו דער זונ פונ אונטערנ בלעטער־צודעק, האָבנ נאָכ מער געבערעקלט די ביימער. זאַפטיקע קריכיקע געוויקסנ האָבנ זיכ געפלאָכטנ און געקרײַזלט, געהויבנ זיכ צו די סאַמע שפּיצנ פונ די ביימער, און אָנ־דאָ, אָנ־דאָרט אינ דער טונקל־גרינער וואַלדגעדיכטעניש זײַנענ פאַנאַנדערגעוואָרפנ געווענ בונט־רויטע בלומענ־בלעטעלעכ מיט אַ שטאַרקנ גערוכ, וואָס דערמאַנט זשאַסמינ.

יאָ, די רעגנס האָבנ גענומענ גיינ ערנסט. די נאָזהאָרנס האָבנ זיכ אַראָפּגעלאָזט פונ די טונקעלע באַרג־וועלדער אַפ די אָפענע גראָזיקע לאָנקעס לעבנ די אָזערעס. זיי האָבנ זיכ געפילט דאָ זיכערער, ווײַל אינ וואַלד אַפ די באַרג־זײַטנ האָבנ זיכ ווידער העלפאַנדנ באַוויזנ. די העלפאַנדנ האָבנ איצט אינ די בערג אומעטום געפונענ פאַר זיכ קאָליזשעס צום טרינקענ, און דער וואַלד איז פאַר די דאָזיקע אײַנוווינער זײַנע נאָכ גרויזאַמער געוואָרנ. די טיפע שטעגנ און די ברייטע בלאָטיקע שפּורנ אינ די ווילדגעוויקסנ, די אײַנגעבראָכענע צווײַגנ און די אומגעוואַלגערטע ביימער האָבנ אָנגעוויזנ דעמ וועג, ווו די דאָזיקע אומרויִקע ריזנ זײַנענ דורכגעגאַנגענ.

זשוראַווענ, צאַפּליעס און אַנדערע פייגל, וואָס האָבנ זיכ ניט געגעסטעט לעבנ די היגע אָזערעס, זײַנענ אַוועקגעפלויגנ אינ די ווײַטערדיקע קליינע אָזערעס, ווו זיי פלעגנ געוויינלעכ פאַרברענגענ די צײַט פונ די רעגנס. ס'האָט זיכ זעלטענער געלאָזט הערנ דער ליאַרעמדיקער געשריי פונ די מאַלפּעס. די זונ האָט זיכ קימאַט ניט באַוויזנ, און דער וואַלד איז אַלצ פינצטערער געוואָרנ.

בלויז די בעהעמאָטנ האָבנ זיכ אָפּגעגעבנ קאָנטעס און געפּראַוועט זאַטע מאָלצײַטנ אינ דער זאַפטיקער רײַכער געוויקסנ־וועלט. דער פײַכטער וועטער איז געווענ פאַר זיי ווי אָנגעמאָסטנ. זיי האָבנ ניט געדאַרפט וואַרפנ די פּיטער־פלעצער באַ דער ערשטער שײַנ פונ טאָג און גיינ זיכ באַהאַלטנ אינ וואַסער. אינ די רעגנדיקע טעג זײַנענ די פײַנט זעלטנ פאַרקראָכנ צו זיי, ווײַל באַ דער בלאַסער, ניט־קלאָרער נעפּלדיקער שײַנ איז זיי ניט לײַכט געווענ אויסצושפּירנ די בעהעמאָטנ.

די צוויי קלײנע פרײַנט זײַנען אפּ עטלעכע טעג פארבליבנ אין דעם דאָזיקנ פרידלעכנ ווינקעלע, וו ס׳האָט זיכ א קלײנע אָזערע צווישנ געדיכטע קוסטנ און געלע דערנער־געוויקסנ באהאלטנ. זײ האָבנ אריכ געפילט, אז עס גיסנ גאָר אומגעווײנלעכע רעגנס,—יעדנפאלס, האָבנ זײ בײדע פאר זײער קורצנ לעבנ אזוינע רעגנס נאָכ ניט געזענ. די בלאסע גרויע טעג זײַנען אומבאמערקט אריבער אינ דער נאכט. פאר די לעצטע צוויי טעג האָבנ די פרײַנט אפילע קײנ מעגלעכקײַט ניט געהאט זיכ אויסוואלגערנ אפנ זאמדיקנ פלאצ, וו זײ פלעגנ געווײנלעכ זיכ ווארעמענ אפ דער זונ.

אינ די ערשטע טעג נאָכ די עלטערנס טויט איז בעהעמאָטל געווענ שטארק צערודערט און האָט זיכ געוואָרפנ אינ אלע זײַטנ. פּיצל איז אים נאָכגעגאנגענ פוס־טריט איבעם לאנגנ וועג, וואָס זײ האָבנ דורכגעמאכט דורכ קוסטנ און איבער וואסער. אײנמאָל איז בעהעמאָטל אפ א גאנצנ טאָג פארשוווּנדנ געוואָרנ צוזאמענ מיט אנדערע בעהעמאָטנ אינ א גוט באקאנטער אָזערע,—דאָרט וו ער איז געבוירנ געוואָרנ. פּיצל האָט אינ גרויס אומרו געוואַרט אפ אים באם ברעג.

און פּלוצלינג האָבנ זיכ צו דער אָזערע יעגערס אונטערגעגאנוועט. בעהעמאָטלען האָט א שוידער אָנגענומענ. ס׳האָבנ א טראכקע געטאָנ עטלעכע שאָסנ, און די קוילנ האָבנ געטראָפנ דעם אלטנ בעהעמאָט. בעהעמאָטל האָט זיכ אײַנגעטוקט... א גאנצנ טאָג האָט ער פארבראכט אינ פיבערדיקער ציטערניש אונטערנ וואסער אינ דער מיט פונ דער אָזערע. ער האָט מוירע געהאט זיכ ארויסשטעקנ פונעם וואסער. נאָר זעלכנ, ווענ ער האָט געדארפט אנ אָטעם טונ, האָט ער עכוואָס אופגעהויבנ די נאָזלעכער איבערנ וואסער, ענדלעכ, ווענ ער האָט זיכ אײַנגעשטעלט ארויסשטעקנ דעם קאָפּ פונעם וואסער און א הײב טונ די שווערע ווײעס, האָט ער דערזענ, ווי מע שלעפּט צום ברעג צוויי טויטע בעהעמאָטנ. מענטשנ שטײענ באם ראנד פונ דער אָזערע און שטרעקנ די האנט צו דערלאנגענ זײ. בעהעמאָטל האָט, א פארציטערטער, זיכ ווידער אראָפּגעלאָזט אינ דער טיפ. ס׳איז פינצטער געוואָרנ. דעמלט האָט ער זיכ שטילינקערהײט ארויסגעקליבנ אפ אנ אָרט, וו די געדיכטע קוסטנ זײַנען געווענ אראָפּגעהאנגענ איבערנ וואסער. אינ דער פינצטערניש איז בעהעמאָטל אביסל דרײסטער געוואָרנ און האָט זיכ אײַנגעשטעלט א פּאָר מאָל הײזעריק א ברום טונ. פּיצל, וואָס האָט זיכ אריכ אויסגעבאהאלטנ פונ די יעגער, האָט אים אָפּגעענטפערט מיט א פּירכקע און מיט א קוויטש. עטלעכע מאָל האָבנ זײ זיכ אזוי איבערגערופנ, און די צוויי פרײַנט האָבנ זיכ ווידער פארײניקט.

ווענ זײ האָבנ זיכ געלאָזט אינ וועג אַרײַנ דורכ די ווילד־געוויקסנ, וווּ פּיצל האָט זיכ אויסבאַהאַלטנ, האָבנ זײ אָנגעטראָפנ אַפ אַ געדיכטנ שפּור פונ בלוט. ווײַטער אַביסל האָבנ זײ דערזענ אַ פאַרווונדעטנ בעהעמאָט. די קויל האָט אימ געמאַכט אַ שרעקלעכע ווונד. ער איז אַרויסגעקראָכנ פונ וואַסער, נאָר ווײַטער לויפנ האָט ער ניט געקענט. דער יעגער האָט זיכ געצילט אינ קאָפּ אַרײַנ, נאָר די קויל האָט אימ צעקלאַפּט דעמ אונטערשטנ קינבאַק, אונ די כײַע האָט זיכ שטאַרק געמאַטערט. די פרײַנט זײַנענ אינ אײַלעניש אוועק אונ זיכ געלאָזט גײנ צו אַ זיכער אָרט לעבנ דער אָזערע אינעמ קראַטער.

די זונ האָט, ענדלעכ, אַרויסגעקוקט. די שײַנ האָט זיכ צעגאָסנ איבערנ וואַלד, אונ די גרויע וואַסער־פלאַכ האָט ווידער אַ בלישטשע געטאָנ דורכנ נעפּל. די וואָלקנס האָבנ זיכ פונאַנדערגערוקט, ווי אַ פאָרהאַנג. די העלע זונ האָט זיגעריש גענומענ שוועבנ איבערנ בלויענ הימל.

די אַנגענעמע וואַרעמקײַט, וואָס האָט אַרײַנגעדרונגענ אינ די קוסטנ האָט פּיצל דערפילט דער ערשטער. ער איז אַרויס פונ זײַנ רויִק אָרט אונטערנ אײלבּירט־בוימ, ווו ער איז געלעגנ מיט דער נאָז פאַרשטעקט אינ דער ערד, אונ אַרויסגעלאָפנ אַפ דער זוניקער לאָנקע. בעהעמאָטל האָט אופמערקזאַמ געשפּירט נאָכ פּיצלענ אונ איז באַלד אוועק נאָכ אימ. דאָס וואַסער האָט געגלאַנצט אַפ דער זונ אונ גערופנ צו זיכ. בעהעמאָטלענ האָט זיכ שוינ לאַנג געוואָלט אַ שווימ טונ. ער איז שנעל אַראָפּ פונעמ ברעג אינ וואַסער אַרײַנ אונ גענומענ שווימענ אַהינ אונ אַהער, אַרויסשטעלנדיק די פעסלדיק־קײַלעכדיקע זײַטנ. דערנאָכ האָט ער זיכ אונטערגעכוקט אונ גענומענ לאָזנ פּוכירלעכ, פּירכקענדיק פונ גרויס פאַרגעניגנ.

פּיצל האָט געקוקט אַפ אימ פונעמ ברעג, אונ אַפ זײַנ געקנײטשטנ פּיסק איז געווענ אַזויִנ אויסגעדריקט אַ פראַגע: „וויִאַזוי פירט מענ זיכ אומ מיט אַזאַ כאַווער, אַז ער קריכט גאָר שטענדיק אינ וואַסער אַרײַנ?” דערנאָכ האָט זיכ פּיצלס קאָפּ אָנגעהויבנ אַראָפּלאָזנ אַלצ נידעריקער אונ נידעריקער צו דער וואַרעמער פײַכטער ערד. אינגיכנ איז ער אַנדרימלט געוואָרנ.

נאָר אויב די צוויי פרײַנט האָבנ שוינ געהאַט פאַרגעסנ אינ זײערע פײַנט, האָבנ צוויי פונ די יעגער ניט געוואָלט אינ זײ פאַרגעסנ. זוכנדיק דעמ פאַרווונדעטנ בעהעמאָט, האָבנ זײ שטאַרק כײשעק געהאַט צו כאַפּנ אַ לעבעדיקס דאָס קלײנע בעהעמאָטל. אַפנ פרישנ גראָז איז ניט שווער געווענ אויפצוזוכנ די צווייענדיקע שפּורנ. בעשאַס די פרײַנט האָבנ זיכ געוואַרעמט אַפ דער זונ — אײנער אינ וואַסער, אונ דער צווייטער באַמ ברעג, —

האָבן צווײ בײזווײליקע שאָטנס זיך גענומען אונטערגאַנווענען צו זײ דורך די ווילד־געוויקסן.

פּיצלען איז געקומען צו הילף זײַן גוטער געהער.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ פרײלעכן רויש און פאַרשײַטע געשרײען. אַ כעווראַ קלײנע מאַלפּעלעך האָבן פאַרפירט אַ שפּיל צווישן די בײמער. פּיצל האָט מיט זײַנע קורצזיכטיקע אײגעלעך ניט געקענט זען, ווי די מאַל־פּעלעך יאָגן זיך האַסטיק אײנער נאָכן צווײטן, צעהוידענדיק די בלעטער, ווי עס פינקלען די ווײדלען זײערע באַם טאַנצן פון אײן בוים אויפן צווײטן, נאָר די געשרײען זײערע, דאָס שאָרכען פון די בלעטער און צווײַגן האָט ער גוט געהערט. פּיצל האָט זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף און אוועקגע־לאָזט צום מימאָזע־וועלדל, ער האָט איצט ליב באַקומען די זיסע מימאָזע־שפּראָצונגען מער פון אַלע איבעריקע שפּײַז.

בעהעמאָטל איז אין דער זעלבער צײַט צוגעשווומען צום ברעג און זיך אוועקגעלײגט אינעם פליטקן וואַסער לעבן די ראָר־געוויקסן. די יעגער האָבן זיך פאָרזיכטיק אָראָפּגעלאָזט צו דער אָזערע, זײַנען פאַרגאַנ־גען צום ראַנד וואַלד און זיך אײַנגעקוקט דורך די ראָר־געוויקסן. פריִער פון אַלץ האָבן זײ דערזען אַ גראָבן קײַלעכדיקן קערפּער, וואָס גלאַנצט אויף דער זון. פּיצלען הינטער די דערנער־קוסטן האָבן זײ ניט באַמערקט, אַזאַ גליקלעכער צופאַל פאַר אַ יעגער! די צווײ פרײַנט האָבן זיך אַלץ געוואַרעמט אויף דער זון און ניט באַמערקט, אַז די פרײלעכע מאַלפּעלעך, דערשראָקענע פון די מענטשישע טריט, האָבן פלוצעם געוואָרפן די פרײ־לעכע שפּיל און גענומען שרײַען אין גרויסן אומרו.

די יעגער האָבן זיך פאָרזיכטיק גערוקט פאָרויס. די פײגל, וואָס האָבן געהימלט אין דער אָזערע, האָבן אָנגעהויבן אומרויִק זיך איבערופן. ס׳האָט זיך אָנגעשפּיצט די אַנטילאָפּע, וואָס האָט זיך געפּיטערט ניט ווײַט אינעם ראָר. די יעגער זײַנען געקראָכן אויף אַלע פיר צווישן די ווילד־געוויקסן.

דער פעדערשטער יעגער איז שוין געהאַט צוגעקראָכן צום וואַסער און איז געווען שוין גאָר נאָענט פון בעהעמאָטלען, וואָס האָט נאָך אַלץ זאָרגלאָז געדרימלט אין פליטקן וואַסער לעבן גראָז. נאָר דאָ האָט אַ לײַכט ווינטל אַ בלאָז געטאָן צו די מימאָזעס. פּיצל האָט דערפילט די פײַנט.

— פר! פרר! פרר!

— אַ נאָזהאָרן!

די יעגער האָבן אַ כאַפּ געטאָן די ביקסן. זײ זײַנען נאָך מער צעטומלט געוואָרן פון בעהעמאָטלען, וואָס איז אויפגעשפּרונגען און האָט אומרויִק גענומען זוכן מיט די אויגן דעם כאַווער זײַנעם. די יעגער האָבן באַמערקט,

אַז די דראָענדיקע פּירכקערײַ לאָזט זיך הערנ פֿונ די דערנער־קוסטנ הינטער זײ, אונ האָבנ זיך אײַליק א לאָז געטאָנ פֿאָרויס צו כאַפּנ דאָס בעהעמאָטל.

נאָר אײַנהאַלטנ דעם גראָבנ גליטשיקנ קערפּער איז געווענ ניט אזוי גרינג. דערצו נאָך האָט בעהעמאָטל, וואָס האָט דערהערט פּיצלס פּירכקערײַ, זיך צוגעגרײט צו אַנטלויפֿנ, כאָטש ער האָט די מענטשנ ניט באַמערקט. ער האָט זיך א ריס געטאָנ פֿונ די יעגערס הענט, אונ אינ א ווײַלע ארום האָבנ זײ שוינ געזענ ניט מער, ווי סע בולקעט אונ בלעזלט זיך די וואסער פֿונ דער טיפֿ, וווּהינ בעהעמאָטל איז פֿארשוווּנדנ געוואָרנ. —

דעם צווײטנ פֿרימאָרגנ, ווענ די זונ האָט זיך אופֿגעהויבנ איבער די בײמער, זײַנענ די צווײ פֿרײַנט געווענ שוינ ווײַט פֿונעם זאמדיקנ פּלאַצ. אָנגעשראָקענע פֿונ די יעגער, זײַנענ זײ א גאַנצע נאכט געלאָפֿנ אָנ אָנ אָטעם. ווענ עמעצער וואָלט געווענ נאָכגײנ נאָך זײערע שפּורנ אינ גראָז אונ אינ די ווילד־געוויקסנ, וואָלט ער אַפֿ מאָרגנ אינדערפֿרי זײ געפֿונענ אינ וואלד, אַפֿ די גראָזיקע ברעגנ פֿונ א קלײנער אָזערע, צופֿוסנס פֿונעם פֿארלאָשענעם ווולקאַנ. טונקעלע ווענט פֿונ ריזיקע בײמער האָבנ ענג אונ געדיכט ארומגעשטעלט פֿונ אלע זײַטנ די אָזערע. די ברעגנ זײַנענ געווענ באַדעקט מיט געדיכטע קוסטנ. דאָס איז געווענ א פֿארוואָרפֿנ אונ א פֿארשטעלט ווינקעלע, זײער א פּאסיק אָרט פֿאר די צווײ פֿרײַנט, וואָס האָבנ געזוכט א באַהעלטעניש.

טעג זײַנענ געגאַנגענ, די זונ האָט געשײַנט אונ געוואַרעמט, דערנאָך איז א נײַע לעוואָנע ארויס אַפֿנ הימל, אונ דער וועטער האָט זיך געענדערט. ס׳זײַנענ אָנגעקומענ שטורמישע שוואַרצע נעכט אונ פֿינצטערע רעגנדיקע טעג. נאָר אינ א וואָך ארום איז דער הימל ווידער בלױ געוואָרנ, אונ דער וואלד האָט זיך אָנגעפֿילט מיט דופֿטיקע רײכעס. נאָך די שײַנענדיקע זוניקע טעג זײַנענ געקומענ ווונדערבאַרע לעוואָנעדיקע נעכט. גלי־ווערעמלעך זײַנענ אינ פֿײַערדיקע שאַרעס ארומגעפֿלויגנ איבער די קוסטנ, אונ דער גאַנצער וואלד האָט טריב געהילכט מיט נאכטיקע קוילעס.

די פֿרײַנט האָבנ זיך באַזעצט אונטער א ריזיקנ פֿײַגנבוים אינ א רויִק ווינקל לעבנ דער אָזערע. צווישנ די שטאָרצנדיקע וואָרצלענ פֿונעם בוים האָט פּיצל אויסגעגראָבנ א טיפֿע קײַלעכדיקע גרוב, ווי עס פֿלעגנ טונ די גרויסע נאָזהאָרנס, אונ איז זיך דאָרט געלעגנ אינ די באַטאָגיקע היצנ. אמאָל פֿלעגנ זײ בײדע אַוועקגײנ אינ דער טיפֿ פֿונעם וואלד אונ זיך געשמאַק אויסשלאָפֿנ אינ געדיכטנ פֿײַכטנ שאָטנ. דערנאָך האָבנ זײ זיך צוזאַמענ געפֿיטערט לעבנ וואסער אינ די געלע דערנער־געוויקסנ. נאָך דער

באַגעגעניש מיט די יעגער האָט בעהעמאָטל ניט ריזיקירט צו ליגנ אונ צערטלענ זיכ אַפ דער זונ אינ דעמ אָפענעמ פליטקנ וואַסער.

פיצל האָט זיכ אופגעזוכט א פאַרבאָרגנ ווינקל באַמ ראַנד וואַלד, אונטער א שירעמ פונ געדיכטע צווײַגנ אונ איבערגעפלאָכטענע קוסטנ. די נאָרע זײַנע איז אַזוי געווענ איבערגעפלאָכטנ מיט ווילדנ ווײַנטרויב אונ קריכיקע געוויקסנ, אַז דאָס שאַרפסטע אויג אַפילע וואָלט פיצלענ ניט געקאָנט באַמערקנ אינ זײַנ באַהעלטעניש.

צווישנ די געדיכטע איבערגעפלאָכטענע קוסטנ האָבנ פיצל מיט בעהעמאָטלענ אופגעזוכט א צוויי־דרײַ לאָנקעס, ווו זיי האָבנ זיכ געוואַרעמט אַפ דער פרימאָרגנדיקער זונ אונ ניט מוירע געהאַט פאַר א פלוצלינגדיקנ אָנפאַל. זיי פלעגנ איצט זייער פאָרזיכטיק אַרויסקלײַבנ אַנאָרט אַפ אָפצורוענ.

ביסלעכווײַז, נאָכ דעמ, ווי פיצל איז עטלעכע מאָל אומזיסט געלאָפנ זיכ באַהאַלטנ אינ די ווילד־געוויקסנ, אונ בעהעמאָטל איז אַוועק זיכ אונטערטוקנ אינ וואַסער, האָבנ די פרײַנט זיכ אָנגעהויבנ באַרויקנ. פיצל האָט זיכ נאָכ פונ זײַנע עלטערנ אויסגעלערנט, וואָס צו טונ, ווענ מע דערהערט א טרישטשע אינ די קוסטנ. מע דאַרפ א מאַכ טאָנ „פררר!" אונ זיכ אײַנהערנ, אויב אינ די קוסטנ געפינט זיכ א נאָזהאָרנ, וועט ער ענטפערנ „פררר!", אויב ניט — דעמלט דאַרפ מענ קיינ צײַט ניט פאַטערנ. א גרויסער נאָזהאָרנ טוט איינס פונ די ביידע: אָדער ער לאָזט זיכ לויפנ, אָדער ער וואַרפט זיכ אינ אַטאַקע. פיצל איז נאָכ געווענ צו יונג, ער זאָל זיכ וואַרפנ אינ אַטאַקע, אונ בעהעמאָטל איז ביכלאל ניט געווענ קיינ גרויסער קריגער.

„פררר!" — טוט פיצל צעטומלט א פירכקע איינ מאָל צי צוויי מאָל, אונ ביידע פאַרטײַענ זיכ אַפ א ווײַלע. אונ בעהעמאָטל, וואָס איז ניט געוווינט געווענ זיכ לאָזנ אינ געפערלעכע געגנט, פלעג א דערשראָקענער אָנהייבנ פירכקענ אונ טוקנ זיכ מיטנ קאָפ אַראָפ אינעמ וואַסער. נאָכ אימ האָט פיצל מיט דער גאַנצער שנעלקײַט, אַפ וועלכער עס זײַנענ פײַיק געווענ זײַנע קורצע פעסטע פיס, גענומענ יאָגנ אונ אַנטרונענ ווערנ מיט א פירכקערײַ אינ די קוסטנ אַרײַנ.

דאָ אינ דער באַהעלטעניש האָט ער שטילינקערהייט אַרויסגעלאָזט דעמ אָטעמ דורכ די נאָדלעכער אונ זיכ געסטאַרעט אָנשמעקנ מיט דער נאָז דעמ סוינע. אויב ס'האָט גאָרניט ניט געטראָפנ, פלעג פיצל פאָרזיכטיק אַרויסקריכנ פונ דער פאַרבאָרגעניש אונ ווידעראַמאָל שטילינקערהייט פרעגנדיק א פירכקע טונ. דאָס האָט ער געמיינט אַרויסרופנ דעמ כאַווער זײַנעמ. נאָר יענער האָט זיכ קיינ ריר ניט געטאָנ, זיכ געהאַלטנ אונטערנ וואַסער אונ נאָר זעלטנ אַרויסגעשטעקט פונ וואַסער די נאָזלעכער, קעדיי צו איבערכאַפנ דעמ אָטעמ.

דערזעענדיק דעם כאוזער אפנ ברעג, האָט בעהעמאָטל פארשטאנענ, אז די געפאר איז אוועק, אונ איז פאָרזיכטיק צוגעשווומענ צום ברעג. דערנאָכ האָט ער זיכ אינגאנצנ בארויִקט אונ פריילעכ גענומענ זיכ פליוסקענ אינעם פליטקנ וואסער. ביידע האָבנ זיכ אזויוי געפרייט, וואָס זיי האָבנ קונציק זיכ אויסגעדרייט פונעם פײַנט, — פונעם פײַנט, וואָס איז מערסטנטייל ניט געווענ גאָר אינגאנצנ!

אינ איינ זוניקנ פרימאָרגנ, ווענ די פרײַנט האָבנ זיכ אָפּגעפיטערט א שאָ צײַט אינ די ווארעמע ווילד־געוויקסנ, ווו זיי האָבנ געקײַט די זאפטיקע בלעטער, איז פיצל פלוצלינג אָפּגעטראָטנ פונעמ כאוזער אונ האָט זיכ אוועקגעלאָזט צום פײַגנבוים. זינט דאָ ניט לאנג האָט ער אָנגעהויבנ אָפּט אזוי צו טונ. אפ זײַנ קליינ טעמפּ נעזל האָט זיכ באוויזנ א בײַל, וואָס האָט אים שטארק געביסנ אונ געקיצלט, אונ פיצל איז מיט פארגעניגנ געגאנגענ צום בוים. דאָס איז געווענ א גוטער סימענ, אז אפ זײַנ נאָז וועט אינגיכנ אויסוואקסנ דאָס זיכערע געווער פונעם נאָזהאָרנ — דער גרויזאמער האָרנ.

פיצל איז אוועק צום בוים. נאָר דאָ האָט זיכ געטראָפנ אנ אומגעריכטע געשעעניש, אונ פיצל האָט צום ערשטנ מאָל אינ לעבנ דערפילט אינ זיכ שטאָלצ פונ א זיגער.

ווענ ער האָט גענומענ ארונטערקריכנ אונטערנ שירעם פונ די פײַגנ־בוים־בלעטער, האָט ער דערהערט עפּעס א שאָרכ. פיצל האָט זיכ גלײַכ אָפּגעשטעלט א דערשראָקענער אונ איז שוינ גרייט געווענ זיכ לאָזנ לויפנ. אינ דער זעלבער מינוט האָט ער דערזענ אינ זײַנ גרוב אנ אומגעריכטנ גאסט — א ווילדנ כאזער. א פרעמדער גאָר אפ זײַנ געלעגער! וואָס איז דאָס פאר אנ אזעס?

דער כאזער האָט געכאפּט א ציטער, ווענ ער האָט דערהערט דעם נאָזהאָרנס פירכקערײַ, אונ איז באלד פארשוווּנדנ אינ די קוסטנ. פיצל איז געשטאנענ אונ האָט אלצ געפירכקעט. ער איז גרייט געווענ זיכ א ריס טונ פאָרויס באם קלענסטנ פארדעכטלעכנ שאָרכ אונ האָט זיכ געפילט מעכטיק אונ גרויזאם.

בעהעמאָטל איז זיכ געלעגנ אינ די ווילד־געוויקסנ. צום אָנהייב האָט ער ניט געוווּסט, וואָס צו טונ: צי זאָל ער מיטגיינ מיטנ כאוזער, אָדער זיכ אראָפּלאָזנ אינ וואסער. נאָר אז ער האָט דערהערט א טרישטשע אונטערנ פײַגנבוים, האָט ער גלײַכ פארשטאנענ, וואָס ער האָט צו טונ. ער האָט זיכ גלײַכ אונטערגעטוקט אינ וואסער. אזוי איז ער דאָרט געבליבנ ליגנ, ביז פיצל איז ניט ארויס מיט א פירכקערײַ צום וואסער אונ גענומענ גיינ היינ אונ צוריק איבערנ ברעג, רופנדיק דעם כאוזער.

אפ מאָרגנ אינדערפרי איז דער כאזער ווידער געקומענ, נאָר איצטיקס מאָל האָט ער זיכ געהאלטנ פונוויַיטנס פונ פיצלס געלעגער. דערנאָכ האָט ער אָנגעהויבנ קומענ אהער אלע טאָג, געסמאָקעט די געזאלצענע וואָרצלענ פונ די ראָר־געוויקסנ לעבנ וואסער אונ אלע מאָל היַנטערוויַילעכס געכאפט א קוק אפ די צוויי פריַינט אונטערנ פיַיגנבוים. ווי ער פלעג נאָכ פריִער קומענ אהערצו אונ דער פלאַץ איז בא אים געווענ פאַרעכנט פאר זיַינ אייגנס, אָדער צוליב עפעס אנ אנדער סיבע, נאָר זיַינ ווילנ צו פיטערנ זיכ נאָענט פונ די צוויי פריַינט איז אלצ שטארקער געוואָרנ. אמאָל פלעג ער אפ א קורצער ציַיט ניט סטיַיענ, נאָר דערנאָכ פלעג ער זיכ ווידער באוויזנ אונ איַינגעשפארט, גאנצע טעג נאָכאנאנד, זיכ טאָפּטשענ בא די ראָר־געוויקסנ אונ קיַיענ.

פיצל האָט גאָרניט ניט געהאט קעגנ דעם, ער זאָל זיכ איבערבעטנ מיטנ כאזער. די שלעכטע שטימונג איז אים איבערגעגאנגענ, דער כאזער האָט אים ניט דערקוטשעט, אונ פיצל האָט ביסלעכוויַיז אָנגעהויבנ ווערנ ניַיגיריק; ס׳האָט זיכ אים געגלוסט צוגייענ נעענטער צום פרעמדנ אונ זיכ דערוויסנ, צי טויג ער אים פאר א כאווער. אונ אינ א פאָר טעג ארום האָבנ זיי שוינ צוזאמענ געקיַיט אפנ ברעג פונ דער אָזערע סאמע בא׳מ וואסער. פיצל האָט זיכ אויסגעלערנט באם כאזער אונטערצוגראָבנ די ראָר־וואָרצלענ. ס׳האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז זיי האָבנ ביידע איינ געשמאק, אונ פיצל האָט מיט ביישעק געגראָבנ די ערד מיטנ כאזער צוזאמענ. זיי האָבנ זיכ פאַרדינט דערמיט גאנצ געשמאקע שפיַיז.

נאָר מער פונ אלצ האָט פיצל ליב געהאט צו פארקריכנ אינ די געלע דערנער־געוויקסנ. יעדערער וואָלט זיכ געוווּנדערט, ווענ ער זעט, ווי פיצל פארשארט מיט זיַינ אייבערשטער ליפ די דערנער־צוויַיגנ, וואָס זיַינענ אָנגעזעצט מיט שארפע שטעכלעכס, אונ ווי ער קיַיט אונ שלינגט זיי אונ פילט ניט קיינ שטאָכ.

וואָס וויַיטער, האָט פיצלענ אלצ מער אָנגעהויבנ געפעלנ דאָס לעבנ צווישנ די דאָזיקע אָזערעס. די יעגער האָבנ זיי גליקלעכ אויסגעמיטנ, די עלטערנ האָבנ זיי ביידע ביסלעכוויַיז אָנגעהויבנ פארגעסנ, אונ פיצל איז פרייַלעכער, פלינקער געוואָרנ. ער פלעג שוינ איצט נים אזוי אָפט, ווי פריִער, זיכ אויפקשטעלנ א פארגליווערטער אינ עפעס א טיפנ צושטאנד. אמאָל פלעג אים אזויוויי א צי טונ נעמענ ערגעצ לויפנ. נאָר בעהעמאָטל האָט דאָ נאָענט א ברום געטאָנ, פיצל האָט געכאפט צו אים א קוק אונ זיכ באַרויִקט. ער האָט דאָ געפונענ זייער אסאכ געשמאקע געוויקסנ, אסאכ מער, ווי פריִער אינ אנדערע ערטער. יעדנ טאָג פלעג ער פאקנ עפעס א גוטס אונ א ניַיס.

אין די נעכט פלעג פּיצל מיט בעהעמאָטלען געװײנלעך זיך פּיטערן ערגעץ אױף א לאָנקע, באַזונדערס אױב ס׳איז געװען א גוטער װעטער. אין די רעגנדיקע נעכט פלעגן זײ זיך אפילע אײַנשטעלן צוגײן נענטער צום פלײץ. דאָרט איז געװאַקסן א מין גראָז, װאָס לעבן דער אָזערע איז עס ניט געװען, און בעהעמאָטל האָט עס זײער ליב געהאַט. ער האָט עס אַזױ ליב געהאַט, דאָס דאָזיקע גראָז, אַז פּיצל, װאָס האָט דאָ געהערט אַמאָל דאָס גרױזאַמע בילן פונעם לײב, האָט שטאַרק מוירע געהאַט, טאָמער װעט דער כאַזער צו װײַט אַרױסשטעקן דעם נאַרישן קאָפּ זײַנעם.

אָפּטמאָל פלעגן זײ באַגעגענען אַנדערע נאָזהאָרנס און בעהעמאָטן. פּיצל פלעג אַמאָל צושטײן צו די נאָזהאָרנס, און בעהעמאָטל צו די בעהעמאָטן. נאָר אױף לאַנג האָבן זײ זיך ניט צעשײדט. אין א קורצער צײַט אַרום זײַנען זײ זיך װידער צונױפגעקומען און װידער צוזאַמען אַרומגעבלאָנקעט.

דער װילדער כאַזער האָט זיך נאָך אַלץ אױפגעהאַלטן לעבן דער אָזערע. אין א שטיקל צײַט אַרום האָט פּיצל זיך אױסגעלערנט דערקענען פונעם כאַזערס אױפירונג, צי עס לאָקערט ניט ערגעץ נאָענט קײן סױנע. דער כאַזער איז געװען אַן אַלטער װאַלד־װאַנדערער און האָט גוט געװוּסט דעם װאַלדישן לעבנס־שטײגער. ער האָט געװוּסט, װי צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין יעדן מינדסטן קלאַנג. צוהערנדיק זיך א װײַלע, האָט דער כאַזער גלײַך דערקענט, װאָסער חיה אָדער פױגל האָט זיך עס א רודער געטאָן אין די װילדע געװיקסן. און אַז ער האָט װידעראַמאָל זיך גענומען צום קײַען, האָט פּיצל שױן געװוּסט, אַז קײן געפאַר איז ניטאָ. ביסלעכװײַז איז פּיצל רויִקער געװאָרן, די אָנגעשטרענגטקײַט און שטענדיקע שרעקעניש, װאָס באַהערשט יעדע חיה אין װאַלד, איז בא אים אָפּגעשװאַכט געװאָרן אביסל.

איז אָט, אײנמאָל, װען פּיצל איז זיך געזעסן רויִק און זיך אָנגעטאָן פאַרגעניגן אין דער שטיל, װי די פײַנט װאָלטן אַלע געװען װײַט פונדאַנען, האָט פּלוצלינג פּאַסירט זײער ניט קײן אָנגענעמע געשיכטע. דער װאַכמאַן זײערער, דער װילדער כאַזער, האָט פאַרפעלט די טריט פונעם סױנע און באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן.

פּיצל האָט זיך געהאַט אױסגעשלאָפן אין זײַן גרוב אונטערן פײַגנבױם און איז סאָף טאָג אַרױסגעלאָפן פון דאָרט אײַנגאַנצן אַן אַרומגעקלעפּטער מיט נאַסער ערד. ער האָט א קוק געטאָן דורך די ראָר־געװיקסן, צי מע זעט ניט אין דער װאַסער דעם פרײַנט זײַנעם, און איז געבליבן שטײן א געפּלעפּטער: די אָזערע איז ניטאָ! אין דער צײַט פון די גוטע װעטערן זײַנען אַלע שװימענדיקע גראָז־אינדזלען אָפּגעטראָגן געװאָרן

מיטן ווינט צום צאָפנדיקן ברעג. זיי זײַנען דאָרט געלעגן אין א געדיכטער מאסע עטלעכע קילאָמעטער, די ווײַט, און ס'איז געווען ניט צו גלייבן, אז דאָס הויכע גראָז וואקסט גאָר ניט אפ דער ערד. בעשאס פיצל איז געשלאָפן, האָט זיך דער ווינט געביטן, און די גראָז־אינדזלען האָבן זיך צוגעשלאָגן צום ברעג. מיט דער ענדערונג פונעם ווינט זײַנען איבער אוועק די זוניקע טעג. נאָר פיצלען ארט ניט די כמארעס, פון וועלכע עס קאָן זיך באלד א גאָס טון אין אלע זײַטן א רעגן. די אָזערע, וווהין איז די אָזערע אהינגעקומען? ער האָט זי דאָך געזען דאָ ניט לאנג מיט זײַנע אייגענע אויגן! און נאָך ערגער: מע זעט ניט אינערגעץ בעהעמאָטלען, כאָטש פיצל האָט וויפל מאָל געפירכקעט און געקוויטשעט צו אים, ער זאָל ארויסקומען אפן ברעג. אומעטום שפרייט זיך גראָז פאר פיצלס אויגן, און קיין וואסער זעט מען ניט אינערגעץ.

פיצל פארשטייט ניט, וואָס האָט זיך געקענט טרעפן מיט דער אָזערע. ער שטייט אן אופגערעגטער און קאוויטשעט. דערנאָך האָט עפעס א שאָרכע געטאָן אין גראָז, און אפן ברעג איז ארויסגעקראָכן בעהעמאָטל, אן אײַנגעטונקענער אין גראָז און אין וואסער־געוויקסן.

אין אָט דער נאכט, ווען א דריבנער רעגן האָט ווייך געשמיסן אינעם וואלד און פארטריבט די פארטײַעטע טריט פונעם סרינע, האָבן פלוצלינג פון דער לאָנקע לעבן די ראָר־געוויקסן זיך דערהערט שוידערלעכע קוויטשיקע געשרייען. צו פיצלען און בעהעמאָטלען זײַנען דערגאנגען קלאנגען פון א קורצן געראנגל, דעם כאזערס האסטיקע סאפעניש און אן אָפגעריסענער צאָרנדיקער געבריל. דערנאָך האָבן זיך אין דער נאכט־פינצטערניש ווידעראמאָל דערטראָגן שוידערעכע געשרייען — און שוין, א סאָף. דער אָרעמער כאזער האָט דאָס לעצטע מאָל אָפגעדינט די פרײַנט מיט זײַן וואָרעניש. בלויז די בלעטער האָבן פאָרגעזעצט אונטערן שטילן רעגן זייער שלעפעריקע פלעשטשערײַ.

ציטערנדיק פון שרעק, האָט פיצל אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט. בעהעמאָטל האָט זיך גענומען רוקן צו די קוסטן, ער איז פארכאפט געווען מיט זײַן אייגענעם, באזונדערן שוידער: דער אומזיכטיקער גרויזאמער פײַנט איז געווען צווישן אים און דעם וואסער. און איידער נאָך דער לעאָפארד האָט ארויסגעלאָזט דעם לעצטן זיגערישן געשריי, איידער ער האָט גענומען זשליאָקען דאָס הייסע בלוט פון זײַן קאָרבן, האָט אין די ווילד־געוויקסן הינטערן פײַגנבוים א טרישטשע געטאָן פון די האסטיקע טריט, וואָס די צוויי דערשראָקענע פרײַנט האָבן גענומען שטעלן, אנטלויפנדיס אָן אן אָטעם.

דעם צווייטן טאָג גאנצפרי איז דער פײַגנבוים איבערגעגאנגען צום

נײַעמ הערשער. הויכ איבער פּיצלס געלעגער זײַנענ אפ א דיקער צווײַג געהאנגענ די רעשטנ פונעמ ווילדנ כאזער, וואָס דער לעאָפּארד האָט איבערגעלאָזט אפ שפּעטער.

די צוײ׳ פרײַנט האָבנ זיכ געיאָגט אינ דער נאכט, אלײנ ניט ווײסנדיק וווּהינ. ווענ מע קערעוועט זיכ אויס מיטנ רוקנ צומ סוינע, ווײַזט זיכ שטענדיק אויס, אז ער יאָגט זיכ נאָכ די טריט. געוווּסט האָבנ זײ נאָר, אז זײ לויפנ איבער אומבאקאנטע ערטער. ס׳איז טאָג געוואָרנ, אונ די פרײַנט זײַנענ ארויסגעקומענ אפ א לאָנקע. די בײמער זײַנענ געשטאנענ ענג אָנגעשטעלט. ניט ווײַט האָט זיכ דער פלײנ אָנגעהויבנ. ווענ ס׳האָבנ זיכ דורכגעשלאָגנ דורכ די כמארעס די בלאסע שטראלנ פונ דער זונ, איז פּיצל ארופ אפ א בערגל מיט קורצנ גראָז אונ האָט א צי געטאָנ אינ זיכ די לופט.

נאָר זײַנ פאָרזיכטיקײַט איז געקומענ צו שפּעט. אפנ הויכנ בערגל זײַנענ נאָכ פונ פארטאָג אָנ געזעסנ די צווײ ווײַסע יעגער. זײ האָבנ געקוקט אינ בינאָקל אונ געוואכט, ווײסנדיק, אז די כײַעס קומענ אָפט ארויס אפנ גראָז לעבנ וואלד. די יעגער האָבנ אופגעציטערט פונ פרײד: דער קלײנער נאָזהאָרנ, וואָס האָט זיכ שוינ צווײ מאָל ארויסגעדרײט פונ זײערע הענט, האָט זיכ איצט ווידעראמאָל באוויזנ דאָ נאָענט! מע דארפ זיכ איצט באגײנ מיט אימ געשיקטער. דאָס איז א שטארק, פלינק כײַעלע, ווי ער האָט עס דערוויזנ בא די ערשטע באגעגענישנ,— דארפ מענ אימ נעמענ מיט קונצנ. די יעגער האָבנ פאָרזיכטיק ארויסגעשטעלט אלע זײערע שווארצע געהילפנ ארומ בערגל,— אונטנ, אינעמ הויכנ גראָז, איז שווער געווענ עס צו טונ.

בא די יעגער וואָלט אלצ געווינ אָפּגעגאנגענ גלאט, ווענ ניט בעהעמאָטל מיט זײַנ גראָבנ קאָפּ. ביז איצט איז פונ אימ זײער ווײניק נוצנ געווענ בעשאס א געפאר, נאָר הײַנטיקס מאָל האָט ער פּיצלענ אָפּגעדינט פאר אלע טויוועס, וואָס ער האָט אימ געטאָנ אפ די אָזערעס. קײנער האָט ניט געוווּסט, אז ער געפינט זיכ אפ יענער זײַט בערגל. די שווארצע האָבנ דאָ געגרײט א לאָקער, אונ די יעגער זײַנענ דערווײַל אומגעגאנגענ מיטנ ווינט, קעדײ דער קלײנער נאָזהאָרנ זאָל זײ דערשפּירנ אונ זיכ א לאָז טאָנ גלײַכ אינעמ לאָקער ארײַנ. אינ דער זעלבער צײַט האָבנ די שווארצע אָנגעטראָפנ אינ די ווילד־געוויקסנ אפנ יונגנ בעהעמאָט. ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ פונ זײ אונ גענומענ פירכקענ. די שווארצע האָבנ אימ אָנגענומענ פאר א גרויסנ נאָזהאָרנ, ס׳איז געוואָרנ א טומל, ס׳האָבנ זיכ דערהערט געשרײענ: „א נאָזהאָרנ!״ „א נאָזהאָרנ״! די מענטשנ האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ אלע זײַטנ דורכנ געדיכטנ גראָז מיט די דערנער אונ צעריסנ אפ שטיקלעכ אינ די שטעכלקעס זײערע קלײדער.

נאָר ס'האָט זיכ באַקומענ פאַר זיי נאָכ אַנ ערגערע לאַגע. פיצל האָט דערזענ, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט פײַנט, האָט ער זיכ אַ לאָז געטאָנ אַפנ נאָענטסטנ נעגער, וועלכער איז געשטאַנענ צווישנ אימ אונ דעמ בעהעמאָטל, וואָס איז אַנטלאָפנ אינ די קוסטנ. דער נעגער האָט געהאַלטנ אַ ביקס אינ דער האַנט, נאָר ער איז פאַרשטיינערט געוואָרנ פונ שרעק אונ ניט געוווּסט, וואָס צו טונ. דערנאָכ האָט ער אַרויסגעשאָסנ אַפ פיצלענ. פאַרהילכט פונעמ שאָס, האָט פיצל צום אָנהייב זיכ אַ לאָז געטאָנ אינ אַ זײַט, דערנאָכ האָט ער גענומענ יאָגנ פאָרויס, ווי אַ וויכער. די קויל האָט אימ דורכגעקלאַפּט די פּלייצע, אונ דאָס גראָז אַפ די שפורנ איז געפאַרבט געוואָרנ מיט בלוט. נאָר פיצל איז אַרויס אַפ דער פרײַ. ער איז אַוועק, ווי אַ שטורעמ-ווינט, נאָכ בעהעמאָטלענ דורכנ געדיכטנ גראָז, גלײַכ צו די נאָענטסטע געלע דערנער-געוויקסנ. זיי זײַנענ צוגעקומענ אַהינ שטאַרק פאַרסאָפּעטע אונ זיכ פאַרוקט טיפ אינ די שטעכלקעס.

זיי האָבנ פאַרבראַכט אַ פײַנלעכנ טאָג אינ די ווילד-געוויקסנ לעבנ די אָזערעס. די נאָגנדיקע ווונד האָט פיצלענ אַלע ווײַלע דערמאָנט אינ דער געפאַר, פונ וועלכער זיי האָבנ זיכ קוים אַרויסגעראַטעוועט. בעהעמאָטל איז אַזוי געווענ דערשראָקנ, אַז ס'האָט זיכ אימ אַפילע עסנ ניט געגלוסט. אַלע מאָל האָט זיכ אינ דער נאָענט דערהערט — אַ שאָס. ס'איז קיינ אַנדער ברירע ניט געווענ, נאָר אַנטלויפנ פונדאַנענ, וווּהינ די אויגנ טראָגנ.

פונוואַנענ, אַפנ טונקעלנ קאַמ פונעמ וווּלקאַנ, האָט זיכ אַרויסגעזענ אַנ אָפענע לאַנקע אינעמ געדיכטנ וואַלד, אונ הינטערנ וואַלד איז געלעגנ באַהאַלטנ יענער קראַטער, ווו ס'האָט געוווינט אַמאָל דער קליינער פיצל. נאָר ער איז געווענ זייער אַ קורצזיכטיקער אונ האָט ווײַטער פונ עטלעכע צענדליק שפאַנ פונ זיכ ניט געזענ. אונ דאָכ האָט עפּעס אַנ אומקלאָרער געפיל אימ אונטערגעזאָגט, אינ וועלכער זײַט עס געפינט זיכ דער קראַ-טער. דאָ, אַפ דער אָזערע, איז געווענ געפערלעכ, אונ פונ אַנ אַנדער זיכער אָרט האָט פיצל ניט געוווּסט. אינ קראַטער פונעמ פאַרלאָשענעמ וווּלקאַנ וואָלט ער מיט בעהעמאָטלענ געווענ אינ פולקומער זיכערקײַט.

געוויינלעכ, ווענ מע האָט געדאַרפט עפּעס פירנעמענ, פלעג פיצל אומ-רויִק אָנהייבנ פירכקענ, קעדיי צו אַרויסרופנ דעמ כאַווער פונעמ וואַ-סער. נאָר איצטיקס מאָל איז בעהעמאָטל געווענ לעבנ אימ. ער איז געווענ שטאַרק דערשראָקנ אונ האָט זיכ געהאַלטנ לעבנ אימ. פיצל איז איצט געווענ פאַר אימ אַ פירער, אונ בעהעמאָטל איז אָנ קיינע וואַקלעניש נאָכ-געגאַנגענ נאָכ זײַנע טריט. בעהעמאָטל האָט, פאַרשטייט זיכ, גוט געוווּסט, וווּהינ פיצל קלײַבט זיכ איצט גיינ, נאָר ס'האָט זיכ אימ אויכ געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפנ פונעמ דאָזיקנ געפערלעכנ אָרט.

לאנג האָבנ די פרײַנט געקלעטערט איבערנ שרויפיקנ בארג. פיצל האָט זיכ געאײַלט. ער האָט ניט גענאַשט קײנ בלעטער, ווי געוויינלעכ, אונ ניט געלאָזט דעמ כאַווער זיכ פאַרהאַלטנ בא די זאַפטיקע צווײַגנ. ער האָט מוירע געהאַט, טאָמער וועט שפּעטער, ווענ די זונ וועט זיכ אופהײבנ, בעהעמאָטל זיכ פאַרבענקענ צוריק צו די אָזערעס. פיצל האָט ניט אײנמאָל געזענ, ווי זײַנ כאַווער פלעג אינ די היצנ אײַנגעשפּאַרט אונ ניט אָפּ אײַנצוהאַלטנ אימ לויפנ צומ וואַסער. אונ דאָרט אינעמ קראַטער איז געווענ וואַסער איבערגענוג.

פאַרנאַכט־צו זײַנענ זײ אַרײַנ טיפ אינעמ געדיכטנ וואַלד. די געדיכטע בלעטער־וואַנט האָט פאַרשטעלט פונ זײ די אָזערע מיטנ פלײנ. אַהינ וועלנ זײ זיכ שוינ אומקערנ ניט אַזוי גיכ.

שוואַרצע וואָלקנס האָבנ פאַרצויגנ דעמ הימל. אינ וואַלד האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט א בלינדע פינצטערניש. אינ אַנ אַנדער נאַכט וואָלט פיצל קײנ שומ אַכט ניט געלײגט אָפּ דער פינצטערניש, נאָר איצט איז ער געווענ אומרויִק. ס׳איז אַלצ שווערער געוואָרנ זיכ דורכשלאָגנ א וועג צווישנ די ווילד־געוויקסנ. פיצל האָט אופגעזוכט א דורכגעטראָטענע נאָזהאָרנ־סטעזשקע. זײ האָבנ קוימ געשלעפּט די פיס אינ דער פינצטער צווישנ די שטײנער אונ גריבער, ביז זײ זײַנענ ענדלעכ אַרויס אָפּ א ברײטנ שפּור. פיצל האָט אופגעלעבט אונ איז פרײלעכ געוואָרנ. די באַקאַנטע סטעזשקע האָט געפירט גלײַכ צומ קראַטער. אינ פינצטערנ וואַלד האָט זיכ נאָר געהערט דאָס שליאָפּענ פונעמ רעגנ, דאָס שאָרכענ פונ די בלעטער אונ די געשרײענ פונ די באַנאַכטיקע מאַלפּעס אונ סאָוועס. זעלטנ־ווענ האָט זיכ געלאָזט הערנ א פּירכקערײַ פונ א נאָזהאָרנ. פונ דער ווײַט האָט זיכ אַמאָל דערטראָגנ א טויבער געברילפונ לײבנ. נאָר די צווײ פרײַנט האָבנ זיכ אופגעהויבנ אַלצ העכער, אונ דער ווײַטער לײבנ־געשרײ איז ביסלעכווײַז אָפּגעשוואַכט געוואָרנ. העכער אונ געדיכטער האָט זיכ געהויבנ אַרומ זײ דער ריזיקער וואַלד. דער בלעטער־שירעמ האָט אַלצ געדיכטער פאַרשטעלט דעמ הימל. דערפאַר אָבער זײַנענ די נימעסע ווילד־געוויקסנ וואָס אַמאָל שיטערער געוואָרנ, אונ ענדלעכ האָבנ זײ אינגאַנצנ ניט געסטײַעט. דאָ זײַנענ געוואַקסנ נאָר אַזוינע געוויקסנ, וואָס קענענ הויכ אופהײבנ זײער בלעטער־קרוינ צו דער זוניקער שײַנ.

אַעגיכנ האָט בעהעמאָטל אָנגעהויבנ אומרויִק ווערנ: אַזוי ווײַט זײַנענ זײ פריִער קײנמאָל ניט פאַרגאַנגענ. דער וועג האָט די גאַנצע צײַט געפירט אַפּנ באַרג־אַרופ, אונ בעהעמאָטל איז שטאַרק מיד געוואָרנ. נאָר פיצל האָט אימ ניט געלאָזט אָפּעטעמענ. ער איז אַזוי זיכער איצט געגאַנגענ פאָרויס, אַזוי אַנטשלאָסנ זיכ דורכגעשלאָגנ צווישנ די קוסטנ, וואָס

האָבנ ערטערווײַז פאַרצוימט די סטעזשקע, ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבנ זײַנס געווענ א פירער אינ די שווערע בארג־וועגנ.

דער טיפער בארג־שפאַלט האָט אינ דעמ פרימאָרגנ געווימלט מיט רוישיקנ לעבנ. ווי נאָר די זונ האָט גענומענ ארויסקוקנ איבערנ ראַנד פונעמ קראַטער, האָט זיכ איר אנקעגנ אופגעהויבנ א קוויטשערײַ אונ א פלעשטשערײַ פונ די מאַלפּעס. פאַוויאַנעס האָבנ זיכ פאַרײַניקט צומ כאָר אונ זיכ אזוי צעפילדערט, גלײַכ ווי עס וואָלט דאָרט אונטנ פאָרגעקומענ א שלאַכט.

די כײַעס האָבנ אפ זייער שטייגער אויסגעדריקט די פרייד, וואָס נאָכ די פיל רעגנדיקע טעג האָט זיכ, ענדלעכ, די זונ באַוויזנ. די פּאָפּוגײַענ האָבנ זיכ צעשריענ, שאַרעס שנאָבלהאָרנס האָבנ פול געמאַכט די לופט מיט קוילעס אונ געשרייענ.

בעהעמאָטל איז געשטאַנענ אנ איבערגעראַשטער באַמ ראַנד פונעמ קראַטער אונ געקוקט אראָפּ, ווו דער וואַלד, באַגאָסנ מיט זונענ־שײַנ, האָט זיכ געשאָקלט אונ זיכ געמינעט אינ גרינס.

וווהינ האָט אימ דער כאַווער פאַרפירט? פיצל האָט זיכ שוינ געהאַט אראָפּגעלאָזט אינעמ קראַטער. ער האָט אויסגעזענ שטאַרק פאַרזאָרגט. קענ זײַנ, ער האָט געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וואָס עס דאַרפ טראָגנ אפ זיכ דער פירער. ער האָט געוווּסט, אז ניט אלע געפאַרנ זײַנענ פאַרבליבנ אפ יענער זײַט.

די צוויי פרײַנט האָבנ זיכ שנעל גענומענ אראָפּלאָזנ — די סטעזשקע איז געווענ א ברייטע. ס'האָבנ זי אויסגעטאָפּטשעט העלפאַנדנ, וואָס זײַנענ, זעט אויס, ניט לאַנג דאָ דורכגעגאַנגענ אינ דער ריכטונג צו די זומפּנ אינ מיזרעכ־זײַט פונעמ ווולקאַנ. באַ דער ערשטער קאַליזשע האָט פיצל פלײַסיק ארומגעשמעקט די העלפאַנד־שפּורנ אונ דעמ קויט. ניינ, ניט זייער קיינ פרישע. נאָענט, הייסט עס, איז קיינ געפאַר ניטאָ, אויסער דעמ, האָט פיצל דאָ טאַקע באַמערקט פרישע שפּורנ פונ נאָזהאָרנס, וואָס האָבנ געטרונקענ פונ דער קאַליזשע אונ זיכ געקוליעט לעבנ איר נאָכ הײַנט אינדערפרי. זעט אויס, אז קיינ העלפאַנדנ איז אינ קראַטער ניטאָ.

בעהעמאָטל, וואָס האָט קיינמאָל אפנ לעבנ קיינ העלפאַנדנ ניט באַגעגנט, איז גלײַכ ארײַנגעקראָכנ אינ וואַסער אונ זיכ צעפירכקעט. פיצל האָט זיכ באַרויִקט, איז אויכ ארײַנ אינ דער קאַליזשע אונ זיכ אויסגעפליוסקעט אביסל אינעמ פליטקנ וואַסער. נאָר ער איז באַלד ארויסגעקראָכנ אונ זיכ גענומענ צומ קײַענ. אפנ גראָז לעבנ וואַסער איז געווענ וואַרעמ אונ זייער וווּיל. דער גרויסער שלאַנג פּיטאָנ האָט, ווײַזט אויס, אויכ אזוי געהאַלטנ. ער איז געלעגנ אפנ גראָז אונ זיכ געוואַרעמט,

און די געפּלעקטע הויט זײַנע האָט זיך געמינעט מיט מעשענעם גלאַנץ אונטער די שטראַלן פון דער זון.

פּיצל האָט זיך אומגעקערט צום העלפאַנד־קויט, עס צעוואָרפן מיט די הינטערשטע פיס און ווידער זאָרגעוודיק ארומגעשמעקט. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם פּיסק, זיך פאַרקנייטשט און א שמעק געטאָן די לופט. ווידער ארומגעשמעקט דעם קויט און נאָכאמאָל פאַריסן דעם פּיסק, אויפכאַפּנדיק אַפן ווינט די גערוכן. ענדלעך, האָט פּיצל אַפּ עפּעס זיך באַשלאָסן, ער האָט א קאָסע קוק געטאָן אַפּ בעהעמאָטלען, וואָס האָט זיך געפּליוסקעט אין דער קאַליזשע, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט אים זיך אָנאײַצע האַלטן, און זיך געלאָזט גײן דורך די גראָזיקע פאַרטיפונגען צווישן די קוסטן. בעהעמאָטל איז אים נאָכגעגאַנגען און איז געווען זייער צופרידן, ווען עס פלעגן זיך אים טרעפן אין וועג טיפע גריבער מיט וואַסער.

דער רעגן האָט, ווײַזט אויס, ערשט ניט לאַנג דאָ געגאָסן מיט אומגעהײערער קראַפט. אומעטום זײַנען געשטאַנען קאַליזשעס. זיי זײַנען געווען ברוין פון די פוילנדיקע בלעטער און פונעם אויסגעשווענקטן ווולקאַנישן באָדן. צונויפגעפּלאָנטערטע גרינע צווײַגן זײַנען, ווי פּאָרהאַנגען, אַראָפּגעהאַנגען פון די ביימער ארום די לאָנקעס, און צווישן די טונקעלע שטאַמען פון די ביימער האָט דער מאָך געטוליעט צו דער ערד לאַנגע בלאַס־גרינע פּעדעמער.

פּיצל האָט אויסגעמיטן די גריבער מיט וואַסער און זיך געריסן ווײַטער צווישן די צאַרטע געדיכטע גרינסן מיטן זאַפטיקן גראָז האָט ער



זיכ קימאט ניט ארויסגעזעצנ. בעהעמאָטל איז געגאנגענ גלײַכ דורכ די גריבער, גלאנצנדיק אפנ וואסער מיט זײַנ ברײטער פלײצע. מאָדנע מינים וואסער־פײגל, שווארצע, פוכיקע, מיט רויטע פיס זײַנענ פאר אים אופגעפלויגנ, זיכ צעשריִענ מיט א ליארעם אונ זיכ ארויסגעבאהאלטנ אינ די קוסטנ.

אָונטער־צו האָט זיכ שטיל געלאָזט א רעגנ אינ וואלד. די צווי פרײַנט זײַנענ געשטאנענ אפ יענער זײַט טונקעלנ קראטער, לעבנ די זומפנ מיט די הויכע פאפירוסנ. דאָ האָבנ זײ געפונענ א זיכערע באהעלטעניש אפ א לאנגער צײַט,—א קלײנ וועלטל, וואָס איז ארום אונ ארום געווענ פאר־שטעלט מיט א געדיכטער וואנט פונ קוסטנ.

IV

האלבטאָגעדיקע רו ליגט אויסגעשפרײט איבערנ קראטער. די טונקעלע בלעטער־קרוינענ אפ די ריזיקע בײמער איבער די אָפריסנ פונעם קרא־טער טײלנ זיכ אויס מיט זײער פארגליווערטער אומבאוועגלעכקײַט אפנ פאָנ פונעם בלאנקענדיקנ בלויענ הימל. אפ די גראָזיקע לאָנקעס אונ פא־פירוסנ גלאנצנ אונ מינענ זיכ די האלבטאָגעדיקע שטראלנ. ס'איז געווענ די צײַט פונ יאָר, ווענ עס טריקענענ אויס אלע קאליזשעס, אונ אפ די דרימלענדיקע געוויקסנ טוט א ווינטל ניט קײנ בלאָז.



אינ שאָטנ פונ די קוסטנ ליגט אפנ גראָז א יונגער נאָזהאָרנ. ער כאפט אלע מאָל א קוק דורכנ גראָז צו די זומפנ. פונ צײַט צו צײַט הערט זיכ דאָרט צווישנ די פאפירוסנ א טרישטשערײַ. ס׳איז הײס. דעם נאָזהאָרנ גלוסט זיכ דרימלענ. ער נײגט אלצ נידעריקער אראָפ דעם שווער־געוואָרענעם קאָפ. פונ די אריגנ זײַנע ווערנ שמאָלינקע שפעלטיקלעכ. אמאָל טוט ער א פאטש מיטנ אויער, קעדיי אָפצוטרײַבנ א נימעסע פליג.

פונעם פאפירוס קריכט ארויס א בעהעמאָט, אנ ארומגעקלעפטער מיט גראָז אונ בלאָטע. ער לאָזט זיכ וואקלדיק גײנ איבער דער לאָנקע אונ קומט צו צום נאָזהאָרנ. זײ טוענ זיכ א רײַב מיט די נעזער, אונ דער בעהעמאָט גײט אָפ אינ א זײַט, לײגט זיכ אוועק אינ שאָטנ אונטער די קוסטנ. דאָס זײַנענ אונדזערע באקאנטע—פיצל אונ בעהעמאָטל. דרײַ יאָר איז־פאָריבער זינט די צוויי קלײנע אנטרונענע וואנדערער האָבנ זיכ אראָפגעלאָזט אינ קראטער. זײער פרײַנטשאפט איז נאָכ פעסטער געוואָרנ. זײ האָבנ קײנ אײנ מאָל זיכ ניט צעשײדט פאר די דאָזיקע יאָרנ. יעדערער פונ זײ איז, פארשטײט זיכ, געוואָקסנ צופרידנ, ווענ זײ פלעגנ באגעגענענ אנדערע נאָזהאָרנס אונ בעהעמאָטנ, נאָר דאָס האָט בא זײ קײנמאָל ניט ארויסגערופנ קײנ כײשעק זיכ צעגײנ אינ פארשײדענע זײַטנ. עמעס, עס זײַנענ געווענ אזעלכע מינוטנ, ווענ פיצל פלעג אָנהײבנ בענקענ, בעשאס זײַנ באָטער האָט צו לאנג פארזאמט מיט די בעהעמאָטנ אינעם וואסער. נאָר קוים האָט זיכ אראָפגעזעצט די זונ, האָט זיכ בעהעמאָטל אומגעקערט צו אים.

אמאָל פלעגנ די העלפאנדנ שטערנ זײער רו אונ זײ צווינגענ זיכ צעשײדנ: בעהעמאָטל פלעג זיכ באהאלטנ אינ וואסער, פיצל—אינ די ווילדגעוויקסנ. נאָר די העלפאנדנ פלעגנ זיכ לאנג אינ קראטער ניט פארהאלטנ. העלפאנדנ זײַנענ אומרויִקע באלעכאיִם אונ שלעפנ זיכ קעסײדער ארום פונ אײנ אָרט אפנ צווײטנ. פונ צײַט צו צײַט פלעג אהער צוקומענ א סטאדע בופלאָקסנ. זײ פלעגנ געווײנלעכ זיכ פיטערנ לעבנ די בערג אונ זיכ אראָפלאָזנ אפ א טאָג צוויי אינ פײַכטגראָזיקנ שפאלט פונעם קראטער. נאָר צו די בופלאָקסנ האָבנ אונדזערע פרײַנט ניט געפילט קײנ שום סינע. מיט אײנעם אנ אלטנ באררויגעזנ נאָזהאָרנ, וואָס האָט זיכ זײ געטראָפנ אינ וועג, האָבנ זײ זיכ אפילע באפרײַנדעט. דער נאָזהאָרנ האָט זיכ באזעצט אינ קראטער אונ די ערשטע צײַט געקוקט זײער בײז אפ די צוויי פרײַנט. נאָזהאָרנס ווערנ אָפט אפ דער עלטער אָפגעווילדעט אונ קומענ זעלטנ צו צו אנדערע באלעכאיִם. נאָר ביסלעכווײַז האָט זיכ דער אנגעבלאָזענער נאָזהאָרנ צוגעוווינט צו פיצלענ מיט בעהעמאָטלענ אונ איז

געוואָרן מיט זיי באַפרײַנדעט. ער פלעג אַפילע אַרויסווײַזן אַ מין לעפּשע פרייד, ווען די פרײַנט האָבן, נאָך לאַנגן פאַרזאַמען זיך ערגעץ, זיך אומגעקערט צוריק.

די צוויי פרײַנט זײַנען, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרבליבן די גאַנצע צײַט אינעם קראַטער. אַלע יאָר, ווען די טעג זײַנען לענגער און הייסער געוואָרן, און דאָס וואַסער האָט אויסגעטריקנט, אויסערדעם קלײנעם זומפּ מיט די פּאַפּירוסן, פלעגן זיי אַוועקגיין צו די אָזערעס. זיי האָבן געפונען אין די בערג אַסאַך נײַע וווּנדערבאַרע ערטער מיט אויסגעצייכנטע אָזערעס. נאָר אין דער צײַט פון רעגן פלעגן זיי זיך שטענדיק אומקערן אין קראַטער אַרײַן.

וואָס האָבן זיי נאָר זיך ניט אָנגעזען פאַר דער דאָזיקער צײַט! אַמאָל איז פּיצל געווען אַ קלײן אומדערפאַרן נאָזהאָרן־קינד, איצט איז ער שטאַרק אויסגעוואַקסן, קימאַט אַ גרויסער נאָזהאָרן געוואָרן. אַף דער נאָז האָט זיך בײַ אים באַוויזן דאָס גרויזאַמע געווער — דער האָרן, און ער האָט שוין לאַנג קיין מוירע ניט פאַר קיין לײבן.

ס'איז געווען אַ הייסע, טרוקענע צײַט. אַפן אָרט, וווּ פּיצל האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַ באַהעלטעניש אין גראָז, איז ניט לאַנג געווען אַ וואַסער. איבערן דאָזיקן גראָז האָבן אַמאָל געבלאָנקעט זײַנע עלטערן, און דאָ נאָענט האָט זיך געפונען יענער קוסט, וואָס פּיצל איז געלעגן אונטער אים אַ טאָג פאַרן גרויסן אומגליק. נאָר פּיצל, געוויינטלעך, האָט דאָס גאָרניט געדענקט, כאָטש ער איז געשטאַנען אין אַזאַ פּאָזע, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אין עפּעס דערמאַנען.

פּלוצלינג האָט פּיצל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אײַנגעהערט. זײַן איידעלער געהער האָט אויפגעכאַפּט אין דער ווײַט, אַף די באַרג־זײַטן פונעם קראַטער, טרומייטן־קלאַנגען פון אַ העלפאַנד. דער קלאַנג איז געגאַנגען פון מיזרעך־זײַט — הייסט עס, אַז דער העלפאַנד, צי די העלפאַנדן, געפינען זיך ערגעץ הינטערן ראַנד פונעם וווּלקאַן. נאָר ניין! ווידער אַ טרומייטן־קלאַנג. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ טרישטשערײַ. קלאָר, אַז אַ גאַנצע סטאַדע העלפאַנדן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קראַטער אַרײַן.

דער גערויש האָט זיך אַלץ דערנענטערט צום אָרט, וווּ פּיצל איז געשטאַנען. און אָט האָבן אַפן באַרג, אַף דער גריניער, מיט זון באַלויכטענער לאָנקע אַ פינקל געטאָן די גרויע שאָטנס פון די ריזן. ס'האָבן זיך אַ ווײַז געטאָן ווײַסע בײַסציין, אויפגעהויבענע נעזער, פּאַטשנדיקע אויערן.

פּיצל האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז צײַט אָפּצוטרעטן. בעהעמאָטל איז געשמאַק געשלאָפן, נאָר פונעם גערויש האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אויפגעשטאַנען. ער וואָלט גאָרניט געהאַט קעגן אַ שפּאַציר צו דער אָזערע.

איצט איז סאמע די צײַט. אינ זומפ איז נאָכ פארבליבנ אביסל ניט קײנ טיפע בלאָטע. די פרײַנט האָבנ שנעל אוועקגעשפאנט איבער א באקאנטער סטעזשקע צו מײַרעוו־זײַט.

פונ אלע ערטער, וווּ די צוויי פרײַנט זײַנענ אויסגעווענ, איז זיי מער פונ אלצ געווענ צומ הארצנ אײנע א קלײנע אָזערע באמ ראנד פונעמ פלײנ. באנאכט פלעגנ זיכ אהער צונויפקלײַבנ אסאכ פארשײדענע באלע־כאַיִמ. אלע סטאדעס, וואָס האָבנ ארומגעבלאָנקעט אינ דער געגנט, פלעגנ קומענ אהערצו טרינקענ. די נאָזהאָרנס פונ די דערנעבנדיקע ווילדגע־וויקסנ פלעגנ זיכ אויכ צונויפגײנ א נאש טונ דאָס זאפטיקע גראָז אפ די לאָנקעס, וואָס זײַנענ געלעגנ ניט ווײַט פונ דער דאָזיקער אָזערע. די צוויי פרײַנט האָבנ זיכ ארויסגעקליבנ צומ ראנד פונעמ וווּלקאנ אונ געפונענ א קוים אָנזיכטיקנ שפור. דאָס דאָזיקע שטעגל האָט געפירט ארומ־אונ־ארומ אונ איז געווענ לענגער פונ די ברײטע סטעזשקעס, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ גלײַכ צו דער אָזערע, נאָר די פרײַנט האָבנ זיכ געהיט ארויסצו־גײנ פונעמ וואלד, אײדער ס׳איז צוגעפאלנ די נאכט. די דערפארונג האָט זיי געלערנט פונ קינדווײַז אָנ: אנ אָפענער פלײנ איז באטאָג זײער גע־פערלעכ. אינ וואלד האָבנ זיי דורכגעשניטנ א קלײנע לאָנקע, אונ אפ א ווײַלע האָט א בלישטשע געטאָנ פאר זיי דער גרויסער מיט זונ באגאָסע־נער פלײנ. נאָכ ווײַטער האָבנ דורכ דער הײסער געדיכטעניש א שימע־ריר־געטאָנ די בלויע שפיצנ פונ די בערג.

אפ האלבנ וועג האָבנ די פרײַנט אָנגעטראָפנ אפ א טיפער נידערניש. געווײנלעכ פלעגנ זיי דאָ טרעפנ א גרוב מיט וואסער אונ שטילנ דעמ דאָרשט. נאָר דאָס יאָר איז די טריקעניש געווענ אזוי גרויס, אז די גרוב איז געווענ אינגאנצנ א לײדיקע. דאָכ איז דער דנאָ פונ גרוב נאָכ געווענ פײַכטלעכ אביסל, אונ אזויווי זיי האָבנ זײער געוואָלט א טרונק, האָט פיצל גענומענ זיכ אראָפלאָזנ אינ דער טיפעניש. גרינג איז עס אימ ניט אָנגעקומענ. דער בארג־שפאלט איז אלצ שמעלער אונ שרויפיקער געוואָרנ, אונ ערטערווײַז איז ארויסגעקומענ מיט מאטערניש זיכ דורכקלײַבנ צווישנ איבערגעקערטע שטײנער אונ אײַנגעוואלגערטע בײמער. נאָר זיי האָבנ געשפירט, אז וואסער איז פאראנ ערגעצ דאָ נאָענט, אונ אײַנגעשפארט זיכ דורכגעשלאָגנ א וועג פאָרויס.

נאָר וואָס איז דאָס? גלײַכ פאר זיי, אפ דער שרויפיקער וואנט, וווּ דער בארג־שפאלט האָט זיכ שוינ אזויווי געהאט פארענדיקט, האָבנ זיכ דער־הערט שווערע טריט פונ עפעס א ריזיקער כײַע. פיצל האָט פאָרזיכטיק א שפאנ געטאָנ אונ דורכגעשטופט דעמ קאָפ דורכ די קוסטנ. אנטקעגנ אימ האָט זיכ אנ עפנ געטאָנ א טיפער אָפגרונט. פיצל האָט דערשראָקנ א

שפאנ געטאָנ צוריק, אונ אינ דער זעלבער צײַט האָט ער באמערקט א רי־
זיקנ העלפאנד, וואָס לאָזט זיכ אראָפּ פונ יענער זײַט איבערנ בארג.

די צוויי פרײַנט זײַנענ געשטאנענ א מינוט אונ ניט געקענט זיכ בא־
שליסנ, וואָס צו טונ: די ווענט פונעם בארג־שפאלט זײַנענ פונ ביידע זײַטנ
אראָפּגעהאנגענ קימאט ווערטיקאל, אונ דער וועג צוריק איז געווענ זייער
א שווערער. אינ דעם מאָמענט האָט די ווייכע ערד אונטער די פיס פונ
דעם שווערנ געזונטנ העלפאנד אָנגעהויבנ זיכ אָפּשיטנ. דער העלפאנד
האָט אויכ דערשמעקט, אז אפנ דנאָ פונעם אָפּגרונט איז דאָ וואסער. ס'איז
אים ניט זעלטנ אויסגעקומענ זיכ אראָפּלאָזנ איבער שרופּיקע בערג, אונ
צום אָנהייב האָט אים ווייניק געקימערט, וואָס די ערד גליטשט זיכ אונ
שווימט אוועק פונ הינטער זײַנע פיס. נאָר אָט האָט דער העלפאנד זיכ אראָפּ־
געגליטשט נידעריקער אונ האָט פלוצלינג דערזענ גלײַכ פאר די אויגנ
דעם שווארצנ שלונג פונעם אָפּגרונט.

א מוירעדיקער אנגסטלעכער געשריי האָט פארהילכט די לופט. דער
העלפאנד האָט מיט דער גאנצער קראפט גענומענ זיכ שפארנ אונ קלא־
מערנ מיט די פיס אינ דער ערד, קעדיי צו אָפּהאלטנ דאָס פאלנ. נאָכ יע־
דער נײַער באוועגונג פונ דער ריזיקער כײַע האָט די ערד אלצ שטארקער
אונ שטארקער גענומענ זיכ שיטנ. דער העלפאנד איז שוינ געווענ באם
סאמע אָפּגרונט. אינ לעצטנ אָנשטרענג האָט ער א קערעווע געטאָנ זײַנ
שווערלײַביקנ קערפער אונ געוואָלט זיכ אָנכאפנ מיטנ שנוק פאר א בוים.
דער ראנד פונ דער בארג־וואנט, אינ וועלכנ דער העלפאנד האָט זיכ אָנ־
געשפארט מיט די הינטערשטע פיס, האָט זיכ אָפּגעוואלגערט. מיט פײַנלעכנ
געשריי איז דער העלפאנד אראָפּגעפאלנ אינ אָפּגרונט ארײַנ, פונ א הייכ
ניט ווייניקער פונ צוואנציק מעטער האָט ער א בובע געטאָנ מיט דער
פלייצע אפנ דנאָ פונעם שמאָלנ שפאלט אונ איז דאָרט געבליבנ ליגנ א
צעבעריקטער אפ טויט, אנ אומבאהאָלפענער. עטלעכע מאָל האָט ער גע־
פרווט זיכ אופהייבנ, אונ ניט געקענט — ס'איז בא אים געווענ איבערגע־
בראָכנ דער רוקנביינ. ער האָט געשריִענ, גערעוועט אונ געיאָמערט, ווי
ער וואָלט רופנ עמעצנ צו הילפ. נאָר אינ דאָזיקנ ווילדנ פוסטנ אָרט זײַ־
נענ זײַנע געשרייענ צו קיינעם ניט דערגאנגענ.

בלויז צוויי אידעס זײַנענ בײַגעווענ, בעשאס דער העלפאנד איז אומ־
געקומענ. פונ אומגעריכטקײַט איז דאָס בלוט בא זיי פארקילט געוואָרנ
אינ די אָדערנ. דערנאָכ זײַנענ זיי אײַליק אוועק צוריק מיטנ בארג, דער־
שראָקענע אונ פארציטערטע פונעם העלפאנדס שרעקלעכנ קוילעס.

ארויסקלײַבנדיק זיכ פונעם בארג־שפאלט אפ א באקאנטער סטעזשקע,
זײַנענ די צוויי פרײַנט אביסל געקומענ צו זיכ אונ, ווי געוויינלעכ, גענר־

מענ רײַסנ אונ קײַענ די צווײַגנ. דאָס פאלנ פונעם העלפאנד אונ זײַנ צאנקענדיק כריפענ אונ קרעכצנ האָבנ, זעט אויס, שטארק אָנגעשראָקנ פיצלענ מיט בעהעמאָטלענ. זיי האָבנ ווידער גענומענ זוכנ וואסער אינ דער נידער, נאָר איצט האָבנ זיי זיכ אראָפּגעלאָזט גאָר שטיל, מיט פאָרזיכטיקע געהיטע טריט, ווי זיי וואָלטנ מוירע האָבנ, טאָמער לאָקערט ערגעצ נאָענט א סוינע.

בעהעמאָטל האָט אינגיכנ אָפּגעקערעוועט פונעם געוויינלעכנ וועג- ס׳האָט זיכ אימ געוואָלט וואָס גיכער זיכ דערקלײַבנ צו דער נאָענטסטער אָזערע. פיצלענ האָט זיכ אויכ ניט געגלוסט וואַרטנ אינ וואלד, ביז די נאכט וועט צופאלנ — ער האָט אויכ, ווי בעהעמאָטל, געכאלעשט א טרונק, אונ איז אוועקגעלאָפנ נאָכנ כאווער. סאָפּ טאָג זײַנענ זיי שוינ געווענ בא די ריזיקע ביימער אפנ ראנד וואלד לעבנ א קלײנער לאָנקע מיט נידעריקע קוסטנ. זיי האָבנ דערקענט דעמ פלאצ: דער וואלד איז געבליבנ פונהינטנ, אונ די ערשטע אָזערע איז געווענ נאָענט.

די בערגלעכ אפנ פלײנ לעבנ דער אָזערע זײַנענ מיט אָוונט-שײַנ געווענ באגילדעט. דער פלאמיקער אָפּגלאנצ פונ דער פארגײענדיקער זונ האָט באלויכטנ די טונקעלע וואנט פונ די ריזיקע ביימער אפנ ראנד פונעמ וואלד. אינ דעמ יאָר איז געווענ א גרויסע טריקעניש, אונ פארשיידענערליי סטאדעס האָבנ זיכ געפּיטערט נאָענט פונ דער אָזערע, אז מע זאָל ניט דארפנ גײנ ווײַט ערגעצ זיכ אָנטרינקענ. באנאכט פלעגנ דאָ זײַנ אנ אויסערגעוויינלעכער טומל. ווילדע באלעכאַיִמ אינ טונקעלע רייענ קומענ אלע מאָל צו פונעמ פלײנ, אומעטומ שטופנ זיכ דאָרשטיקע סטאדעס. אייניקע לאָזנ זיכ גלײַכ שטילנ דעמ דאָרשט, אנדערע קוקנ זיכ אומרויִק ארומ אונ הערנ זיכ אײַנ, איידער זיי דערנעענטערנ זיכ צומ וואסער. גרויסע שארעס ענטלעכ אונ געגנדז, וואָס האָבנ באטאָג זיכ דאָ געפּליוסקעט, טוענ זיכ א לאָז ארופּ מיט א גראגערדיקנ ליארעמ אונ פליִענ אוועק שלאָפנ אינ אנדערע אָזערעס אונ זומפּנ. זיי האָבנ נאָכ ניט באוויזנ אָפּצופליִענ, ווערט פונויבנ א נײַער געדרודער — א כמארע ראָזע פלאמינגעס פליט אָנ אינדערהייכ, מאכט א האלבקרײַז איבער דער אָזערע אונ לאָזט זיכ אראָפּ צומ וואסער מיט א הילכ אונ פײַפערײַ: „סויש, סויש, סוישי"... דאָס וואסער אינ דער אָזערע איז פליטקע, ניט העכער פונ די קני אינ די סאמע טיפסטע ערטער, אונ דער פלײנ ליגט ארומ אנ אָפענער, מיט נידעריקנ גראָז. דעריבער טאקע האָבנ די פלאמינגעס אויסגעקליבנ די דאָזיקע אָזערע אפ נאכטיקער רו. זיי האָבנ מוירע פאר אָזערעס, וואָס זײַנענ ארומגעשטעלט מיט קוסטנ, דאָרט קענ פלוצעמ ארויסשפרינגענ פונ די געדיכטע געוויקסנ א רויבער אונ זיכ א כאפּ טונ צו די פייגל. דאָ אָבער דרימלענ זיכ רויִק

די פלאמינגעס א גאנצע נאכט אינעמ פליטקנ וואסער, שטייענדיק אפ איינ פוס.

אנ אופהער פליִענ אנ נײַע שארעס, אונ אינ עטלעכע מינוט ארומ איז די גאנצע אָזערע באדעקט מיט א געדיכטער ווײַס־ראָזער מאסע. פײגל־זײַנענ דאָ געווענ אינ די הונדערטער. אז עס קומט צו גײנ עפּעס א כײַע אונ־שרעקט זײ אופ, צעפאָכנ זײ ברײט די פליגל, אונ אינ די פורפור־רויטע שטראלנ פונ דער פארגײענדיקער זונ מינענ זיכ די פעדערנ זײערע מיט פרעכטיקע ראָזע אונ ליכטיקרויטע קאָלירנ. יעדע מינוט פארגרע־סערט זיכ דער ראש, אונ יעדע נײַע שארע באגעגענענ די הונדערטער פײגל פונעמ וואסער מיט פארדומפּטע געשרײענ: „קראַנק“, „קראַנק“, „קראַנק“!

איבערנ בארג קילימאנדזשאראָ האָט זיכ די לעוואָנע אופגעהויבנ אונ פארגאָסנ מיט בלענדנדיקער שײַנ די שאָרכענדיקע, ליארעמענדיקע אָזערע. פיל פונ די באלעכאיִמ האָבנ זיכ שוינ אָנגעטרונקענ. די פלאמינגעס האָבנ זיכ צוביסלעכ ארויסגעלייגט אפ רו. ערשט איצט האָבנ די צווײ פרײַנט אונדזערע זיכ, ענדלעכ, ארויסגעקליבנ פונ די קוסטנ אונ צוגעקומענ צו דער אָזערע, קײַענדיק בלעטער אפנ וועג. פאָריקע נאכט האָבנ זײ זיכ קוימ צוגעשלעפּט צו די ערשטע אָזערעס אונ פארבראכט דאָרט די נאכט צוזאמענ מיט נאָכ בעהעמאָטנ. זײ האָבנ דאָרט אָפּגערוט אויכ דעמ טאָג. בעהעמאָטל האָט זיכ געלאָזט אָנטאָנ פארגעניגנ אינ דער וואסער צוזאמענ מיט די קרויחים זײַנע, אונ פיצל האָט זיכ אײַנגעאָרדנט אונטער א גרויסנ בוימ, וווּ ער האָט אָפּגעדרימלט דעמ טאָג אינ א טונקעלער באהעלטעניש צווישנ מאָכ אונ פּאפּאָראָטנ.

די רוישיקע אָזערע מיט די פײגל איז זײער געפעלנ געוואָרנ די פרײַנט. באזונדערס האָבנ זײ זיכ דאָ גוט אונ רויִק געפילט צוליב די פיל ווילדע באלעכאיִמ, וואָס האָבנ זיפ אהער צונויפגעקליבנ. אז די סטאדעס האָבנ געשטילט דעמ דאָרשט־אונ ביסלעכווײַז זיכ צעגאנגענ פונ דער אָזערע, האָבנ אָנגעהויבנ צוקומענ די וואלד־אײַנוווינער — נאָזהאָרנס, בופלאָקסנ, ווילדע כאזירימ, אנטילאָפּעס.

ווי גלײַכגילטיק האָבנ די צווײ פרײַנט איצט געהערט דאָס ברילנ פונעמ ליִבנ! דער קעניג פונ פײַנ וואלד, מיסטאמע, זיכ ניט אײַנגעשטעלט אָנפאלנ אפנ לעפּישנ יונגנ נאָזהאָרנ מיטנ דיקנ האלדז, ווענ ער זאָל אפילע זײַנ אײנער אלײנ, אונ דאָ האָט זיכ לעבנ אימ נאָכ געפונענ דער מעכטיקער כאווער זײַנער!

גאנצ פארשטענדלעכ, וואָס אינ דער דאָזיקער געגנט, וועלכע האָט געווימלט מיט פארשײדענערלײ באלעכאיִמ, האָבנ זעקס „וואנדראָבאָס“

752 12

(וואַנדערנדיקע אָרטגעבירטיקע יעגער) אויפגעשטעלט אַ לאַגער ניט ווײַט פונ דער אָזערע. פאַרטאָג האָט איינער פונ זיי זיכ פאַרקליבנ אינ די געלע דערנער־געוויקסנ לעבנ דער אָזערע אויסקוקנ עמעצנ פונ די כײַעס. די פרײַנט אונדזערע האָבנ זיכ הײַנטיקנ פרימאָרגנ פאַרהאַלטנ לעבנ דער אָזערע לענגער פונ אַלע איבעריקע וואַלד־אײַנוווינער. זיי האָבנ זיכ אומגעקערט צו זייער באַהעלטעניש שוינ נאָכ די לעצטע. דער יעגער האָט זיי באַלד באַמערקט אונ אויסגעשפּירט, אינ וועלכער ריכטונג זיי לאָזנ זיכ גייִנ. דערנאָכ האָט ער צוגערופנ זײַנע כאַווײרים, אַז זיי זאָלנ זיכ אויסקלײַבנ אַ פּאַסיק אָרט אַפ אָנצופאַלנ. די דאָזיקע אָרטגעבירטיקע לײַט, וואָס האָבנ זיכ באַשעפטיקט נאָכ מיט געיעג, זײַנענ געווענ באַוואָפנט מיט געפערלעכנ געווער—גיפטיקע פײַלנ אונ שפּיזנ. די וואַנדאָראָבאָס אַליינ זײַנענ געווענ זייער דרייסטע לײַט. זיי פלעגנ נאָכ נאָענט צוקומענ צו די סאַמע געפערלעכע כײַעס, קעדיי דער קלאַפּ זאָל זײַנ אַ זיכערער

די פרײַנט האָבנ ניט געוווּסט פונ קיינ שום בייז אונ האָבנ זיכ אַוועקגעלאָזט אינ די קוסטנ אַרײַנ.

די שוואַרצע יעגער זײַנענ אַרופגעקראָכנ אַפנ בערגל אונ האָבנ דערזענ דעם נאָזהאָרנ מיטנ בעהעמאָט, וואָס זײַנענ געגאַנגענ פאַרבײַ אַ שפּאַנ הונדערט פונ זיי. דער וואַלד איז געווענ עטלעכע הונדערט שפּאַנ ווײַטער. ביז צום וואַלד האָבנ די צווי פרײַנט געדאַרפט דורכמאַכנ אַ שטיק וועג אינ נידעריקע קוסטנ, צווישנ וועלכע עס זײַנענ געשטאַנענ באַזונדערע ביימער. דאָ האָבנ די יעגער באַשלאָסנ מאַכנ אַ לאָקער. אַפנ אָפענעם פליינ האָבנ זיי זיכ ניט אײַנגעשטעלט אָנצופאַלנ, ווײַל זיי וואָלטנ דאָרט געמוזט זיכ באַנוצנ נאָר מיט פײַלנ, אונ עס וואָלט דאָכ געקענט טרעפנ, אַז זיי זאָלנ פאַרפעלנ. אויסער דעם, האָבנ די שוואַרצע מורע געהאַט, ניט געקוקט אַפ זייער דרייסטקײַט, צו טרעפנ זיכ אַפ אַנ אָפענעם פלאַצ מיטנ נאָזהאָרנ.

די יעגער האָבנ באַמערקט די סטעזשקע, וואָס פיצל אונ בעהעמאָטל האָבנ אויסגעקליבנ. דערנאָכ זײַנענ זיי שנעל פאַרלאָפנ דעם וועג קעגנ ווינט אונ געמאַכט אַ לאָקער. אַ ריזיקער בוים מיט פאַנאַנדערגעוואָרפענע צווײַגנ איז געשטאַנענ אַפ דעם אָרט, ווו די סטעזשקע האָט דורכגעשניטנ די געדיכטע קוסטנ. דאָ, בײַ דעם בוים, האָבנ די זעקס וואַנדאָראָבאָס זיכ געגרייט צו דער באַגעגעניש. אינ די קוסטנ האָט אַ טרישטשע געטאָנ. איינער פונ די יעגער האָט זיכ גלײַכ אַרופגעדראַפּעט אַפנ בוים אונ דערזענ, אַז די כײַעס באַוועגנ זיכ איבער דער זעלבער סטעזשקע, אונ זיי זײַנענ שוינ גאָר נאָענט.

ווי דערפאַרענע יעגערס, האָבנ די וואַנדאָראָבאָס זייער פאָרזיכטיק

אויסגעקליבנ אנ אָרט אפ אָנצופאלנ. א לײַכט װינטל האָט געבראַנג צו זײ פונ די כײַעס.

פיצל דער נאָזהאָרנ איז דורכגעגאנגענ פארבײַ אינ עטלעכע שפאנ פונעם בוים. פאַרנט איז די סטעזשקע זיכ פאנאנדערגעגאנגענ אפ צװײ זײַטנ. פיצל האָט זיכ אפ א װײַלע אָפּגעשטעלט א טראכט טונ, װוהינ זיכ צו לאָזנ. דערנאָכ האָט ער פארקערעװעט אפ לינקס, דעמלט װאָלט ער גלײַכ דערשפירט די יעגער.

דער בעהעמאָט, װאָס איז געװענ אָנגעמערקט פונ די שװארצע יעגער פאר א קאָרבנ, האָט זיכ פאמעלעכנ געשפאנט א טריט צװאנציק הינטער פיצלענ, שאָקלענדיק מיטנ קאָפּ, א זאטער אונ א צופרידענער. די פרי-מאָרגנדיקע זונ האָט אים געװאַרעמט, אונ ער װאָלט מיט גרויס פארגע-ניגנ זיכ פארקליבנ אפנ גאנצנ טאָג אינ װאסער.

דעם בעהעמאָטס קאָפּ האָט א פינקל געטאָנ נאָענט אינ די קוסטנ. דער פעדערשטער יעגער האָט צוגעװארט, ביז דער בעהעמאָט האָט זיכ ארויס-געװוקט מיטנ גאנצנ קערפער. דאנ האָט דער יעגער א שפאנ געטאָנ לינקס פונ הינטערנ בוים אונ שנעל א שטעק געטאָנ די שפיז דעם בעהע-מאָט צװישנ די ריפּנ. דער צװײטער יעגער איז אינ דער זעלבער צײַט צוגעשפרונגענ פונ רעכטס אונ האָט א זעצ געטאָנ די שװערע כײַע פונ-הינטנ. די קוסטנ זײַנענ אים געװענ איבערנ קאָפּ, אונ דער בעהעמאָט האָט קײנעם ניט באמערקט פונ די שװארצע יעגער, װאָס האָבנ אים דער-לאנגט די קלעפּ. דער געװויש פונ זײערע שפרונגענ איז דערגאנגענ צו אים שוינ צו שפּעט.

פלוצעם האָט די ערד א ציטער געטאָנ. ס׳האָט זיכ דערהערט א הײזע-ריקער געשרײ. פיצל האָט זיכ אומגעקוקט אונ דערזענ, װי בעהעמאָטל יאָגט א צעװילדעװעטער, װי א װיכער, פארבײַ. פיצל האָט דערזענ די שפּיזלעכ, װאָס שטעקנ אינעם כװאַטנס קערפער. ער האָט דערשפירט דעם געזומב פונ מענטשנ אונ שוינ פארשטאנענ, װער ס׳איז אָנגעפאלנ אפנ בעהעמאָט. דער נאָזהאָרנ האָט װאָרענענדיק א פירכקע געטאָנ אונ זיכ געלאָזט לויפנ נאָכנ כװאַטער.

דער בעהעמאָט איז אָפּגעלאָפנ ניט װײַט, ער האָט ניט באװיזנ אפילע צולויפנ צומ װאלד. די קריכעס האָבנ זיכ אים אויסגעלאָזט. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט צװישנ די קוסטנ. די פיס האָבנ בא אים געציטערט אונ זיכ אונטערגעבויגנ. סטארענדיק זיכ אײַנצוהאלטנ אפ די פיס, האָט ער געמאַכט א קרײַז, געטאָפּטשעט אונ געשאָקלט זיכ, װי א שיכורער. דערנאָכ האָט ער א פאל געטאָנ, עטלעכע מאָל אופגעציטערט אונ איז געבליבנ ליגנ אומבאװעגלעכ.

פיצל האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן מיט אַ ווילדער רעוועראַ און פירכקערײַ, געטאָפּטשעט די קוסטן און געזוכט דעם אומזיכטיקן סוינע. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צום בעהעמאָט, געקוויטשעט, געשמעקט און זיך געריבן אין אים. ער האָט געפילט, אַז איצט פאַרלירט ער דעם אַלטן פרײַנט זײַנעם. שוין ניט איינמאָל האָט ער געזען פאַר זײַן לעבן, ווי כײַעס הערן זיך אויף צו באַוועגן, נאָר וואָס דאָס הייסט, האָט ער ניט פאַרשטאַנען.

קיין סוינע האָט מען אינערגעץ ניט געהערט און ניט געזען, און פיצל איז ביסלעכווײַז אָנשטילט געוואָרן. טרויעריק און אָנגעכמורעט איז ער געשטאַנען לעבן דעם בעהעמאָט, מיט דער נאָז פאַרשטופּט אין דער ערד.

די וואַנדעראָבאָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז מע טאָר איצט ניט נאָכפאָלגן די צוויי כײַעס אין די געפערלעכע ווילד־געוויקסן. נאָך דער באַוועגונג אין די קוסטן האָבן זיי פונעם בוים באַמערקט דאָס אָרט, ווו דער טויט־פאַרוווּנדעטער בעהעמאָט איז אומגעפאַלן. זיי האָבן אויך באַמערקט דעם ווילדן צאָרן פונעם נאָזהאָרן. עס וואָלט געווען אַן אומזין איצט צוקומען נאָענט אַהין. די יעגער האָבן באַשלאָסן אויסוואַרטן, ביז עס וועט דורכגיין די געפאַר.

די יעגער האָבן ניט געוווּסט פון דער פרײַנטשאַפט פון די צוויי כײַעס. זיי האָבן ניט געצווייפלט, אַז דער נאָזהאָרן וועט אינגיכן אַוועקגיין פונעם טויטן קערפּער, כאָטש ער וואַרפט זיך איצט אַ צעווילדעוועטער אויף די קוסטן בײַ יעדן פאַרדעכטיקן קלאַנג. דעריבער האָבן די יעגער באַשלאָסן אַוועקגיין אין לאַגער אַרײַן, און שפּעטער זיך אומקערן צוריק.

אַרום אַזייגער צען אינדערפרי איז שטאַרק הייס געוואָרן. פיצל האָט פאַרוקט דעם קאָפּ אונטער די געדיכטע צוזאַמענגעפלאָכטענע קוסטן און זיך אַוועקגעלייגט אין שאָטן. די היטער און פרײַנט פון די נאָזהאָרנס, די קליינינקע גרויע פייגעלעך מיט די רויטע שנאָבלען, האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן בעהעמאָט, און פיצל איז ביסלעכווײַז אַרײַנגעפאַלן אין אַן אומרויִקן שלאָף.

די באַטאָגעדיקע היץ האָט געבלענדעט און געפלאָסן איבערן פעלד. לעבן דער אָזערע, האָט זיך געדוכט, איז אַלץ אויסגעשטאָרבן, און נאָר אַ שאַרף אויג האָט געקענט אײַנזען אין דער ווײַט די אומבאַוועגלעכע סטאַדעס באַלעכאַיִם. אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין באַטאָגעדיקער רו. ס'איז געווען אַרום דרײַ אַזייגער נאָך האַלבן טאָג.

עטלעכע שוואַרצע פיגורן מיט שפּיזלעך זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען לינקס פון דער אָזערע און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום גרויסן בוים. פונדאַנען האָבן זיי מיט דער כטעזשקע, ווו עס זײַנען אַנטלאָפן דער נאָזהאָרן מיטן

פֿאַרוווּנדעטן בעהעמאָט, זיך אַ רוק געטאָן צו אַ צווייטן בוים, אַ שפּאַן דרײַסיק פֿונעם בעהעמאָט.

צוליב פֿאָרזיכטיקײַט איז איינער פֿון די יעגער אַרופֿגעקראָכן אויפֿן בוים. ער האָט דערזען דעם בעהעמאָט ליגן צווישן אײַנגעבראָכענע ווילד־געוויקסן. דעם נאָזהאָרן האָט ער ניט געזען. דער יעגער האָט באַשלאָסן, אַז די גרויזאַמע חיה איז אַוועק.

די װאַנדעראָבאָס האָבן פֿאָרזיכטיק זיך אַ רוק געטאָן פֿאָרויס און אומיסטן אָנגעהויבן הויך ריידן. פֿון פֿריִערדיקער דערפֿאַרונג האָבן זיי געוווּסט, אַז־ דער נאָזהאָרן, אויב ער געפֿינט זיך נאָך ערגעץ נאָענט און וועט דערהערן אַ רויש, וועט ער ניט אויסהאַלטן־און זיך אַ לאָז טון אויף זיי. דעמאָלט וועלן זיי זיך באַהאַלטן הינטערן בוים, אָדער זיך אַרופֿכאַפּן אַרויף.

נאָר ניט שטענדיק טוען די ווילדע חיות אַזוי, ווי די מענטשן רעכענען אויס. דער נאָזהאָרן האָט הינטער די קוסטן גוט געהערט די קלאַנגען פֿון די מענטשישע טריט, נאָר אין אַטאַקע האָט ער זיך דערווײַל ניט געלאָזט. ער איז שטיל און עלאַסטיש אויפֿגעשפּרונגען, זיך אָנגעשפּיצט און אָנגעשטרענגט, פֿול מיט דראָונג.

די סטעזשקע אין די ווילד־געוויקסן, אויף וועלכער די יעגער זײַנען פֿאַמעלעך געטראָטן, האָט זיך געפֿונען אין עטלעכע שפּאַן פֿונעם נאָזהאָרן.

ווי נאָר די וואַנדעראָבאָס זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען די קוסטן, וווּ דער נאָזהאָרן איז געלעגן באַהאַלטן, האָט מיטאַמאָל גענומען ציטערן די ערד אונטער זיי. פּיצל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די יעגער, אונטערגעכאַפּט איינעם פֿון זיי מיטן האָרן און אים אַ שלײַדער געטאָן הויך אינדערלופֿט. ניט אָפּשוואַכנדיק אויף קיין ווײַלע דעם אָנפֿאַל, האָט ער דעם צווייטן יעגער צוגעקוועטשט צו דער ערד. מיט אומבאַגרײַפֿלעכער ווילדקײַט האָט ער אים געטאָפּטשעט מיט די פֿאָדערשטע פֿיס, אַ שלײַדער געטאָן מיטן האָרן אינדערלופֿט און ווידער געטאָפּטשעט, ווען דער קערפּער איז אַראָפּגעפֿאַלן צו דער ערד. דערנאָך איז ער אָפּגעלאָפֿן אַביסל צוריק און מיט אַ סאַפּעט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן אויפֿן אַנידערגעפֿאַלענעם סוינע.

פּיצל האָט דעם גאַנצן ווילדן צאָרן אויסגעגאָסן צום דאָזיקן סוינע, און דערווײַל פֿאַרגעסן אינעם ערשטן יעגער. ער האָט אים אַפֿילו ניט געהערט און ניט געזען אינערגעץ. ווען דער נאָזהאָרן האָט אים אַ שלײַדער געטאָן אינדערלופֿטן, איז ער אַראָפּגעפֿאַלן אויף די צווײַגן פֿון אַ קיזיל־בוים און געבליבן הענגען אָן באַוווּסטזײַן. די איבעריקע פֿיר יעגער, וואָס זײַנען געגאַנגען פֿונהינטן, זײַנען גלײַך אַנטלאָפֿן, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט דאָס ווילדע פֿירכקען פֿונעם נאָזהאָרן.

אין א ווײַלע ארום האָט זיך באַם ראַנד פֿון די ווילד־געוויקסן באַוויזן א וואָלקנדל רויך. צום אָנהייב איז עס געווען א קליינס און א גרינס, ס׳האָט זיך קוים אָנגעזען אפֿ דער בלויקייט פֿון הימל. נאָר אינגיכן איז עס פֿארוואנדלט געוואָרן אין א טונקעלן זײַל, וואָס הוידעט זיך אפֿן ווינט. אין יענעם טרוקענעם הויכן גראָז צווישן די קוסטן האָט זיך א שלענגל געטאָן א פֿײַער, און צום וואלד האָט זיך גענומען טראָגן א ברייטער פֿלאקער. די פֿיר אַנטלאָפֿענע יעגער האָבן אונטערגעצונדן די ווילד־געוויקסן.

די וואנדעראָבאָס האָבן אויסגערעכנט, אז דאָס פֿײַער וועט צווינגען דעם נאָזהאָרן אַנטלויפֿן, און אזוי איז עס טאקע געווען. פֿיצל איז געשטאַנען א פּאָר מינוט אין קווענקלעניש לעבן דעם טויטן בעהעמאָט און א געפּלעפּטער געקוקט אפֿן גרויזאַמען פֿלאַם, וואָס רוקט זיך אָן אפֿ אים. דערנאָך האָט ער זיך צעפּירכקעט, גענומען לויפֿן און איז פֿארשוווּנדן געוואָרן אין וואלד.

א גאנצן טאָג האָט פּיצל אָן ציל אומגעבלאָנקעט ארום דער אָזערע. סאָף טאָג האָט ער ווידער געקײַט גראָז און צווײַגן אפֿ איינ׳ם פֿון זײַנע



באליבטע ערטער — אפ א גראָזיק בערגל צווישנ די געדיכטע גראָבע קוסטנ.

ווענ ס'איז פינצטער געוואָרנ, האָט פיצל דערזענ פונעמ בערגל פלאַמיקע צונגענ אונ קנוילנ רויכ. א שרעקלעכע סרײַפע האָט געבושעוועט אינ וואלד. דער גאנצער קאנט, האָט זיכ געדוכט, איז ארומגענומענ מיט פײַער. ס'האָט זיכ געהערט אפילע, ווי עס טרישטשעט אינ פײַער דער מאָכ אונ דאָס העלפאנד־גראָז, די ביימער אונ ווילד־געוויקסנ. דאָס פײַער איז צוגעקומענ נעענטער, די פלאמיקע צונגענ האָבנ זיכ שוינ געשלענגלט צווישנ די שווארצע גרופעס ביימער ניט ווײַט פונ פיצלענ, אונ ער איז אוועקגעלאָפנ פאָרויס, דערווײַטערנדיק זיכ פונ די אָזערעס.

דאָס פײַער האָט זיכ צעוואָקסנ אונ געווילדעוועט די גאנצע נאכט. ס'האָט, ענדלעכ, דערגרייכט די ראָר־געוויקסנ אפ די פלעצער צווישנ די אָזערעס, אונ אז ס'איז טאָג געוואָרנ, זײַנענ די קנוילנ רויכ אלצ געדיכטער געוואָרנ אונ האָבנ שוינ פארכאפט דעמ פליינ אײנ קילאָמעטער נאָכנ צווייטנ.

נאָר פיצל איז געווענ ווײַט. פיצל האָט אפ אייביק זיכ אָפגעזעגנט מיט די ערטער, וווּ ער איז געבוירנ געוואָרנ אונ באקומענ זײַנ לעבנס־דערפארונג. ער האָט זיכ געלאָזט גיינ מיט די גוט אײַנגעטראָטענע העלפאנד־סטעזשקעס צומ בארג, וואָס האָט זיכ געטונקלט אפנ האָריזאָנט.

וואָס מער פיצל האָט זיכ דערווײַטערט פונעמ ווולקאנ, אלצ זעלטענער האָט ער אָנגעטראָפנ אפ באלעכאָימ־סטאדעס. אפנ דאָזיקנ גרויסנ פלאכנ פליינ, וווּ עס פלעג אויספאלנ אסאכ ווייניקער רעגנס, איידער אינ די בערג, האָבנ שוינ לאנג אויסגעטריקנט אלע קאליזשעס. דער סטעפ, וואָס איז אינ אנדערע צײַטנ פול געווענ מיט סטאדעס פונ קאָלערליי באלעכאָימ, איז איצט געלעגנ אונטער די ברענענדיקע שטראלנ פונ דער באטאָגעדיקער זונ א הוילער, א ליידיקער, פונ אלעמענ א פארגעסענער. די הויכענישנ אונ בערגלעכ זײַנענ ערטערווײַז געווענ באדעקט מיט זעלטענע, פאנאנדערגעוואָרפענע דערנער־קוסטנ. ערגעצ־וווּ האָט זיכ ארויסגעוויזנ א הויכער איינזאמער פעלדז, וואָס איז געשטאנענ, ווי א מאָנומענט, אינ דער אויסגעשטאָרבענער וויסטעניש.

ווײַט, ווײַט פאָרויס איז געלעגנ דער טונקעלער בארג. ער האָט אזויווי גערופנ אונ געצוינ צו זיכ פיצלענ מיט זײַנע גרינע וועלדער. אונ פיצל איז געלאָפנ אלצ ווײַטער אונ ווײַטער אנטקעגנ דער אומבאוווּסטער צוקונפט.

אָפטמאָל פלעג זיכ פיצל אומקוקנ. די שווארצע קאמענ פונעמ פארלאָשענעמ ווולקאנ זײַנענ בלאס אונ צערונענ געוואָרנ אינ דער ווײַטער

טונקלקײַט, און אױפֿן װולקאַן זײַנען אַלץ נעענטער אָנגעשװוּמען די פֿינצ־טערע קנױלן רױך פֿון דער סרײפֿע.

פֿאַרנאַכט־צו איז פּיצל דורכגעלאָפֿן פֿאַרבײַ די לעצטע לעבעדיקע װעזנס — צװײ שטרױסן. דער רױטער זון־קײַלעך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ראַנד פֿונעם פּלײַן, אַ פֿאַרנאַכטיק װינטל האָט לײַכט און אומעטיק אַ הודע געטאָן אין די שאַרפֿע שטעכלקעס פֿון די דערנער־קוסטן. פּיצל איז מיט גיכע געמאָסטענע טריט אײַנזאַם אַװעקגעלאָפֿן איבער דער ברײט פֿונעם גרױסן װיסטן פּלײַן.

אינהאלט

סעטאָנ־טאָמפסאָן — צעריסנ־אויערל 3

א. פעראָװסקאיא — בערדיאגינס איניקל 35

טש. ראָבערטס — געפונענער 65

ג. לאָװצאָװ — דער געשטרייפלטער ערגעני 77

ב. פלאװילשטשיקאָװ — כאוס 113

א. פינאאר — פיצל אונ בעהעמאָטל 129

ЦІНА 2 КРБ 25 КОП
Оправа 75 к.

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

ДИКІ МАЛЕНЯТКА

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ